STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05614

FUN GERIKHT, FUN RABINAT, FUN GAS

David Aidelman

•

Permanent preservation of this book was made possible by Norman & Eva Brown

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד איידלמאַן

פון געריכט פון ראַבינאַט פון גאַס

רעפּאָרטאַזשן

פאַרלאַג „המנורה“, תל-אביב
תשכ"ו — 1966

D. AIDELMAN

Fun Gericht, Fun Rabinat, Fun Gas

דוד איידלמאַן / פון געריכט, פון ראַבינאַט, פון גאַס

פאַרלאַג „המנורה“, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשכ״ו

Printed in Israel 1966

דפוס „אורלי“, ת״א, רח׳ יסוד המעלה 27

געווידמעט :

מיינע עלטערן, מרדכי יעקב און רחל,
מיינע שוועסטערן, חנה, חיה און חוה,
אַלע אומגעקומען אין דער גרויליקער נאַצי־צייט



דוד איידלמאן

פון געריכט

אין פּרוזדור

דער טאָג אין „פּרוזדור" הייבט זיך אָן אַזוי — ריכטער, שוטרים, פּראָקוראָרן, פּאַרטיידיקער, גערימכטס־פּקידים, גערימכטס־שמשים און יידן פון אַ גאַנץ יאָר — לויפן, קאָכן, זיצן מיט טענות און קרעכצעניש. ווילן מבטל מאַכן גאַנצע קאָדעקסן, געזעצן און פּאַראַגראַפן, ווילן געווינען די גערעכטיקייט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדס־קינדער.

דער „פּרוזדור", ביים בית המשפט השלום, אין וועלכן אַלע זינדיקע לאָזן פריער איבער זייערע דאגות און ספיקות, פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין דער יוסטיץ. — פּראָשעניע־שרייבער, געוועזענע גערימכטס־שרייבער, געוועזענע ווינקל־אַדוואָקאַטן זיצן דאָ מיט זייערע שרייב־מאַשינקעס, הינ־טער די סאַמע ווענט פון בית משפט השלום און ציקלען אויס אויף די בויגנס פּאַפּיר בקשות פאַר יידן, פאַרפּלאָנטערטע אין אַ שפּינוועבס פון סכסוכים, צרות און דאגות.

יידן באַהאַנגענע מיט כל־בו־געשעפטן זיפצן אויס די טענות ומענות. דער פּראָשעניע־שרייבער העלפט מיט מיט אַ קרעכץ, האַקט אין דער שרייבמאַשין און ציט פּאַפּיר־סטענגעס מיט מחילה וסליחה לכל עוונם.

דער טאָג שטעלט זיך ווי אַלע מאָל היים, גלייך און שוין קומען מיט רעש אָנצופאָרן פּאָליציי־קעטשלעך מיט אַרעסטאַנטן פון דער אונטער־וועלט. מיט מיידלעך — פאַרשייטע זונות. דאָס געזינדל פּושעים ווערט אַריינגעטריבן אין אַרעסט־שטיבל, וואָס שטעקט אין „פּרוזדור", ביים בית משפט השלום אין תל־אביב.

אין אַרעסט־שטיבל זאַמלען זיך אָן פאַרשווינען און פאַרשווינטעס, פאַר־דעכטיקע לייט, וואָס ווערן שפּעטער צעפירט אין די גערימכטס־שטיבלעך, געמשפּט צו ווערן על פי דין.

פונעם „פּרוזדור" אין די גערימכטס־שטיבלעך אַריין איז אַ קאַצנ־

שפּרונג, אַ „יאָ" מיט אַ „ניין"; אינעם שפּרייזן הין און צוריק מישן זיך אין „פּרוזדור" אויס ייִדן, ריינע, כשרע אזרחים און איינגעטונקענע פּושעים במלכות. אין גאַנג רייבן זיך ביידע סאָרטן בירגער אַקסל ביי אַקסל, פאַר־טשעפּען זיך קלאַמפּערשט און באַוואַרפן זיך מיט בליקן, אין וועלכע עס ליגט חידוש, גאווה, קנאה־שנאה און רחמנות.

האָט געטראָפן, אַז אין איינעם אַ טאָג, אין צווישן „פּרוזדור", ביי די אַריינגענג צו די געריכטס־שטיבלעך, פירן שוטרים אַ יונגנמאַן פאַר וועלכן אַלע וואָלטן זיך געקאָנט שווערן, אַז ער איז ווייט פון צו זיין אַ פאַרברעכער. גיכער אַ צדיק אין פּעלץ, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק. גייט דער יונגערמאַן איבערן רעשיקן „פּרוזדור", די שוטרים קערעווען אים, ווי להבדיל אַ בעל־עגלה קערעוועט אַ וואָגן. דער יונגערמאַן, אַ ברירה האָט ער, גייט ווי אַ געהאָרכזאַם קינד און פאַלט אַרויף אויף אַן איילנדיק ייִדל; דאָס ייִדל גיט אַזש אַ שפּרונג פון חידוש און שרייט אויס:

— יאָסל, אַ בראָך איז מיר נישט געשען! ווי קומסטו אַהער צווישן די „קנעפּלעך" (שוטרים)?

— פרעג נישט, גוטער ברודער, איך בין אַריינגעפאַלן, — ענטפערט משה־יאָסל מיט אַ קרעכץ און די „קנעפּלעך" ווי גאָר נישט, טרייבן אים אין בית־משפּט־שטיבל.

דאָס ייִדל בלייבט שטיין, גיט זיך אַ קראַץ אין דער גאָמבע און גיט ממש אַ פלי אויף צוריק, צו משה־יאָסלען:

— משה־יאָסל, זאָלסט אַזוי זיין אַ טאַטע צו דיינע קינדער, זאָג, על רגל אחת, וואָס האָט פּאַסירט?

משה־יאָסלען שטיקט אַזש אַ געוויין אין גאָרגל:

— קענסט דאָך ביילען, מיין ייִדענע, דאָס האָט זי מיך פאַרטיק גע־מאַכט.

דאָס ייִדל גיט אַזש אַ ריטשע.

פּלוצים באַוויזט זיך ווי פון אונטער דער ערד משה־יאָסלס ביילע —

— היתכן, האָסט שוין נישט געהאַט וואָס צו טאָן, נאָר איינזעצן דעם מאַן, האַ?

— איך וועל אים נאָך, דעם גזלן, די אויגן אויסדראַפּען און קיין

סיביר אין קייטן, וועל איך אים פאַרשיקן —— שרייטביילע אויפן הויכן קול און לויפט אָן אויפן נייגעריקן יידל, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אויפעסן. — ער האָט דאָך מיך שיער נישט געממיתט, דער פאַסקודניאַק!

— וואָס רעדסטו, ביילע, — חידושט זיך דאָס יידל — משה־יאָסל האָט דיך געשלאָגן? ער קען דאָך קיין פליג אויף דער וואַנט נישט פאַר־טשעפּען...

דאָס יידל הערט נישט אויף צו איילן און לויפן איבערן בית משפט, איבערן „פּרוזדור”, לויפט און פאַלט אַרויף צום צווייטן מאָל אויף ביילען. ביילע האָט רויטע פאַרוויינטע אויגן און קרעכצט ווי אַ קראַנקע. דאָס יידל קוקט זי אָן מיט וווּנדער.

— וואָס איז, ביילע, — טוט ער אַ פרעג — משה־יאָסל האָט דיך שוין ווייטער געשלאָגן?

— גייט שוין, גייט — צעוויינט זיך ביילע אויפן הויכן קול — עס איז מיר אַ גאַנצ רחמנות אויף מיין מאַן. זיי וועלן אים דאַרטן מקיים פּסק זיין, ער קאָן נאָך, חלילה, די לעבעדיקע שיין נישט זען פאַר די אויגן.

דאָס יידל גיט זיך אַזש אַ פאַרקרים אין איין גרימאַסע.

— אַ נאַרישע יידענע זענט איר און איר זענט ווערט דעם שטעקן! ווו זענט איר געווען איידער איר האָט אים אָנגעקלאָגט אין געריכט?

— אוי, וואָס טוט מען, גיט אָן עצה — כליפּעט ביילע.

דאָס יידל דרייט זיך אויס אַוועקצוגיין. באַלד אָבער באַרעכנט ער זיך און גיט אַ זאָג:

— ווייסט איר וואָס, ביילע, גייט אַריין אין בית משפט און ציט צוריק די אָנקלאַגע.

— אוי, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, ר׳ ייד — האָט אים ביילע אַזש אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט — גיטס נאָר אַ קוק, מיר איז דאָס נישט איינגעפאַלן.

חתונה געמאַכט...

פישל ראַזומני איז געפאַלן אויף דער המצאה צו נעמען זיך אַ ווייב פון די מעברה־איינוווינער, וועלכע פירן אַן אָרעם לעבן און יאָגן זיך נישט נאָכן לוקסוס אַזוי ווי די לייט פון דער שטאָט תל־אביב.

אין איינעם אַ טאָג, ווען די זון האָט העל געשיינט איבער דער ערד, האָט זיך פישל ראַזומני אַוועקגעלאָזט פון תל־אביב קיין אור־יהודה און פון דאָרטן צו די מעברות, וואָס מען רופט סקיה א׳, סקיה ב׳ און כדומה נאָך אַזעלכע מקומות, וווּ במקום הייזער שטייען בײדלעך פון האָלץ און בלעך.

האָט זיך פישל ראַזומני געלאָזט גיין איבער דער מעברה און געזוכט מיט די אויגן אַ פאַסיקע אשה, וועלכע זאָל זיין ראוי צו ווערן זיין ווייב. גייענדיק אַזוי צווישן די בײדלעך, האָט אים באַגעגנט דער מעברה־איינ־וווינער סאַלאַך אברהם, וועלכער האָט, דערזעענדיק פישלען מיט די געלע האָר אויפן קאָפּ און מיט די זומער־ברילן, און אָנגעטאָן אין דינעם זיידענעם העמד און געפּרעסטע הויזן, גלייך דערשנאַפּט, אַז עס קען זיך אים אונ־טעררוקן אַ לייכט פאַרדינסטל.

האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, אַ זאָג געטאָן צו פישלען:

— אדוני הנכבד, צי קענט איר מיר זאָגן, וואָס אַזוינס איר זוכט ביי אונדז אין דער מעברה?

— איך זוך אַן עוזרת־בית, — האָט פישל אָפּגעטאַקט אויפן אָרט אַ גלאַטיקן ליגן, מחמת ער האָט זיך געשעמט אַרויסצוקומען מיטן אמת.

נאָר סאַלאַך אברהם האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט און אָן שום שאלות אים אָנגענומען אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין אַ געצעלט, וווּ עס איז געווען צו זען אַ צעבראָכענעם טיש מיט שטולן און אַ נידעריק

געלעגער, אויף וועלכן עס איז געזעסן אַ פּרויענצימער, מיט די פיס פאַרלייגט הינטער זיך אויפן טערקישן אופן.

סאַלאַך אבדהם האָט אַ רעד געטאָן מיט דער יונגער פרוי אויף טער־קיש לשון און יענע האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט און אויסגעגלייכט דעם שלאַנקן גוף.

— אדוני הנכבד, — האָט סאַלאַך אברהם געגומען רעדן צו פישלען — גיט אַ קוק. אָט שטייט פאַר אייך די שיינע צפורה זהירא, וועלכע איז גרייט צו ווערן אייער עוזרת־בית.

האָט פישל אָנגעקוקט די שיינע צפורה זהירא, מיט די פעך־שוואַרצע געלאָקטע האָר אויפן קאָפּ, מיט די מעשענע רינגען אויף די ברוינע הענט און פיס און מיט די פלאַם־פייערדיקע אויגן.

האָט ער, פישל, גאָר נישט געטראַכט און געזאָגט:

— הנני מוכן ומזומן, כ׳בין גרייט אָנצונעמען זי פאַר אַן עוזרת.

— אם כן, אדוני, קומט איר מיר דמי טרחה.

— וויפל קומט אייך?

— פופציק לירות.

— אַ ביסל צו פיל.

— ביליקער קען נישט זיין.

און פישל ראַזומני האָט אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים קיין תל־אביב דאָס פרויענצימער צפורה זהירא, וועלכע האָט אים אויפגערוימט די שטוב און באַזייטיקט דאָס גאַנצע מיסט, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט איבער דער צייט וואָס פישל ראַזומני וווינט אָן אַ ווייב.

און איין מאָל, ווען דער יצר־הרע ביי פישלען האָט זיך געגעבן אַ פאָרע, האָט ער זיך גענטער צוגעשאַרט צו דער שיינער עוזרת.

— צפורה, — האָט ער זי ליבלעך געגלעט און גערעדט — ווילסט ווערן מיין ווייב?

— ווילסט מיט מיר חתונה האָבן?

— כ׳בין גרייט שוין מאָרגן חתונה צו האָבן מיט דיר.

— אויב אַזוי וועל איך זיך אָנפרעגן ביי מיינע קרובים.

— און אַז זיי וועלן נישט באַשטיין?

— זײ װעלן באַשטײן.

און עס האָט זיך אַזױ געמאַכט, אַז פֿישל ראַזומני איז זיך, כּרגיל, אַהײמגעקומען פֿון דער אַרבעט און צו זײַן גרױס שטױנונג האָט ער אין שטוב געטראָפֿן אַ גרױסע אומאָרדענונג, װי עס װאָלט װער געזוכט און גענישטערט בעת זײַן אָפּװעזנהײט.

האָט זיך פֿישל גוט אַרומגעקוקט אין דער װױנונג און דערזען, אַז די טירן פֿון דער שאַנק זענען אױפֿגעריסן און די מאַטראַצן פֿון די בעטן זענען אױך אַזױ אױפֿגעריסן. און אַז פֿישל האָט דערלאַנגט אַ גוטן קוק אױפֿן אָרט, האָט ער געזען, אַז מען האָט אים באַגנבֿעט, אַז מען האָט אים צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, װאָס ער האָט פֿאַרמאָגט און אױך די בעסטע מלבושים, װאָס ער האָט געהאַט, און אַז ער איז געבליבן בײַ גאָרנישט.

האָט פֿישל ראַזומני זיך נישט געפֿוילט און איז אַװעק אין דער מעברה צו דער עוזרת צפּורה זהירא, אױף צו פֿרעגן זי, היתּכן, װי האָט זי געמעגט אָפּטאָן אַזאַ זאַך װי צו באַגנבֿענען אַ חתן, מיט װעמען זי האָט זיך געגרײט חתונה צו האָבן?

אָנגעקומען אין דער מעברה, לאָזט זיך פֿישל אַרײַנגײן אין צפּורהס געצעלט און טרעפֿט דאָרט װױנען גאַנץ אַנדערע מענטשן. גיט ער אַ פֿרעג:

— װוּ איז צפּורה זהירא?

— זי האָט זיך אַרױסגעצױגן פֿון דאַנען.

— װוּהין?

— מיר װײסן נישט.

בלית ברירה איז ער אַװעק מעלדן דער פּאָליצײ און זײ, די פּאָליציסטן האָבן נאָך אַ חקירה ודרישה אױסגעפֿונען, װוּ עס באַהאַלט זיך אױס צפּורה זהירא און סאַלאַך אבֿרהם, װעלכער איז נישט קײן אַנדערער, נאָר איר ליבלעכער מאַן.

צפּורה זהירא און איר מאַן סאַלאַך אבֿרהם האָבן פֿון שופֿט השלום אַרײַנגעכאַפּט אַ פּסק דין פֿון דרײַ חדשים על תּנאי.

וואָס לצים קענען...

אין דער נאַכט ווען עס האָט פּאַסירט די מיאוסע מעשה מיטן יונגן ווייבל חליפה פון דער מעברה ביי תל־אביב, איז פונקט דעמאָלט דאָרט געווען אַ פריילעכער אָוונט מיט טענץ און געזאַנג און אויפגעטראָטן איז די „להקת הליצנים" פון דער מעברה. די לצים־טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי יונגע פּאַרשוינדלעך, בשם: צדוק בן צדוק, יצחק קמעי און שלום חלום, האָבן אויפגעפירט אַ טעאַטער־שטיק מיט קאָמישע סצענעס, מזרח־סצענעס, פון וואָס דער עולם, די אַנשים נשים וטף פון תימן, מאַראָקאָ, טוניס און אַלזשיר, און בתוכם דאָס יונגע ווייבל חליפה, האָבן געלאַכט ביז טרערן.

דערנאָך האָבן די דריי טאַלאַנטן זיך געלאָזט ווילגיין ביים פּראָוויזאָרישן מזנון, ווו זיי האָבן געגעסן „חומוס" און „טחינה" און געפעפערטע פּיצעס און געזייערטע פעפערלעך און דאָס אַלץ האָבן זיי פאַרטרונקען מיט טערקישן „עספּרעסאָ", וואָס האָט אין זיך געהאַט די שטאַרקייט פון ווייַן און בראָנפן.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָבן זיך די דריי לצים אויפגעהויבן פון די בענקלעך און זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן, אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט, וואָס האָט ווי מיט אַ שוואַרצער דעק פאַרדעקט די מעברה, מיט די פּיצלעך הייזלעך פון דינע ברעטלעך צונויפגעשלאָגן. און גייענדיק אַזוי אויפן אויסגעטראָטענעם שטעג, ווו די זייטן זענען פאַר־וואַקסן מיט ווילדגראָז און ווו עס איז נישט געווען צו זען קיין ילוד איש, איז זיי אַקוראַט אַנטקעגנגעקומען דאָס יונגע ווייבל חליפה, מיטן ווייסן געפּאַסטן קליידל און מיט די קעציש‏ע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינצטער מיט אַ גרין פייערל, און היוצא מזה, האָט ביי אַלע דריי זיך דערוועקט אַ תאווה צום דאָזיקן ווייבערישן באַשעפעניש, וועלכע טוט גיין אַליין נאָך האַלבער נאַכט. און זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף חליפהן, אַראָפּ־

געשלעפּט זי פון אויסגעטראָטענעם שטעג אין טיפן גראָז אַריין — און וואָס עס איז געשען ווייטער איז באַוווּסט געוואָרן אין בית משפט השלום, ווו עס איז פאָרגעקומען דער משפט איבער די דרײַ יונגעלייטלעך פון דער לצים־טרופּע, וועמען חליפה האָט אָנגעקלאָגט פאַר באַגײן קעגן איר אַ מיאוסע טאָט.

אַלע דרײַ אָנגעקלאָגטע, אָנגעטוענע ווי די הײַנטצײַטיקע ווילדע ייִנג־לעך אין „דזשינס"־הויזן און אין כתונת פּסים, געבלימטע העמדלעך מיט אָפענע קראַגנס און אין שיך מיט שפּיציקע נעז, האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ שורה אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער רעדע פון קטיגור, דעם פּאָליציי־פּראָקוראָר, וועמענס אויפגאַבע אין בית משפט השלום איז צו פאָדערן בײַם שופט כלערליי שטראָפן פאַר די באַשולדיקטע אין אָפטאָן פאַרברעכערישע מעשים. די אָנגעקלאָגטע האָבן געלייקנט און געזאָגט האָבן זיי צום שופט, אַז „לא יודע" זיי וויסן פון גאָרנישט צו זאָגן, אַז זיי האָבן בלויז געשפּילט קאָמיש טעאַטער און ווייטער גאָרנישט.

און עס האָט אַפילו איינער פון די אָנגעקלאָגטע אָנגעטאָן בעתן משפט אַ זײַדן קאַפּל אויפן שוואַרצן ווי פעך געקרייזלטן קאָפּ האָר, עס זאָל הייסן, אַז ער איז גראָד אַ פרומער, אַן אָפּגעהיטענער ייִד, וואָס וועט נישט אָפּטאָן אַזאַ עבירה ווי מאַנס זיין אַן אשת־איש...

אין ווײַטערדיקן גאַנג פון משפט האָט דער שופט גערופן דעם הויפּט־עדות, די אָנקלאָגערין חליפה, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן צום געריכט־פּולפּיט, כדי זי זאָל מיט אירע דערקלערונגען וואַרפן אַ קלאָר ליכט אויף דער געשעעניש אין יענער פינצטערער נאַכט, אין דער מעברה בײַ תל־אביב. און איידער די אָנקלאָגערין האָט גענומען דערציילן, וואָס אַזוינס עס איז איר געשען אין יענער נאַכט, האָט בינתיים דער שופט מיט חכמה געהייסן אַרויסגיין פון געריכט־זאַל חליפהס מאַן, דעם אינסטאַלאַטאָר, וועלכער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן אויף צו הערן ממש געני, וואָס עס האָט געטראָפן מיט זײַן ווײַבל, כדי ער זאָל בשעת הצורך זיך קענען שיידן פון איר.

אויפן פאַרלאַנג פון שופט האָט חליפה גענומען איבערגעבן פּרטים

פון יענער נאַכטיקער געשעעניש און בשעת מעשה האָט זי גערעדט מיטן תימנער לשון, וואָס קיינער אויסער איר, האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז דער שופט מיטן קטיגור זאָלן זיך, קוים מיט מי, אַנשטויסן אין וואָס עס גייט און וואָס די אָנקלאָגערין מיינט צו זאָגן.

און דאָס איז אויך געווען לטובת די אָנגעקלאָגטע, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז זיי זענען ריין פון דער דאָזיקער זינד. לסוף האָט דער שופט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק דין, וואָס האָט געלויטעט צו אַ האַלב יאָר תפיסה על תנאי פאַר אַלע דריי אַמאַטאָרן־אַקטיאָרן פון דער לצים־טרופּע, אין דער מעברה ביי תל־אביב.

אויף אַ קאַטאַוועס

אַזוי ווי עס איז ביטער אַ פייגעלע אָן אַ נעסט, אַזוי איז בראָנטשען דער קראַנקן־שוועסטער געווען ביטער דאָס לעבן איינע אַליין, אָן אַ מאַן און אַ קרוב, פאַר וועמען צו קאָנען אויסגיסן דאָס האַרץ.

דערצו האָט בראָנטשע געהאַט איר מקום אין דער באַקאַנטער תל־אביבער פעריפעריע שבזי, ווו די הייזלעך זינקען פון אַלטקייט און ווו עס זענען נישט בנמצא קיין חתנים אַזעלכע, וועלכע זאָלן מסכים זיין צו נעמען פאַר אַ ווייב בראָנטשען, וואָס איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן.

איז נישט קיין חידוש, פאַר וואָס בראָנטשע זיצט אָפּ גאַנצע שעהען אין די קאַפּעהייזער, וואָס געפינען זיך אויף די רוישיקע גאַסן, ווו זי קוקט מיט קנאה אויף די פאַרבייגייענדיקע פאָרלעך, וועלכע שפּאַצירן געאָרעמט און באַשענקען זיך מיט ליבלעכע בליקן.

ויהי היום, זיצט זיך אַזוי בראָנטשע אין קאַפּעהויז, ווו די טישלעך זענען אויסגעשטעלט צו דער טומלדיקער גאַס און קוקט זיך צו צו די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, און דאָ קומט מיט אַ מאָל אָן אין קאַפּעהויז אַ פאַרשוין, אָנגעטאָן היינטמאָדיש, אין שוואַרצע הויזן מיט שמאָלע מאַנקעטן, אין שיך מיט שפּיציקע נאָסקעס און אין אַ פאַרביק העמדל מיט קורצע אַרבל — און איידער וואָס, און איידער ווען, זיצט שוין דער אַריינגעקו־מענער נעבן בראָנטשען און טוט צו איר רעדן ליבנסווירדיקע רייד:

— ליבע גברת, דערלויבט מיר אייך צו פרעגן אַ פּאָר ווערטער.

— ביטע, איר קאָנט פרעגן.

— צי זענט איר נישט אַ מאָל די אַרטיסטין פון היגן טעאַטער?

— אדוני, וואָס פאַלט אייך עפּעס איין צו פרעגן אַזאַ זאַך?

— ווייל איר זענט אַזוי שיין ווי יענע אַרטיסטין.

איז דאָס בראָנטשען שטאַרק געפעלן און זי האָט דעריבער גענומען קוקן ליבלעך צום מיטזיצער.

— איר זענט פון תל־אביב? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן.

— איך בין פון בת־ים. און איר פון וואַנען זענט?

— פון תל־אביב.

— זענט איר אַ היגע געבוירענע?

— כ׳בין פון פוילן.

— און איך בין פון גאַליציע.

— זענען מיר דאָך פון איין „פּאַראַפיע״.

און בראָנטשע, וואָס האָט זיך גוט איינגעקוקט אין פאַרשווינס פּנים, האָט גענומען אַ פרעג טאָן כלאחר יד:

— זאָגט מיר נאָר, אייער ווייב וועט נישט אַ מאָל בייזערן זיך, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז איר זיצט מיט אַ פרוי אין קאַפעהויז?

— כ׳האָב נישט קיין ווייב.

— און אַ כלה האָט איר?

— אייך וואָלט איך געוואָלט פאַר אַ כלה.

— אייער פאַרלאַנג קאָן אַ מאָל פאַרווירקלעכט ווערן, וואָרעם איך האָב נישט קיין מאַן.

און אַז דער שמועס האָט זיך אויסגעברייטערט, אַזוי האָט בראָנטשע דער־פילט בפועל ממש ווי דער פאַרשוין ווערט מיט איר אַלץ מער היימי־שער און צוגעלאָזענער און לסוף האָט ער גענומען שפּילן דעם פאַר־ליבטן, נעמענדיק איר האַנט אין זיינער און קוקנדיק אין אירע אויגן מיט אַ פאַרליבטן בליק.

בראָנטשע, וועלכע איז כמעט געווען ווי זיכער, אַז עס האָט זיך איר אונטערגערוקט דער געגאַרטער חתן, האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, ווען דער פאַרשוין האָט געעפנט, אַזוי זיך, איר האַנטבייטל, אין וועלכן ער האָט זיך אַ ביסל געגראַבלט און וועלכן ער האָט זייער באַוווּנדערט.

— וואָס פאַר אַ שיינעם האַנטבייטל איר האָט!

— און איך געפעל אייך נישט? — האָט זיך בראָנטשע געמאַכט ווי זי וואָלט געווען באַליידיקט.

— חס ושלום, איר געפעלט מיר זייער און זייער. דעריבער לייג איך אייך פאָר, אַז מיר זאָלן זיך מאָרגן טרעפן אין זעלבן קאַפעהויז.

— אָפּגעמאַכט.

אַז דער פּאַרשוין איז אַוועק, האָט בראָנטשע אויפגעמאַכט דעם האַנט־בײטל, כּדי צו באַצאָלן דעם קעלנער פאַר דער קאַווע — און האָט צו איר גרויסער שרעק דערזען, אַז זי האָט נישט די צוויי הונדערט פונט, וואָס זי האָט געהאַט ליגן אינעווייניק. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז געוואָרן באַגנבעט און אָפּגענאַרט דורכן דאָזיקן כיטרען פאַרשווינדל, וועלכער האָט אַזוי שיין געשפּילט די ראָל פון אַ פאַרליבטן חתן. און זי איז גלייך אַוועק מעלדן דערפון אין דער פּאָליציי.

די פּאָליציי פון איר זייט האָט זיך ענערגיש גענומען אַ נעם אָפּצוזוכן דעם גנב און האָט אים, לויט די שילדערונגען, וואָס בראָנטשע האָט אָנגעגעבן, גלייך געפונען אין איינער פון די קנייפּעס אין יפו, פון וואַנען ער איז אָפּגעפירט געוואָרן בכבוד גדול אין פּאָליציי־אַרעסט, ווו ער איז געזעסן ביזן משפט.

אויפן משפט, ווו דער פּאַרשוין האָט אַרײַנגעכאַפּט אַ פּסק פון דריי חדשים תפיסה, האָט ער אויף דער פראַגע פון שופט, הלמאי ער האָט באַגנבעט דאָס אָרעמע מיידל, דערקלערט, אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ קאַטאָוועס און אַז אַרויסגעקומען איז ביי אים די גניבה אויף אַן אמת.

טויזנט און איין נאַכט...

די העכסט־אויסטערלישע פּאַסירונג מיט עזריה חכים אין דער לע־געננדאַרער שטאָט פון אַלי־באַבאַ אין באַגדאַד, וואָלט אפשר קיין מאָל נישט געווען דערגאַנגען צו די אויערן פון די תל־אביבער בטלנים, די אייביקע לײדיקגײער, סקאַרבאָווע געריכט־זיצער, ווען נישט די אַל־טיטשקע חמודה חכים, די מוטער פון באַשולדיקטן, וואָס האָט די מעשה נורא דערציילט בעת דער געריכט־הפסקה אין קאָרידאָר פון בית משפט השלום.

חמודה חכים, אַ געריינצלטע זקנה, אַן איינגעשרומפּענע געשטאַלט, אַ געהילטע אין אַ פּאַרצייטישן קאַפטור, באַמאָלן מיט האַלבע לבנהס, האָט שטיקערווייז געמאָלן די פּרטים פון דער מעשה־נורא, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר זון, עזריה חכים, אין אַראַביש. היות די נייגעריקע געריכט־בטלנים, די אייביקע געריכט־זיצער, האָבן נישט משיג געווען דעם פּירוש המלים, האָט די קרובה פון חמודה חכים, אַ מיטעלאַריקע אשה, אַ באַהאָנ־גענע מיט בלעכענע רינגען אויף די אויערן, פיס און הענט, פאַרטייטשט דער אַלטיטשקערס רייד מיט אַ צעבראָכענעם עברית.

הכלל, די אַלטיטשקע האָט גערעדט און גערעדט און די קרובה, מיט די רינגען, האָט איר איבערגעהאַקט אין מיטן רעדן, און אַרויסגעקומען איז אַ מעשה אַקוראַט ווי אין טויזנט און איין נאַכט.

הערט און שטוינט: עזריה חכים, דעמאָלט נאָך אַ יונגער חברה־מאַן, אַן איינגעבירגערטער תושב אין דער שעכערעזאַדער שושן הבירה, איז אין איינעם פון די ראַמאַדאַן־טעג (תענית ציבור) אַוועק אויפן באַרימטן באַגדאַדער מאַרק, מיט דער דעה איינצוהאַנדלען פאַר זיך אַ מציאה, אַ מלבוש, פאַרן אָנקומענדיקן יום־טוב פסח. גייט ער אַזוי, עזריה חכים, אויפן מאַרק און אַרום אים קאָכט און רעשט אַ האַנדל־וואַנדל מיט גרינ־ציגן, מיט פרוכט, מיט קמיעות פאַר עולי־רגל קיין מעקאַ. אַרום עזריהן

שפּאַרט אַ מאַסע װײַס־געקלײדטע פּעלאַכן, מיט האַנטעכער איבער די קעפּ, עפּענדיס מיט רױטע פעסקעס און גרינע ברײטע גאַרטלען, פאַר־הילטע בעדױנער און אַ שלל פאַרדעקטע אַראַבישע שײנהײטן, האַרעם־װײַבער מיט שומרים־שכירים, װעלכע גײען נאָך פּוסטריט מיט בײטשן און שטעקנס, אולי ירחם און עס װעט עמעצער פאַרטשעפּען אַ קעבס־װײַב.

עזריה חכים שפּאַנט פון בײדל צו בײדל. אַלע בײדלעך זענען אָנגע־שטאָפּט מיט זײדענע שטאָפן פון דמשק, מיט אַטלאַס־געװעבן, אױסגע־װעבט אין דער שטאָט פון גאָלדענעם קופּאָל — באַסראַ.

עזריהן שװינדלט פאַר די אױגן פון די בראַסלעטן זהב טהור, פון דימענט־שטײנער, געבערנגטע פון שװאַרצן אַפריקע, פון באַמאַלענע גע־פעסן, אױסגעקנעטענע פון די לײמיקע ברעגן ביי די טײכן טיגריס און חידקל. עזריה איז אײן שטיק חידוש, װײסט נישט, װאָס עס טוט זיך מיט אים, בלאָנדזשעט און פאַרבלאָנדזשעט װײַטער אין די שמאָלע קרומע געס־לעך, פאַלט אַרײַן אין אַ לאַבירינט פון אױסטערלישע מינאַרעטן, מעטשעטן, אַרום װעלכע עס ראַיען אָפּגעריסענע בעטלער און אַלי־באַבאַ־לײַט, באַג־דאַדער אונטערװעלט מיט קרומע מעסערס אין די פאַכװעס און גזלנישע אױגן. עזריה שפּרײַזט אין די געסלעך װי אַ לונאַטיקער, פאַרקריכט אין סאַמע תהום פון דער סטרא־אַחרא, װוּ עס שװיבלט און גריבלט מיט נשים־זונות און גברים־אַלפאַנסן. עזריה פאַרקוקט זיך אױף אײנער אַזאַ לילית און די לילית, װאָס פאַרשטײט זיך אױפן װוּנק, צעשמײכלט זיך זיס צו עזריהן און װינקט מיט אַנצוגעהערענישן.

עזריה איז אין גאַנצן אַ געפּלעפטער. די לילית פאַרפירט אים אין אַ קאַטאַקאָמבע. דאָרטן אין דער קאַטאַקאָמבע באַקומט עזריה אַ זעץ אין מוח פון אַן אַשמדאַי, עזריה פאַלט אַרײַן אין הינער־פּלעט און כאַפּט זיך אױף בײַם קאַדי (ריכטער), אונטער דער באַשולדיקונג אין אַרײַנרײַסן זיך אין אַ האַרעם שלא כדין, און אַזױ שטײענדיק פּנים אל פּנים פאַרן קאַדי, האָט עזריה צום גרױסן אומגליק דערזען, אַז ער האָט נישט דאָס געלט, פאַר װעלכן ער האָט געזאָלט קױפן אַ מציאה אױף יום־טוב.

הקיצור, דער קאַדי האָט נישט געמאַכט קײן שהיות און געפּסקנט, אַז עזריהס רעכטער פוס, װאָס האָט דער ערשטער אריבערגעטראָטן דעם

האַרעם, דאַרף אָפּגעהאַקט ווערן, און גלייך איז עזריה אַוועקגעשלעפּט געוואָרן צו אַ תלין, וואָס האָט עזריהן אָפּגעהאַקט דעם פוס ביזן קנעכל.

דאָס איז די אויסטערלישע געשיכטע פון עזריה חכים, וואָס איז אַוועק פון בלוטיקן באַגדאַד צוזאַמען מיט זיין אַלטער מאַמען אין דער ניי־אַנט־שטאַנענער מדינת ישראל. עזריה חכים האָט באַקומען אַ שיכון ווייטלעך פון תל־אביב. ער האָט ליב זיין אַלטער מאַמען און קען נישט פאַרגעסן דעם גרויליקן תלין, וואָס האָט אים אָפּגעהאַקט דעם פוס. פיל יאָרן זענען שוין זינט דעמאָלט פאַרביי, אָבער עזריה געדענקט אַלץ, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט, און פאַר גרויס צער טרינקט עזריה און שיכורט ביז פאַרגעסן. אין די ניכטערע טעג דערמאָנט זיך עזריה, אַז ער האָט אַן אַלטע מוטער, וועלכע מען דאַרף שפּייזן. גייט ער אַרויף אין דער עזרה סוציאלית נאָך הילף. עזריה באַקומט הילף, וואָס קלעקט נישט פאַר שיכ־רות, נאָר עפּעס אַ לייכטע צוגאָב־אַרבעט קען אים העלפן. אין דער עזרה סוציאלית האָט מען אים שוין איינגעשאַפט עפּעס אַן אַרבעט, אָבער די אַרבעט שמעקט נישט עזריהן.

און עזריה גייט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויף אין סאָציאַלן אַמט; אַליין איז ער בגילופין. ער כאַפּט אַרויס אַ מעסער פון שייד, דראָט די באַאַמטע און ווערט אַרעסטירט. גלייך פון אַרעסט איז עזריה געבראַכט געוואָרן פאַרן שופט השלום.

דער ריכטער האָט שוין פון לאַנג דורכגעבלעטערט דעם געריכטס־אַקט און טראַכט מחשבותן. דער ריכטער האָט עזריהן אַריינגעזאָגט מוסר, אַז אין ישראל איז נישט דער מנהג צו באַפאַלן באַאַמטע, וועלכע טיילן הילף די נויטבאַדערפטיקע — און טרינקען און שיכורן איז אויך נישט קיין אָנגענומענער כלל אין ישראל. וואָס שייך אַרבעט פאַר עזריהן, האָט דער באַפאַלענער באַאַמטער פון דער עזרה סוציאלית דערקלערט פאַרן געריכט, אַז דער באַפאַלער האָט קיין מאָל זיך נישט געווענדט שריפטלעך וועגן אַרבעט און בלויז געוואַלדעוועט.

טראַכט דער ריכטער און בלעטערט דעם געריכט־אַקט און גיט סוף־כל־סוף אַרויס אַ פּסק־דין פון אַ חודש אַרעסט על תנאי, אויב דער נידון עזריה וועט ווייטער באַפאַלן די באַאַמטע פון עזרה סוציאלית.

דער ריכטער האָט אויך נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן דעם באַפּאַלענעם באַאַמטן, אַז ער זאָל אין עזריהן נישט פאַרגעסן און פאַרזאָרגן אים מיט עבודה.

עזריה איז אַרויס פון געריכט־זאַל צוזאַמען מיט זיין אַלטער מאַמען און קרובה. די אַלטיטשקע האָט, גייענדיק, געמאַלן מיט אָנצייניקן מויל, גערעדט האָט זי צו עזריהן נישט פאַרשטענדלעכע רייד. די קרובה האָט איר איבערגעריסן אין מיטן. עזריה האָט אַוועקגעשפּרייזט פון געריכט־זאַל. אַריינקומענדיק אין אַ ווייטערער גאַס, האָט עזריה, בלייבנדיק שטיין פאַר אַ רעסטאָראַן פון מזרח־מאכלים, פאַרבעטן ביידע נשים אויף אַ געבראָ־טענעם שאַשליק מיט אַ שלוק וויין. אַלע דריי האָבן זיך געזעצט אַרום טישל און דערוויל, איידער־וואָס־ווען, אויפגעגעסן אַ היפּשע פּאָרציע שאַרפּע פעפערלעך...

מיטן שענסטן פאַרגעניגן

ראַפּאַלעק איז נאָך זינט ער לעבט נישט געמשפּט געוואָרן אין בית משפּט, און מיט אַזאַ פרוי ווי די געגטע גאָלדע, איז ער נאָך נישט געפּרוווט געוואָרן.

דאָס ווייבל גאָלדע, וואָס פאַרבט זיך די האָר און לעבט דערפון, וואָס זי פאַרברענגט מיט בחורים אין די יאָרן, איז געווען די יעניקע, וואָס האָט אָנגעבראַכט אַ משפּט אויף ראַפּאַלעקן.

און די געשיכטע איז אַזוי אַרום פאַרגעקומען:

ראַפּאַלעק, וועלכער איז שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן און עס איז אים געוואָרן נמאס דאָס זיצן איינער אַליין אין שטיבל, איז זיך אַוועק צו זייטן גוטן־פריינט מאָטיע, וואָס איז אויך געווען אַ בחור אין די יאָרן — און טאַקע דאָרטן, אין מאָטיעס בחורישן שטיבל, האָט ראַפּאַלעק געהאַט דעם כבוד צו באַקענען גאָלדען, פון וועלכער ער האָט דערנאָך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

דאָס ווייבל גאָלדע, וועמענס האָר זענען דאָס מאָל געווען געפאַרבט אויף רויט, האָט, דערזעענדיק ראַפּאַלעקן, באַשלאָסן אַריינצוקריגן אים אין איר נעץ אַריין און דערפאַר האָט זי גענומען מאַכן די ווייבערישע קונצן, ווי דאָס, וואָס זי האָט זיך רוזשירט און פּודרירט דאָס פּנים און געשמינקט די ליפּן און זיך געזעצט אין אַ פאַרפירערישער פּאָזע, פאַר־לייגנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, און דערפילנדיק מיט איר ווייבערישן חוש, אַז זי האָט אויף אים געמאַכט דעם געהעריקן רושם, האָט זי דעמאָלט אַזוי געזאָגט צום בחור אין די יאָרן:

— אדון, אויב עס איז אייך ליב מיין געזעלשאַפט, דאַן קומט מיט מיר זיך פאַרוויילן.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן.

גאָלדע האָט אַוועקגעפירט ראַפּאַלעקן אין די באַלעבטע גאַסן פון

תל־אביב, דאָרטן, וווּ עס געפינען זיך די אויסגעפּוצטע קאַפעהייזער מיט די באַר־רעסטאָראַנען און וווּ עס לייכטן מיט העלן ליכט די רעקלאַמע־ליכטער און די גאַסן־לאַמפּן.

גאָלדע האָט ראַפאַלעקן אַריינגעפירט אין איינעם אַ קאַפעהויז, וווּ עס האָט זיך אויך געפונען אַ באַר אויף צו טרינקען משקה. און ביידע האָבן זיך געזעצט אויף די הויכע בענקלעך אַרום באַר און געטרונקען צו גלעזער קאָניאַק. אויסגעטרונקען, האָבן זיך ביידע געלאָזט גיין אין גאַס אַריין, וווּ עס שטעקן די קהלשע בענק, וואָס נוצן אויף אויסרוען די מידע אברים. און אין אָט דער שדרה, זענען גאָלדע און ראַפאַלעק אָפּגעזעסן ביז ווייט אין דער נאַכט אַריין, ביז די גאַסנקערער זענען געקומען אויסקערן די גאַסן.

דעמאָלט האָט גאָלדע אויסגעשטרעקט איר הענטל מיט די רויטע מאַניקירטע נעגל.

— אדון, איידער מיר צעשיידן זיך באַדאַרפט איר מיר געבן פופציק פונט.

— פאַר וואָס קומט אייך פופציק פונט? — האָט ראַפאַלעק אויסגע־שריגן מיט פאַרווונדערונג.

— פאַר דעם, וואָס איר האָט געהאַט די הנאה צו פאַרברענגען מיט מיר.

— פאַר בלויז זיצן מיט אייך אויף דער באַנק קומט אייך צו באַצאָלן אַזוי פיל געלט?

— אדון, מיר האָבן זיך געקושט און געהאַלדזט און געהאַלטן זיך אַרומגענומען און פאַרן דאָזיקן קומט מיר צו באַצאָלן דאָס געלט.

— איך וועל אייך פאַרן דאָזיקן נישט באַצאָלן.

— איר וועט יאָ באַצאָלן.

— איך וועל נישט באַצאָלן.

ווען ראַפאַלעק האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָט זי מיט אַ מאָל אויפגעהויבן אַזאַ געוואַלד, וואָס האָט ווייט אָפּגעקלונגען אין דער גאַס אַריין און וואָס האָט צוגעצויגן אַ פּאַטרולירנדיקן שוטר, וועלכער איז געקומען אָנצולויפן מיטן „שפייער" (רעוואָלווער) אין דער האַנט.

— מה קרה? וואָס האָט פּאַסירט צווישן אייך ביידן? — האָט דער שוטר געעפנט דאָס ביכל און גענומען שרייבן אַ ראַפּאָרט.

— מיין פרויען־ערע האָט דער דאָזיקער אויסוואורף געוואָלט ביי מיר רויבן — האָט גאָלדע נישט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען.

אַזוי אַרום איז ראַפּאַלעק דערגאַנגען צום בית משפט השלום, ווו ער איז געמשפּט געוואָרן לויט אַלע כללים פון געזעץ.

דער שופט, אַ ייד אַ פּיקח, האָט, נאָכן אויסהערן פון ראַפּאַלעקן די גאַנצע געשיכטע, באַלד פאַרשטאַנען, אַז שולדיק אין דעם איז נישט קיינער, נאָר דאָס געגטע ווייבל גאָלדע מיט די פריש־געפאַרבטע האָר אויף קופּער־קאָליר, ווען דער שופט האָט פאַרמשפּט אויף אַ חודש על תנאי, פּאַר פרווון אויספרעסן געלט פון אַ מענטשן און פּאַר שטערן די עפנטלעכע רו.

מלכהלע „סאָלדאַט"

ווען נישט דער משפּט קעגן דעם פּאַרפּאָלק בערל און מלכה פלוימענ־זאַפּט, וואָלט מען גאָרנישט געוווּסט, אַז מלכה איז געווען אַ סאָל־דאַטקע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָך מער, זי האָט אַפילו באַקומען אַ מעדאַל פון די רוסן פאַר אַרויס־וויזן גרויס העלדישקייט אויפן פראָנט.

די מעשה גבורה, וואָס מלכה האָט אַרויסגעוויזן, איז געווען דאָס אַרויסראַטעווען פון אונטער אַ האָגל פון שונאס קוילן בערלען דעם סאָלדאַט, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרן בעת דער שלאַכט. געווען איז דעמאָלט מלכה אַ סאַניטאַרין אין מעדיצינישן פּונקט — און אַקוראַט אין דער צייט, ווען בערל איז אַ פאַרוואונדעטער געקראָכן אויף אַלע פיר צום „סאַן־טשאַסט" (סאַניטאַר־פּונקט), האָבן אויף אים די „פריצן" געעפנט אַ פייער פון זייערע אויטאָמאַטישע ביקסן, ווען נישט מלכה, וועלכע האָט, נישט קוקנדיק אויף דער טויט־סכּנה, זיך אַוועקגעלאָזט צו בערלען און אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן פייער, וואָלט בערל שוין לאַנג געווען אַ פּאַרטיקער.

דערפאַר האָט בערל גענומען מלכהן פאַר אַ ווייב און אויך דערפאַר רופט ער זי נישט אַנדערש ווי — מלכהלע.

הקיצור, בערל און מלכה האָבן נישט לאַנג געטראַכט און זענען צוגלייך מיט דער שארית הפּליטה געקומען אין אייגענעם לאַנד אַריין, באַזעצנדיק זיך נישט ווייט פון תל־אביב.

ווי נאָר בערל מיט מלכהן האָבן זיך אויפגעמאַכט אין זייער מקום אָן אייגן שפּייז־געוועלבל, מיט אַ רשיון אויף צו פאַרקויפן ירקות, אַזוי איז זיך גלייך אָנגעקומען דער קאָנקורענט בשם יוסיפל און האָט אָנגעמאַכט אַ פייער פון מחלוקת, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט און פאַראורזאַכט, אַז עס זאָל ווערן אַ פּראָצעס. אָט דער יוסיפל האָט זיך אויפגעמאַכט די שפּייז־

קראַם אַקוראַט אין זעלבן הויז, ממש אַ טיר צו אַ טיר, און צוגענומען ביי בערל מיט מלכהן די קונים.

איין מאָל, אין אַ שיינעם העלן טאָג, ווען ביים קאָנקורענט יוסיפל האָט זיך געררודערט מיט קונים און אין געוועלבל ביי בערלען מיט מלכהן איז געווען פוסט, האָט זיך דאָס אויערל אָפּגעריסן פון קריגל. דעמאָלט האָט זיך מלכה געגעבן אַ שטעל אַוועק ווי כדומה אַ סאָלדאַט ביים אָפּגעבן טשעסט דעם עלטסטן, און האָט אַ זאָג געטאָן צום מאַן:

— בערל, די צייט איז געקומען זיך אָפּצורעכענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיטן קאָנקורענט.

האָט זיך בערל גענומען בעטן ביי איר:

— מלכהלע, באַרעכן זיך, וואָס דו גייסט טאָן.

נאָר מלכה האָט שוין נישט געהאָרכט איר מאַנס געבעט. ווי אַ זעלנער וואָס גייט אין אַטאַקע קעגן שונא, אַזוי האָט זיך מלכה אַ לאָז געטאָן צום קאָנקורענט אין געוועלב אַריין און האָט גענומען איבערדרייען אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

און עס איז נישט אַוועק קיין האַלבע שעה, ווי עס איז געגעבן אַ קום אָן אויפן אָרט די פּאָליציי און האָט מלכהלען מיטן מאַן מזכה געווען מיט אַ ראַפּאָרט.

דער ראַפּאָרט איז אַוועק אַהין צום ריכטיקן אָרט — דאָס הייסט, צום בית המשפט, וווּ עס האָט זיך טאַקע דאָ נישט לאַנג אָפּגעשפּילט דער משפט מיט אַלע פּיטשעווקעס. דער ערשטער איז אויפן משפט אַרויס־געטראָטן יוסיפל דער קאָנקורענט און האָט פאַרן שופט געשילדערט דעם גאַנצן פאַרלויף, נישט פאַרגעסנדיק, דערביי איבערצוגעבן וועגן דעם גרויסן שאָדן, וואָס ער האָט געהאַט בעת זי, די אַנגעקלאָגטע, האָט געאַר־בעט מעשים, אַ תל מאַכנדיק פון אַלע שפּייז־אַרטיקלען, מיט די ירקות בתוכם. דערנאָך איז אויפגעטראָטן בערל, וועלכער האָט צו נישט געמאַכט יוסיפלס דערקלערונגען, דערציילנדיק דעם שופט, אַז וואָס שייך דעם שאָדן, איז עס געווען נישט מער ווי דאָס וואָס זיין ווייב מלכה האָט אויס־געשיט אַ זעקל קאַרטאָפל, וואָס ער, יוסיפל, האָט זיי, איינס און איינס, צוריק אויפגעקליבן.

לסוף האָט זיך פאַרן גרינעם ריכטער־טיש אַוועקגעשטעלט די בעל־דברטע אַליין, וואָס האָט, ראשית כל, באַשטעטיקט די רייד פון איר מאַן בערל, והשנית, האָט זי געגומען און אַרויסגעלייגט אירע טענות אויפן טיש:

— היתכן, כבוד השופט, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל צונעמען די פרנסה און ד,ערצו נאָך זאָל ער דעם געליטענעם מזכה זיין מיט אַ משפט.

אחרי הדברים האלה האָט דער שופט דערקלערט אַן הפסקה און בערל האָט די דאָזיקע הפסקה טאַקע אויסגענוצט כדבעי, דערציילנדיק פאַר די אַרומיקע יידן, די אייביקע געריכט־זיצער, די מלחמה־געשיכטע, מיט זיין ווייב מלכהלע סאָלדאַט, וועלכע האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. בערל האָט נישט באַוויזן אין גאַנצן צו פאַרענדיקן זיין מלחמה־געשיכטע, וואָרעם אָט האָט זיך אין געריכט־זאָל צוריק באַוויזן דער שופט און אַרויסגעגעבן אַ פסק, באַשטראָפנדיק דאָס פאַרפאָלק מיט גאַנצע פופציק ל״י קנס, כולל די געריכט־הוצאות.

צוויי „קאַלקוטסקע“ הענער

די פּערטל שעה הפסקה פון משפּט צו משפּט, אינעם פרידנס־געריכט אין תל־אביב, האָט זיך דאָס מאָל לענגער פאַרצויגן. די סיבה — דער באַשולדיקטער בירגער פון אַדזשאַמי, מענדל גענאָסע, וואָס ווערט באַשול־דיקט אין „פאַרכאַפּן“ צוויי „קאַלקוטסקע“ הענער (אינדיקעס), וואָס האָבן זיך, לויט אַלע כללים פון דער היינטיקער טעכניק, אויפגעהאָ־דעוועט אין הויף פון אַדזשאַמער תושב, משהל פיינשמעקער, האָט זיך פאַרשפּעטיקט צוליב אַ דעפּעקט אין זיין זייגערל.

דער געריכט־שמש גיט זיך דעמאָלט, נאָכן קומען פון באַשולדיקטן, אַ שטייף־אָן און שרייט אויס בקול רם — כבוד השופט! אַלע אָנוועזנדיקע אין זאַל שטעלן זיך כהרף־עין אויף פון די ערטער. די בלעטלעך פון באַשולדיקונגס־אַקט שאָרכן און קנאַקן אין די הענט פון ריכטער און דער באַשולדיקטער מענדל גענאָסע, אַ בייכיקער פאַרשוין מיט אַ דין פאַר־שוירענעם קאָרק, אָנגעטאָן אין אַ דיקן סוועטער אונטערן אויבערשטן העמד, ווישט זיך דערוויל דעם שווייס פון פּנים.

ביים ריכטער־פּולפּיט שטעלט זיך אַוועק משהל פיינשמעקער, דער באַשולדיקער.

— כבוד השופט, אָט די צוויי קאַלקוטסקע הענער, ווי איר זעט זיי, האָב איך געהאָדעוועט אַ יאָר צייט, און ווען נישט ער (וויזט אָן אויפן באַ־שולדיקטן), וואָלט איך און מיין ווייב און קינדער געהאַט אַ פריילעכן פּסח.

ריכטער: אין באַשולדיקונגס־אַקט איז דערמאָנט, אַז איר האָט די צוויי אינדיקעס צוריק אָפּגענומען.

פיינשמעקער: עס איז ריכטיק, כבוד השופט, די אינדיקעס האָב איך טאַקע אָפּגענומען. אָבער בלויז הויט־און־ביינער. אַן עבירה געווען דאָס שחיטה־געלט.

דער באַשולדיקטער מענדל גענאַסע רייסט זיך אַזש אויפן פונעם זיץ־פּלאַץ ביים הערן די דאָזיקע ווערטער:

— אַ ליגן, אדון שופט, די אינדיקעס זענען באַלד געווען הויט־און־ביינער. ביי מיר ערשט האָבן זיי זיך פּאַפּראַוועט.

דער ריכטער קלינגט מיטן גלעקל און רופט נישט צו שטערן די פאַרהאַנדלונגען.

— אַ חוצפּה פון אַ פאַרשוין אַזעלכעס צו רעדן פאַר אַ געריכט — שרייט אויפן קול משהל פיינשמעקער.

דאָס גלעקל ביים ריכטער אין האַנט צאַפּלט אומאויפהערלעך מיט גריל־צנדיקע טענער. — איך וועל הייסן איינזעצן אויב עס וועט נישט זיין שטיל.

מענדל גענאַסע קראַצט זיך פון פאַרדרוס אין קאָפּ: — איין וואָרט נאָר, כבוד השופט.

— זיצט, אָדער איך רוף אַריין אַ שוטר — צעבייזערט זיך דער ריכטער.

משהל פיינשמעקער האָט פאַרענדיקט זיינע דערקלערונגען פאַרן ריכ־טער און מענדל גענאַסע האָט באַקומען דאָס וואָרט:

— כבוד השופט, קודם־כל האָב איך די צוויי קאַלקוטסקע הענער נישט געגנבעט. כ׳בין מיר אַזוי געגאַנגען אין אַן ערב־פּסח־נאַכט איבערן אַדזשאַמער געסל, זייענדיק בגילופין, און פּלוצים באַוויזן זיך מיר אין די אויגן די קאַלקוטסקע הענער, איז גיי איך מיר אַזוי ווייטער, אדון שופט, כ׳גיב אַ קוק, זיי גייען מיר נאָך. הייב איך אָן לויפן — זיי נאָך מיר. נישט אַנדערש, טראַכט איך מיר, דאָס זענען צוויי גלגולים וואָס דאַרפן נעבעך אַ תיקון. האָב איך זיי גענומען אַהיים, אדון שופט, און ווען נישט ער, משהל פיינשמעקער, וואָס איז געקומען צו גייך מיט פּאָליציי און געזאָגט, אַז די קאַלקוטסקע הענער זענען זיינע, — וואָלטן די הענער ביי מיר געהאַט דעם אמתדיקן תיקון.

אַלע אַנוועזנדיקע שיסן דערביי אויס מיט אַ געלעכטער. מענדל גענאַסע ווישט זיך דעם שווייס פון פּנים און קראַצט זיך אין קאָפּ, דערהערנדיק דעם פּסק־דין פון 50 ל״י קנס און באַצאָלן די געריכט־קאָסטן.

דער כישופמאַכער פון שעריה

אויפן „פליִענדיקן טעפּיך״ האָבן זיך מיט אַ קיימא־לן פון צוועלף יאָר צוריק אויפגעזעצט קרוב פופציק יידן פון תימן און צווישן זיי דער איבער זעכציק־יאָריקער יהודה גראַמע מיט זיין קרוב יוסף גראַמע, און זיי זענען אָנגעקומען אין הייליקן לאַנד. אין דער צייט, ווען דער „שטאָלענער פויגל״, דער עראָפּלאַן, איז געפלויגן איבער די וויסטע מדבריותן פון אַזיע, האָט יהודה גראַמע, וועלכער איז געווען באַוווסט אַלס כישופמאַכער און אָפּשפּרעכער פון עין־הרעס, באַשווירן די שדים און רוחות מיטן אשמדאי בראש, זיי זאָלן תיכף ומיד זיך אָפּטשעפּען פון „פליענדיקן טעפּיך״ צוזאַמען מיט די בייזע ווינטן און זיך צוריקקערן אַהין אין כף הקלע.

נאָכן פאַרטרייבן דעם אשמדאי מיט זיינע משרתים, האָט דער עראָפּלאַן בשלום געלאַנדעט אויפן לודער פלי־פעלד, און די עדה פון תימן איז אויף ס׳ניי אויפגעזעצט געוואָרן אויפן אויטאָבוס פון „אגד״ וואָס האָט זיי אָוועקגעפירט קיין שעריה, דער מושב מיט די נייע ווייס־געקאַלכטע הייזלעך, וואָס געפינט זיך במרחק פון אַ תחום שבת פון פּתח־תקוה.

אין שעריה האָט זיך יהודה גראַמע גענומען עוסק זיין מיט זיין כישוף־מלאכה און זיין שם איז געוואָרן ידוע ברבים צווישן די יידן עולים פון תימן און בבל, וועלכע זענען געקומען קיין שעריה פון ווייט, כדי נענטער צו דערקענען דעם גרייזגראָען יהודה מיט זיינע מעשי כשפים, וואָס האָט חוץ מזה געהיילט חולאים מיט ווילדע קרייטעכצער.

דאַקעגן האָט יוסף גראַמע גענומען זיך צו דער מלאכה, צו בויען הייזלעך אין די פרישע ישובים דערנעבן שעריה, ווו יוסף און זיין הויזגעזינט האָבן זיך איינגענעסטעט לעולם ועד.

און אַלץ וואָלט אָוועק כשורה ווען די מעשה שהיה מיט יוסף גראַמע, וועלכער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט נישט מיט אַלעמען און איז אָוועק צו יהודה דעם כישופמאַכער פרעגן אַן עצה.

דוד איידלמאַן

יהודה גראַמע האָט פֿאַרשאַרצט די פּאָלעס פֿון זיין תּימנער בגד און האָט קודם כּל געהייסן אַרויסגיין פֿון שטוב די זייטיקע מענטשן, און דער־נאָך האָט ער גענומען אַ ביסל אַש און עס צעבלאָזן לכל ארבע רוחות העולם. און אַרומגייענדיק זיבן מאָל אַרום קראַנקן, האָט ער גענומען זאָגן בלחש אויסטערלישע רייד און דערמאָנען נעמען פֿון שדים און פּיפּער־נאָטערס, האַלטנדיק אין איין האַנט אַ בינטל פֿעדערן פֿון אַ ווייסן האָן און אין דער צווייטער האַנט שוואַרצע פֿעדערן פֿון אַן אינדיק. דערנאָך האָט זיך דער מכשף אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן, און האָט אַזוי געזאָגט:

— יוסף יקר, הנה, זיי וויסן, אַז אין דיר זיצט נישט קיין אַנדערער, נאָר דער אַשמדאי בכבודו ובעצמו מיט זיין ווייב לילית.

האָט זיך יוסף שטאַרק דערשראָקן און אַ זאָג געטאָן.

— טייערער קרוב, העלף מיר פֿאַרטרייבן די שדים פֿון מיין גוף.

— וועסט מיר באַצאָלן, וועל איך דיר העלפֿן.

זינט דעמאָלט האָט יהודה גראַמע געהיילט דעם קרוב זיינעם מיט די מעשׂה־כּשפֿים, און אַז דער קראַנקער האָט געפֿרעגט דעם רופֿא, — זאָג מיר נאָר, קרוב מיינער, ווי האַלט עס ביי מיר מיט די שדים — האָט אים יהודה גראַמע אָפּגעענטפֿערט:

— וועסט געבן געלט, וועט מען אַרויסטרייבן פֿון דיר די שדים...

ביז איין מאָל אַ טאָג, איז יהודה גראַמע געקומען ווי תּמיד צו זיין קראַנקן קרוב און האָט זיך, ראשית, געהייסן ברענגען שאַרפֿע משקה און פּירות לרוב און אין דעם אויגנבליק האָט דער חולה אָנשטאָט צו ברענגען די גוטע זאַכן, געכאַפּט דעם אַרבעטס־מכשיר, די אייזערנע טוריה און דערלאַנגט יהודהן אַ זעץ איבערן קאָפּ און האָט אים דערהרגעט.

פֿאַר דער דאָזיקער רציחה איז יוסף גראַמע איינגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה, ווו ער איז געזעסן ביזן משפּט, וואָס האָט זיך דעם זונטיק אָנגע־הויבן אין תּל־אָביבער קרייז־געריכט. דער באַשולדיקטער יוסף גראַמע, מיט דער פּעך־שוואַרצער באָרד און מיט די געקרייזלטע פּאות, איז לאַנג געזעסן אויף דער באַנק אַנטקעגן די שופֿטים, נישט אַרויסרעדנדיק קיין

וואָרט און קוקנדיק אויף אַלעמען מיט שטאַרע אויגן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפגעוועקט פונעם פאַרשטאַרטקייט און גענומען רעדן גיך.

— כבוד שופטים, נישט איך בין שולדיק אין טויט פון מיין אַלטן קרוב.

און ער האָט גענומען דערציילן די גאַנצע געשיכטע מיט זיין אַלטן פעטער דעם כישופמאַכער, וועלכער אָט ביי אים אויסגעפּרעסט געלט און ממתקים עלף יאָר דורכאַנאַנד...

האָבן די ריכטער אויסגעהערט די רייד פון באַשולדיקטן און נאָך אַ באַראַטונג האָבן זיי באַשלאָסן אים איבערצוגעבן אין די הענט פון אַ פסיכיאַטער, וועלכער זאָל פעסטשטעלן צי יוסף גראמע איז ביי די קלאָרע געדאַנקען.

ווען אַ ייד גיט אַ נאָס אין ת״א, ענטפערט מען אים אין האַנאָלולו: „צום געזונט״

ווייזט אויס, מן השמים איז נגזר געוואָרן, אַז סענדער משה און זיין פּלוניתטע גיטל, זאָלן זיין איפּכא מסתברא, דאָס הייסט, פאַרקערטע נאַטורן.

סענדער משה איז, אויף אַלע שונאים געזאָגט, אַ ייד אַ חלוש, אַ מסוכן. ער האַלט אויף די נשמה אין גוף, מיט קיי און שפּיי. מיט רפואות, קרייטעכצער, מיט נסים מן השמים. סענדער משה האָט מורא פאַר דער ליכטיקער שיין און לעבט ווי אַ קרימינאַלניק הינטער פאַרהאַקטע טירן און פענצטער.

גיטל, סענדע משהס צווייטע העלפט איז, להיפך, אַ כוואַטסקע יידענע, אַ קאָזאַצקע געשטעל, מיט אַ דיבור ווי אַ קלאַנג־פּילם און מיט פּעטס אינעם גאַנצן לייב און לעבן.

היות סענדער משה ווערט רחמנא ליצלן אויס מענטש ביים מינדסטן שאָרך פון אַ ווינטל, וואָס שפּאַצירט אַריין דורך אַ פענצטער, ווערט גיטל, להיפך, גרעבער ווי לענגער פון זעלבן ווינטל. דעריבער האַלטן אָן אַן אייביקע מחלוקת אין דער דירה נאה אין תל־אביב, אין וועלכער סענדער משה און גיטל באַלעבאַטעווען יעדער אויף זיין אופן.

סענדער משה פאַרהאַקט די פענצטער מיט אַ טראַסק. גיטל פּראַלט צוריק אויף די פענצטער, ציט אַריין אין די נאָזלעכער דאָס בשמים־וקטורת־ריח. דערביי קריגט סענדער משה גלייך דעם קאַטאַר. נעמט ניסן, הוסטן, שלינגט פּיגולקעס מכל המינים און עס העלפט אים ווי אַ טויטן באַנקעס.

בינתיים, צווישן איין מחלוקת און דער צווייטער, האָבן סענדער משה און גיטל אויסגעגעבן די קינדער, האָבן אויפגעגעבן דאָס פרנסה־קרעמל

און לעבן פון גרייטן געלט. טרעפט, און סענדער משה באַקומט דעם קאַטאַר. שנייצט ער מיט דער נאָז און ניסט, אַז די געדערים קערן זיך אים איבער. סענדער משה באַקומט דעמאָלט פחד. ווער ווייסט, דאָס איז נישט קיין שפּילעכל אַן אייביקער קאַטאַר. מען קען דערפון שטאַרבן בנשיקה. סענ־דער משה פאַרהאַקט טיר און פענצטער, לאָזט נישט אַריין קיין פּיצל לופט. הילט זיך איין אין אַ ווינטער־בגד און נעמט שרייבן אויף דער גיך אַ בריוו קיין האַנאָלולו, צו זיין יינגערן ברודער חיים בערל, וואָס לעבט דאָרטן אַ גוטן טאָג און האַנדלט מיט גאָלד און בריליאַנטן, מיט פלאַקס און גומי (קאַוטשוק). „חיים־בערל — שרייבט סענדער משה — הנה, זאָלסט ויסן, אַז איך, דיין ברודער סענדער משה, בין פאַרביי, אַז איך בין נוטה למות. צוערשט דער בורא שבשמים און גלייך דו, חיים בערל, קענען מיר העלפן. ווען נישט, קומט מיר אויס נעמען אַ טאַרבע און גיין אין די הייזער".

סענדער משה נעמט ראַפּטעם ניסן און הוסטן, אַזש ער צעווײנט זיך פון אומבאַהאָלפנקייט. „חיים בערל — פאַרענדיקט סענדער משה דעם בריוו — זאָלסט אויך וויסן, אַז איך בין געשטראָפט געוואָרן מיט אַן איי־ביקן קאַטאַר. סימנים קענסטו געפינען אין בריוו... דעריבער, אייל זיך אונטער, חיים בערל, און שיק מיר וואָס שנעלער די רפואה שלימה, איך מיין אַ ביסל געלט. פון מיר, דיין אומפאַרגעסלעכן סענדער משה".

ויהי היום, אין איינעם אַ לויטערן טאָג, בשעת סענדער משה האָט געהאַט דעם קאַטאַר, עפנט זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ מונדירט יידל, מיט אַן אוניפאָרם פון אַ מזרחדיקן גענעראַל. דאָס מונדירטע יידל שטעלט זיך פאָר אַלס ספּעציעלער שליח פון דער תל־אביבער פּאָסט־אָפּטיילונג ער לאַדט איין סענדער משהן צום פּאָסט־נאַטשאַלניק וועגן אַ ספּעציעלן ענין. כאַפּט סענדער משה זיין ווינטערדיק בגד, איילט העני־דום־פּענדום אין פּאָסט־אַמט און בלייבט שטיין פּנים אל פּנים מיטן פּאָסט־נאַטשאַלניק. דער פּאָסט־נאַטשאַלניק רעדט נישט קיין וואָרט, נאָר שטעלט אַוועק פאַר סענדער משהס אויגן אַן אויפגעמאַכט פּעקל, און פאַר סענדער משהן גיבן אַ בליק־אויף אַ ריי בלעכענע לאַלקעוואַטע באַמאָלענע שאַכטלען, אויפגעריסענע און ליידיקע. אַרום די שאַכטלען קלעבן פּעקלעך,

קאַווע, קאַקאַאָ, שאָקאָלאַד, צוקערקעס און אַנדערע מעדנים טובים. סענ־דער משה גאַפט פון חידוש און דער פּאָסט־נאַטשאַלניק, ווי אַ קאַלטער גזלן, גיט זיך אַ זאָג:

— אדון, וועמען האָט איר אין האָנאָלולו?

— וואָס הייסט וועמען? — שטעלט סענדער משה אָן אַ פּאָר אויגן — איך האָב דאָרטן שטעקן אַ לייבלעכן ברודער.

— אויב אַזוי, האָט אייך דער לייבלעכער ברודער אָנגעקאָכט אַ קאַשע, וועלכע עס וועט אייך זיין שווער אויפצועסן.

— וואָס הייסט, — איז סענדער אַזש אויפגעשפּרונגען פון ווילדן חידוש און זיך אַזש צעניסט — וואָס זאָל עס באַדייטן, אדון נאַטשאַלניק?

— איר וועט שוין בקרוב זיך דערוויסן — און דער פּאָסט־נאַטשאַל־ניק, ווי אַ קאַלטער גזלן, דערלאַנגט סענדער משהן דעם קאַקאַאָ, די קאַווע מיטן שאָקאָלאַד און אַליין פאַרשווינדט ער אין אַ זייטיק צימער.

און כך הווה. סענדער משה האָט נישט לאַנג געוואַרט און באַקומען אַ געריכט־צעטל, ער זאָל זיך צושטעלן אין טערמין. גלייך נאָכן געריכט־צעטל האָט סענדער משה באַקומען אַ בריוו פון חיים בערל פון האָנאָלולו. חיים בערל שרייבט, אַז ער האָט דעם טרויעריקן בריוו פון סענדער משהן דערהאַלטן און האָט דעריבער תיכף ומיד אַרויסגעשיקט נישט קיין געלט, נאָר אמתן זהב טהור, וואָס סענדער משה וועט דערפון נתעשר ווערן. דאָס זהב טהור האָט חיים בערל אַריינגעלייגט אינעם שפּייז־פּעקל, וואָס ער האָט אַרויסגשיקט און באַצאָלט אַלע שפּעזן. חיים בערל פאַרענדיקט דעם בריוו, אַז ער האָט דערוויסט די סימנים פון סענדער משהס קאַטאַר אין בריוו און ער ווינטש אים „צום געזונט“.

סענדער משה האָט די מעשה־פּלא גלייך איבערגעגעבן זיין פלוניתטע גיטל, וואָס האָט, להיפך איר קאַזאַצקע טבע, אַזש פאַרבראָכן די הענט און ווען דער משפּט האָט אָנגעיאָגט, האָט גיטל איינגעפּאַקט סענדער משהן אין ווינטערדיקן בגד און אים אָוועקגעפירט אין משפּט השלום. סענדער משה איז געשטעלט געוואָרן פאַרן ריכטער־פּולפּיט אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט געפּרוווט אַריינשמוגלען שלא כדין זהב טהור, בריליאַנטן און דימענטן. דער נידון, איז געזאָגט געוואָרן אין דער באַשול־

דיקונג, האָט אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן עובר געווען אויפן האַרבן דעוויזן־געזעץ און סענדער משה האָט דערפאַר געשוווירן צו זאָגן דעם אמת.

היות סענדער משה האָט געהאַט דעם קאַטאַר און האָט רק גענאָסן און געשנייצט די נאָז, האָט גיטל גערעדט און אַפּעלירט צום ריכטערס געוויסן. גיטל האָט אַרויסגעלייגט די פּרשה מיט סענדער משהס אייביקער מחלה, דעם קאַטאַר, און סענדער משה האָט גענאָסן אויף אַן אמת...

העיקר, דער ריכטער האָט געזען, אַז גיטל איז אַ קנאַפּער בקי אין הלכות משפּטים און האָט דערפאַר אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין, כדלקמן: דאָס זהב טהור ווערט קאָנפיסקירט לטובת דעם מלוכה־אוצר און סענדער משה באַקומט כך וכך שטראָף לויטן קאָדעקס פאַר דעוויזן־שמוגל. די שטראָף, וואָס שמעקט מיט חד־גדיא קעגן סענדער משה פאַרבייטן מיט אַ געלט־קנס. וואָס שייך אַנטשעדיקונג קעגן סענדער משה איינגיין אויף אַ פּשרה מיט דער ממשלה, וואָס וועט אים נישט טאָן קיין עוולה.

דער ריכטער האָט פאַרענדיקט סענדער משהס משפּט. דער געריכט־שמש האָט אַ געשריי געטאָן: „בית המשפּט״, און אַלע אין געריכט־זאַל, מיט סענדער משה און גיטל בתוכם, האָבן פאַרלאָזט אין איילעניש דעם געריכט־בנין. שוין זייענדיק אויף דער גאַס, האָט זיך סענדער משה אויף ס'ניי צעניסט און גיטל האָט אים איינגעהילט אין ווינטער־בגד, טראָץ דעם, וואָס די זון איבער תל־אביב האָט הייס געגליט און צעהיצט די אייליקע פאַרבייגייער.

אַבו־מוסאַ האָט אַרויסגעטריבן דעם „פליענדיקן שד״

אין 19טן טאָג פון חודש יוני, אין יאָר 1954, האָט איבראַהים אַל עוברה פון שבט אַל־עוברה, געבראַכט צום דערוויש דעם בעל־מופת אבו־מוסאַ זיין קראַנק ווייב כאַכמאַ, וואָס איז נאָכן האָבן דעם פינפטן זון, קראַנק געוואָרן אויף מי יודע וואָס.

אַבו מוסא, ווי נאָר ער האָט אָנגעקוקט די קראַנקע כאַכמאַ, האָט ער באַלד געוווּסט, אַז אין דער קראַנקער שטעקט רחמנא־ליצלן אַ „פליענדיקער שד״.

נאָך דעם, ווי איבראַהים אל־עוברה האָט פאַר אַ פּאָר רפואות הגוף מבטיח געווען אַבו־מוסאָן 100 פונט, האָט יענער זיך תיכף גענומען צו דער עבודה.

און אַזוי איז אָנגעגעבן געוואָרן אין די געריכט־אַקטן.

אַבו־מוסאַ האָט באַפוילן צו לאָזן די קראַנקע ביי זיך אין געצעלט, איבראַהימען האָט ער משלח געווען. אַלייך האָט אַבו־מוסאַ צו ערשט אָנגערייכערט אַ פולן געצעלט מיט בכור (בשמים) און האָט לויטן נוסח פון די דערווישן געשפּיגן דער קראַנקער אין מויל.

אַבו־מוסאַ האָט פאַרגלאָצט די אויגן, ער האָט מתפלל געווען און גענומען שלאָגן דעם „שד״ מכות רצח מיט אַ שטעקן.

דער „שד״ איז געווען פון סוג „פליענדיקע שדים״, וואָס קומען פון דער ערד און פליען אין דער לופט. דער „שד״ איז געווען אַ גרויסער עקשן און האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם גוף.

דעמאָלט האָט אַבו־מוסאַ זיך צעשריגן — דער „שד״ זאָל אַרויסגיין מיטן גוטן, ווען נישט, האָט ער אויף ס׳ניי גענומען קאַטעווען די קראַנקע מיטן שטעקן עס זאָל דעם „שד״ ווי טאָן. אַבו־מוסאַ האָט אויף ס׳ניי געררייכערט בשמים, וואָס דער „שד״ קען נישט פאַרטראָגן.

דער דאָזיקער „טיפול רפואי״ האָט אָנגעהאַלטן צוועלף טעג, אויפן דרייצנטן טאָג האָט די קראַנקע כאַכמאַ אויסגעהויכט די נשמה.

דערזען דאָס אומגליק, איז אַבו־מוסאַ אַנטלאָפן אין דער מדבר אַריין.

אין געריכט־אַקט איז נישט געשריבן ווהין אַבו־מוסאַ איז אַנטלאָפן נאָכן דאָזיקן שטיקל אַרבעט, ווייל ער האָט זיך פרייווילִיק איבערגעגעבן אין דער פּאָליציי אין באר־שבע.

מען איז זיך משער, אַז אַבו־מוסאַ האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט אין מדבר און איז שיער נישט אויסגעגאַנגען פון פחד פאַר די לעבעדיקע מדבר־שדים, דער עיקר פאַר די נאָענטע קרובים פון דער געהרגעטער, וואָס האָבן געזוכט אַבו־מוסאַן, כדי נקמה צו נעמען פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט.

פאַרן דאָזיקן נקמת־דם האָט אַבו־מוסאַן אַנגעכאַפּט אַזאַ פחד, אַז ער האָט זיך אַזש אַליין איבערגעגעבן דער גערעכטיקייט.

דער משפט קעגן אַבו־מוסאַן, וואָס האָט זיך געצויגן קרוב דריי יאָר אין די פרידנס־געריכטן, איז נאָך לאַנגע אויספאָרשונגען אָנגעקומען אין ירושלימער קרייז־געריכט און פאַרן דינסטיק איז אַבו־מוסאַ געשטעלט געוואָרן פאַרן קרייז־ריכטער.

דער ברודער פון דער אומגעקומענער, וואָס איז אויפגעטראָטן אַלס עדות, האָט איבערגעגעבן פאַרן געריכט, אַז זיין שוועסטער כאַכמאַ האָט געליטן פון עפּילעפּסיע און האָט פון די יסורים געפרוווט באַגיין זעלבסט־מאָרד דורכן פאַרברענען זיך.

דער באַשולדיקטער אַבו־מוסאַ האָט אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג קעגן אים, אַז ער האָט די אומגעקומענע געשלאָגן מיט די פויסטן. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט זי בלויז געקיצלט אין קערפּער לויט ווי עס איז אָנגעוויזן צו טאָן די קראַנקע בשעת תפילה.

ווען דער שופט האָט געפרעגט אַבו־מוסאַן, מיט וועלכער שפּראַך ער האָט געשפּראָכן צום „שד" האָט אַבו־מוסאַ געענטפערט מיט גרויס תמימות, אַז ער האָט נישט גערעדט מיטן „שד" אויף עברית און נישט אויף ענג־ליש, ווייל דאָס איז געווען אַ מדבר־„שד".

דער משפט פון אַבו־מוסאַ האָט אַרויסגערופן הייטערקייט ביים ריכ־טער־קאָמפּלעט און ביי אַלע ביייזיצנדיקע. אַבו־מוסאַס ווייטערדיקער משפט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין.

אַ קשיה אויף אַ מעשה

דאָס מאָל וועט מען זיך אַריבערטראָגן קיין ירושלים צום דאָרטיקן בית משפט השלום, ווו עס משפט זיך חיים שמואל, דעם גבאיס אײדעם, אַן אײניקל פון רבין ר׳ אַבעלע.

חיים שמואל וועלכער האָט זיך נאָך אַלע אַדורכגעגאַנגענע נסיונות אין לעבן נישט אָפּגעקערט פון דער תורה הקדושה און האַלט זיך אויף צווישן די קורץ־געקלײדטע פרומע לײט, מאַנט אַ קײמא־לן פון קרוב צען דונאַם קרקע, וואָס געפינט זיך אויף דער אדמת קודש ביי ירושלים.

חיים שמואל, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט טויזנט געשעפטן אין קאָפּ, האָט בדעה צו מאַכן פון די דאָזיקע צען דונאַם קרקע אַ בית הקברות פאַר רײכע נפטר געוואָרענע יידן פון חוץ־לארץ, וואָס זײער באַגער איז נקבר צו ווערן אין ירושלים עיר הקודש.

שטייט חיים שמואל אין איין אויפרעגונג אין פּרוזדור פון בית משפט השלום און טענהט איך מיט די יידן, וועלכע זענען ווי ער, אויך אַרײנגע־טאָן אין משפטים. און היות עס איז בזמן הפסקה, איז דעריבער דאָס גערע־דעכץ גרויס.

און אין מיטן דעם אַלעמען נעמט אײנער פון די ראשי־המדברים און גיט אַ פרעג חיים שמואלן:

— זאָג מיר נאָר, חיים שמואל, פאַר וועלכער דרשה קומט דיר צוצו־פּסקנען אַ צען דונאַם ?

דערציילט חיים שמואל אַ מעשה, אַז די דאָזיקע אדמה, וואָס האָט געהערט צו אַן אַראַבער, האָט ער געקויפט ביי אַ ייד אַ מעקלער, בזמן עס האָבן נאָך געהערשט די ענגלענדער, און אַזוי ווי עס איז דעמאָלט, כידוע, געווען חל דער פאַרבאָט פאַר יידן צו קויפן ערד ביי די אַראַבער — האָט ער נישט דעם ריכטיקן דאָקומענט, וואָס מען באַקומט היינט אַרויס ביי די געזעצגעבערישע קרייזן אין לאַנד בעתן קויפן און פאַרקויפן מגרשים.

— ברענגט מען דעם מעקלער פאר אן עדות.

— דער מעקלער איז שוין פון לאנג א שוכן עפר.

— אויב אזוי, חיים שמואל, איז א שאד די צייט, וואס דו פארלירסט דא אין בית משפט.

דער דאזיקער מאך מיט דער האנט פונעם ייד, דעם צוהערער, פאר־דריסט חיים שמואלן און ער נעמט זיך בייזערן:

— וואס, איר זענט אן אדוואקאט, וואס איר רעדט אזוי?

און חיים שמואל לאזט שטיין דעם ייד און איז זיך מצרף צו א רעדל יידן, וועלכע שטייען ארום איינעם א רייכן טוריסט, וועלכער איז באהאנ־גען מיט בריליאנטענע רינגען אויף די פינגער פון די הענט און חוץ מזה הענגט אים אראפ פון די אקסלען א היינטמאדישער פאטאאפאראט און נאך ווערטפולע חפצים שטעקן אוודאי אינעם שיינעם לעדערנעם רייזע־טאש, וואס דער טוריסט האלט פעסט אין דער האנט.

חיים שמואל גיט א פרעג עמעצן פון רעדל יידן:

— זאגטס מיר נאר, וועגן וואס איז דא אזוינס דער מדובר?

ענטפערט אים דער געפרעגטער:

— דער דאזיקער ייד, ווי איר קוקט אים אן, איז פון אמעריקע און ער האט בדעה דא אין ירושלים אויפצושטעלן אויף זיין נאמען א הויז פאר וווילטעטיקע צוועקן.

— אויב אזוי, וואס זשע האט ער דא צו זוכן?

— דא משפט ער זיך וועגן זיינס א מגרש, וואס איז אוועקגעקומען אין די ימי המאנדאט.

— מיין מעשה.

און חיים משה פוילט זיך נישט און פארפירט א סוחרישן שמועס מיטן טוריסט.

— מיסטער, איך האב אייך צו זאגן א וויכטיקע זאך.

— זאגט.

— הלמאי באדארפט איר זיך צו משפטן וועגן עפעס דארט א פאר־פאלענעם מגרש און פארשפילן דעם משפט, בעסער קויפט ביי מיר דעם

אמתדיקן מגרש פון צען דונאם, אויף וואָס איר קענט אויפשטעלן אפשר צען פאַבריקן.

— ר׳ ייד, דאָס איז אַ געשעפט פאַר מיר און מען קען שוין שמועסן דערפון.

— מיסטער אַמעריקאַנער, וואַרט נאָר אויס איין האַלבע שעה, ביז מען וועט מיר צופסקענען די צען דונאַם.

— הייסט עס, אַז אייער גרויסער מגרש הענגט נאָך אין דער לופטן.

— ער איז שוין אַזוי גוט ווי מיינער.

— איר זענט זיכער, אַז איר געווינט דעם משפט?

— אַ קשיה אויף אַ מעשה!

זעצן זיך דעריבער ביידע אַוועק אויף דער באַנק וואָס אין בית־משפט־שטיבל, ווו עס משפט זיך חיים שמואל און ווו עס שטייט איצט פאַרן שופט דער מקטרג אין געשטאַלט פון אַ ירושלימער איינוווינער בשם אלתר בן־חיים, וועלכער האַלט אין איין טענהן, אַז די צען דונאַם אדמה האָט ער געקויפט און נישט חיים שמואל, און אַלס באַוויז, אַז ער זאָגט אמת, דער־לאַנגט ער דעם שופט אַזעלכע פאַפירלעך פון יענע צייטן, ווו עס שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז אלתר בן־חיים איז דער אמתדיקער קונה.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזעלכע באַוויזן פון צד שכנגד פאַרשפילט חיים שמואל דעם משפט, און דער טוריסט, וועמען דער ענין איז נישט אַזוי צום האַרצן, טוט אַ מאַך:

— נו, וואָס זאָגט איר איצט?

— נישקשה, איך וועל נאָך אַפעלירן אין בית משפט העליון.

— און דאַרטן קלערט איר צו געווינען דעם משפט?

— אַ קשיה אויף אַ מעשה.

און חיים שמואל לאָזט זיך לויפן אין איין אָטעם פון בית משפט השלום גלייך אין די גאַסן אַריין, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויפן טוריסט, וועמען ער האָט געלאָזט שטיין אין מיטן די רייד.

קרעפּל־פליישׂ

היות עס איז אַ זעלטנקייט אַז פון אַ קצב זאָל ווערן אַ פּראָפעסאָר, איז טאַקע כדאי צו באַשרייבן די זעלטענע געשיכטע פון שימעלע קצב, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט דעם טיטל „פּראָפעסאָר" און מיטן דאָזיקן צוטשעפּעניש איז ער אָנגעגאַנגען אַזוי לאַנג ביז ער איז דעמאַסקירט געוואָרן דורך זיין חבר „פּאַ פּאַכו" יאָסקע דער טרייבערער.

ומעשה שהיה כך היה:

שימעלע און יאָסקע, די קצבים פון באַרוף, וועלכע זענען פון איין שטאָט אין פּוילן, האָבן זיך נאָך דער טרויעריק־באַרימטער וועלט־מלחמה אַוועקגעלאָזט פון פּוילן אין די מרחקים, ווו זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ גוטער פּרנסה און געוואָרן שטיקלעך גבירים.

שימעלע קצב האָט אויסגעוואַנדערט אַהין, אין וויטן לאַטיין־אַמעריקע ווו ער האָט לייכט געמאַכט אַ פאַרמעגן פון האַנדלען מיט פליישׂ, מיט בגדים, מיט וויין און מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. באַקומען די ממתקים אין דער האַנט אַריין, האָט זיך שימעלע קצב דערמאַנט, אַז ער איז לא עלינו, אָן אַ ווייב, וואָס זאָל אים דערפרייען די יאָרן, וואָס גייען אַוועק און קומען מער נישט צוריק און ער איז דעריבער אַוועק זיך שואל עצה זיין צו באַקאַנטע יידן.

— אַזוי און אַזוי, יידן, טאָמער ווייסט איר עפּעס פון אַ לייטישן שידוך פאַר מיר, זאָלט איר צווויסן טאָן.

געדויערט נישט לאַנג און די באַקאַנטע יידן גיבן צו וויסן שימעלען, אַז אין שטאָט געפינט זיך אַ יונגע, שיינע, רייכע גרושה, וואָס זוכט חתונה צו האָבן און פאַרזיכערן איר באַשערטן אַ לעבן ווי אין גן־עדן.

דערהערט אַזאַ זאַך, נעמט שימעלע און פּוצט זיך אויס אין עסיק און אין האָניק און קלאַפּט אָן אין דער טיר פון דער שיינער גרושה, פאַר וועמען ער שטעלט זיך פאָר מיטן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען:

— סעם אָקסענבערג.

— און מיך רופט מען סעניאָריטאַ בעלאַ — האָט אַ זאָג געטאָן די שיינע רייכע גרושה, און האָט שימעלען פאַרבעטן זיצן אין גרויסאַרטיקן סאַלאָן, ווו זי האָט אים מכבד געווען מיט נאַשוואַרג.

נאָכן פאַרזוכן פון כיבוד, האָט די סעניאָריטאַ בעלאַ אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווינטשט איר זיך?

— מיין איינציקער ווונטש איז צו האָבן אייך פאַר אַ ווייב.

— איך וועל נאָר חתונה האָבן מיט אַ פּראָפעסאָר — האָט די רייכע גרושה אַ זאָג געטאָן.

— פּונקט האָט איר געטראָפן אויף אַ פּראָפעסאָר — האָט שימעלע אויסגערופן.

— וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר זענט איר?

— איך בין אַ ספּעציאַליסט צו היילן בהמות.

— זענט איר, הייסט עס, אַ וועטערינאַר?

— דאָס בין איך טאַקע.

אין קורצן האָט שימעלע קצב חתונה געהאַט מיט דער סעניאָריטאַ בעלאַ די גרושה, וועמענס אמתער נאָמען איז, לויט ווי עס איז געווען געשריבן אין דער כתובה,ביילע, און מיט וועלכער שימעלע איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל צו פאַרברענגען דעם האָניק־חודש.

איז זיך אַזוי געגאַנגען שימעלע קצב מיט זיין ווייבל איבער דער באַוווסטער גאַס אין תל־אביב און באַגעגנט מיט אַ מאָל זיין קאָלעגע פאַ פאַכו יאָסקע דער טרייבערער. ווערט אַ שמחה אַ גדולה, ביידע דריקן זיך די הענט און עס גייט אַוועק אַ מדובר.

— וואָס מאַכסטו, יאָסקע?

— איך מאַך דאָס זעלבע ווי תמיד, איך טרייבער בהמות. און דו, שימעלע, ביסט נאָך אויך אַ קצב?

דאָ גיט זיך שימעלע אַ רוק צו נענטער צו יאָסקען.

— הער, יאָסקע, כ׳וועל פון דיר מאַכן קרעפּל־פלייש, אויב דו וועסט נאָך אַ מאָל דערמאָנען, אַז כ׳בין געווען אַ קצב.

— שעמסט זיך מיטן פאַך?

האט שימעלע אװעקגענומען זיין חבר אין א זייט און אים דערציילט די זעלטענע געשיכטע מיט זיין װייב סעניאריטא בעלא, װאס האט חתונה געהאט מיט אים, שימעלען דעם „פראפעסאר". און יאסקע האט דערויף פארבעטן דאס פאר צו זיך אהיים, אין יד־אליהו, װוּ ער האט פאר זיי געמאכט א פריילעכע אויפנאמע מיט משקה און פארבייסעכץ.

און װי עס זאגט א װערטל: „נכנס יין יצא סוד", האט זיך יאסקע פאר גרויס פרייד, װאס ער האט געטראפן זיין חבר שימעלע, אנגעטרונקען און װערנדיק שיכור האט ער בפני כל עם ועדה, װאס האבן זיך געפונען אויף דער פריילעכער אויפנאמע, אנטפלעקט דעם סוד, װאס שימעלע האט אים אנפארטרויט.

און גלייך דערויף זענען געקומען די קאנסעקװענצן. װארעם װי נאר די סעניאריטא בעלא האט דערהערט, אז איר אויסדערװיילטער מאן איז נישט מער װי א פראסטער קצב, אזוי איז זי געװארן טויט־און־רויט און איז אן א „זיי געזונט" אװעק פון יאסקעס שטוב, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אויף שימעלען, װעלכער איז דערפאר באפאלן זיין חבר יאסקען:

— כ'האב דיך געװארנט, אז איך װעל מאכן פון דיר קרעפל־פלייש.

און שימעלע איז איבערגעגאנגען פון װערטער צו מעשים און האט צעשלאגן זיין חבר יאסקע ביז בלוט און איז דערפאר געשטעלט געװארן פארן משפט, װוּ ער איז דורכן שופט געקנסט געװארן צו באצאלן יאסקען פאר ריסוק־אברים א שיינע פאר פונט און דערצו נאך האט שימעלע באקומען א פסק פון צװיי װאכן על תנאי פאר ארויסרופן געשלעגן און פארשטערן די נאכטיקע רו.

און יאסקע האט זיך נישט באגנוגנט מיטן פסק דין, װאס זיין חבר האט ארייגעכאפט און האט פאר אלעמען אויפגעדעקט דעם סוד, דערציילנדיק די זעלטענע געשיכטע פון שימעלע קצב, װאס איז געװארן א פראפעסאר אין דרום־אמעריקע.

די הויזן צו פֿאַרזעצן

ראַפֿאַלעק האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פּרנסה וואָס איז נישט אַהין און נישט אַהער. נישט צום לעבן, נישט צום שטאַרבן און פֿון וואָס ער האָט נאָר אויסצושטיין צרות צרורות. ראַפֿאַלעקס פּרנסה באַשטייט אין פֿונאַנ־דערפֿירן וועש אויף זיין דריי־רעדערדיקן רייטוועגעלע פֿון דער כעמישער וועשעריי צו די קונים און פֿון די קונים אין דער כעמישער וועשעריי.

ראַפֿאַלעק פֿאָרט איבער די גאַסן מיטן רייטוועגעלע, וואָס איז פֿאַר־לייגט מיט ברודיקע וועש און אין מיטן דרינען פֿאַלט אים אַראָפּ אַ פּעקל מיט העמדער, מיט לייבלעך און אַנדערע מינים הלבשה, וואָס בלייבט ליגן אויפֿן שאָסיי, ווי אַ הפקרדיק חפֿץ.

שטעלט ער זיך אָפּ, ראַפֿאַלעק, כדי אויפֿצוהייבן די אבֿידה, באַקומט ער גלייך אַ שטויס פֿון אַן אַנפֿאַרנדיקן אויטאָ און אין איין רגע, איז שוין דער שאָסיי מלא מיט כלי־רכב און עס ווערט אַ געפּייפּעריי, באַגלייט מיט איין גרויסן געשריי.

— זוז, מהר!

— סע, חמור!

ראַפֿאַלעק שפּרייזט צווישן די שטיינגעבליבענע אויטאָס ווי דורך אַ בראַנד, און אַז ער קומט צו צום אָרט, אַזוי איז שוין דאָס פּעקל פֿונאַנ־דערגעשיט און די העמדער מיט די ליילעכער זענען צעזייט און צעשפּרייט און צעטראָטן דורך די גומענע רעדער.

און ביז ער קלויבט אויף די שטיקלעך וועש און קומט צוריק צום רייטוועגעלע, אַזוי באַגעגנט אים דער טראַפֿיק, וועלכער האָט שוין פֿון זיין זייט אָנגעשריבן דעם ראַפּאָרט, וואָס ער דערלאַנגט ראַפֿאַלעקן.

— שוטר, פֿאַר וואָס קומט מיר צו מאַכן אַ ראַפּאָרט? — האָט זיך געבונטעוועט ראַפֿאַלעק.

— פֿאַר דעם.

און ער ווייזט אים אן, אז עס איז נישטא קיין נומער אויפן רייטוועגעלע.

— ס׳טייטש, כ׳האב דאך ארויסגענומען א נומער פון משרד און אים אנגעקלעפט אויפן רייטוועגעלע.

נאר דער טראפיק, וועלכער האט נישט קיין צייט אויסצוהערן ראפא־לעקס טענות גיט שוין א מאך מיט דער האנט — רעכטס און לינקס — און די כלי־רכב, גיבן זיך א צעלאז ווי צעפלאשעטע פערד, וואס רייסן זיך אפ פון געשפאן.

קומט ראפאלעק אן א צעיאכמעטער אין דער כעמישער וועשעריי, און לאזט אויס דעם כעס צום באלעבאס מענדל, וואס שטייט מיטן פרעסאייזן און פרעסט די אויסגעוואשענע הויזן.

— באלעבאס, זעט ווו מיין געלט קומט אהין.

און ראפאלעק דערציילט אים די מעשה מיטן ראפארט, פון וואס מענדל ווערט נישט נתפעל, נאר נעמט בעסער באקוקן דאס קאמוניקאציע־מיטל.

— ראפאלעק — שרייט ער אויס — ביסט ווערט די שמיץ. ביסט געפארן מיטן אלטן רייטוועגעלע, וואס האט שוין זיינס אפגעדינט און וואס איז אן א נומער.

גיט ראפאלעק א קוק און זעט, אז מענדל, זיין ברויטגעבער, האט רעכט, לאזט ער אראפ די אויגן און נעמט זיך אנלאדענען דאס רייט־וועגעלע מיטן נומער, מיט פעקלעך אויסגעוואשענע וועש, וואס ער נעמט צעפירן צו די קונים אין שטאט.

פארט ער ווידער איבער די גאסן, וואס רוישן מיט כלי־רכב, מיט א מענטשן־געגייעריי און פארפארט צו דער גברת מירל טוכשניידער, וועל־כע גייט ארום אין שטוב מיט א פארבונדענעם קאפ, מחמת זיליידט פון מיגרענע.

ראפאלעק דערלאנגט איר דאס פעקל שניי־ווייסע וועש, מיט א חשבון דערצו, און זי, די גברת מירל טוכשניידער, איילט זיך נישט צו באצאלן, נאר קוקט אדורך יעדעס פיצל וועש באזונדער.

מיט א מאל שרייט זי אויס:

— אוי, אַ קלאָג איז צו מיר! עס פעלט מיר אַ גרויס טישטעך מיט אַ קלײן טישטעכל.

— גברת, — גיט אַ מאַך ראַפּאַלעק — איך האָב אײך אָפּגעבראַכט אַלץ, וואָס עס שטײט געשריבן אין צעטל.

— עטץ זענט גנבים און נישט מער.

— גברת, איר מאַכט מיך פאַר אַ גנב.

— אַ גנב איז וויניק צו זאָגן, איר זענט אַן אײנברעכער.

דאָ האָט שוין דאָס בײזע בלוט אָנגעהויבן זידן אין ראַפּאַלעקס אָדערן.

— גברת — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט געבײזער — איך וועל אײך אָנקלאָגן אין געריכט פאַר באַלײדיקן מיך.

— און איך וועל אײך אָנקלאָגן פאַר גניבה.

— גברת, באַצאָלט מיר פאַר די געוואַשענע וועש.

— פריער באַצאָלט מיר פאַרן גרויסן טישטעך און פאַרן קלײנעם טישטעכל.

אַזוי איז געקומען צו אַ משפט צווישן ראַפּאַלעקן מיט דער גברת מירל טוכשנײדער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט באחד הימים אין בית משפט השלום, בײ דער מיטבאַטײליקונג פון מענדלען, דעם באַלעבאָס פון דער כעמישער וועשערײ, וועלכער האָט נישט געזשאַלעוועט קײן געלט און מי און האָט עדות געזאָגט לטובת זיך און זײן אַרבעטער ראַפּאַלעק.

דער שופט, וועלכער האָט בײדע צדדים לאַנג געפּאַרשט, וועלנדיק דערגײן דעם רײנעם אמת, האָט לסוף אײנגעזען, אַז סײ מענדל און סײ ראַפּאַלעק זענען נישט קײן נעמער פון פרעמדע זאַכן און מיט גניבה האָבן זײ נישט צו טאָן.

דעריבער האָט דער שופט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, אַז בײדע צדדים ווערן פרײגעשפּראָכן פון די באַשולדיקונגען און זײ דאַרפן בלויז באַצאָלן די געריכט־קאָסטן.

איז ראַפּאַלעק נאָכן משפט צוריק אָנגעקומען אין דער מעכאַנישער

ווּעשעריי צו זיין באַלעבאָס מענדל, וועלכער האָט אים געגעבן אַלע אויס־געפּרעסטע הויזן, אָפּצופירן זיי מיטן רייטוועגעלע צו די קונים.

און ראַפּאַלעק, פּאַקנדיק אַזוי די הויזן אויפן רייטוועגעלע, שעמט זיך נישט און גיט אַ זאָג צו מענדלען:

— באַלעבאָס, די הויזן צו פאַרזעצן און אַ גביר צו זיין.

דער קידנעפּער

קוקט מען אויף רחמים נסים, דעם אויסטערלישן מדינה־בירגער, מיטן אויסגעקראָכענעם קאָפּ, לאַנגער שופּר־נאָז און מיט די צווי אייביק פאַרקרימטע אויגן — מוז מען שמייכלען.

רחמים נסים, וואָס האָט אין אָרעמען רוממה־קוואַרטאַל אין ירושלים געטריבן אַ לעבן פון אַ צעחושטן מלך אביון, קלויבנדיק שמאַטעס צוזאַ־מען מיט נדבות איבער די ענגע הויפן און געסלעך פון ירושלים — האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט אַן אַ העמד אויפן לייב, — טראָץ דעם, וואָס אַחוץ דעם בעטלער־פּאַק, איז ער געקראָכן איבער די ירושלימער ביידע־מער און דעכער און געגנבעט געטרוקנטע וועש.

פון צו פיל אַזעלכע קריכענישן איז רחמים נסים געוואָרן אַ תושב אין דער ירושלימער תפיסה, און בכדי צו טוישן דאָס בידנע מזל, האָט ער, צו דער פרייד פון די ירושלימער באַלעבאָסטעס, אויסגעוואַנדערט קיין תל־אביב.

אין אָנהייב האָט זיך אים תל־אביב מיט איר הינטערגאַסן און געסלעך אויסגעשפּרייט און אַנטפּלעקט, ווי אַ ברייט פעלד, וווּ מען קען לקחנען און בעטלען מיט אַ ברייטער האַנט, וועש, אַלטע און נייע בגדים, שיך און נאָך טויזנטער אַנדערע קלייניקייטן, וועלכע מען קען פאַרצוקערן אויפן אַלטוואַרג־מאַרק — האָט אָבער די פּאָליציי זיך אָנגעהויבן מישן אין רחמימס געשעפטן און אים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַרזאָרגט מיט אַן „אומזיסטיקער דירה" און קעסט.

איז רחמים נסים מיט מזל צום צווייטן מאָל געוואָרן אַ תושב אין די תפיסות און פּאָליציי־אַרעסטן פון תל־אביב און סביבה, און דער עולם התחתון פון אַלע מיני תפיסה־צעלעס, וואָס זיצן פאַר „מעשים טובים" — האָבן רחמים נסים געקרוינט פאַר אַן אַקטיאָר, פאַר אַ גענעראַל און פאַר

וואָס איר ווילט נאָר, און אָנגעהויבן אויסנוצן אים פאַר פאַרשטעלונגען און פאַרוויילונגען.

וואָלט זיך אַזוי רחמים נסים געווען געפירט אַ „נאָרמאַל" בראַדיאַגיש לעבן, און געוואַנדערט אַזוי פון תפיסה צו תפיסה — ווען נישט אַ מעשה שהיה, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט איין מאָל, זייענדיק אויף דער פריי.

קריכנדיק אַזוי נאָך גניבות און מציאות, האָט זיך רחמים נסימען פאַרגלוסט „אויסצובאָרגן" אַ ניי קינדער־וועגעלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ הויז־קאָרידאָר אויף איינער פון די תל־אביבער גאַסן. רחמים נסים האָט נישט לאַנג געטראַכט, גענומען דאָס וועגעלע און זיך אַוועקגע־שפּאַצירט. ערשט אין אַ פּאָר גאַסן ווייטער, האָט זיך אין וועגעלע צעוויינט אַ קינד. רחמים נסים האָט קיין סך נישט געטראַכט און דאָס קינד אַוועק־געזעצט אויפן טראָטואַר, און היידאַ צום אַלטוואַרג־מאַרק קיין יפו.

פאָרט זיך רחמים נסים מיטן וועגעלע איבער די גאַסן און אין תל־אביב ווערט דערווייל אַ רעש און אַ טומל. די עלטערן פון קינד לויפן אַרום מיט גרויס פאַרצווייפלונג און רייסן איין וועלטן צוזאַמען מיט דער פּאָליציי. צום סוף האָט מען אים געכאַפּט, נאָך איידער ער האָט דאָס וועגעלע באַוויזן אָפּצושטעקן צו די אַלטוואַרג־סוחרים. און אַלס אויסנאַם־פאַל פון קידנעפּעריי אין דער געשיכטע פון גניבות און פאַרברעכנס, איז רחמים נסים גלייך געבראַכט געוואָרן צום ריכטער אויף אַן אויספאָרשונג. זייענדיק, ווי תמיד, אַן אַ העמד אויפן לייב, מיט פאַרוויינטע און צעחושטע אויגן, האָט זיך רחמים נסים גלייך אויפן אָרט מודה געווען אין אויספירן די פאַרברעכערישע גניבה און האָט באַקומען זיין פּסק צוריק צו גיין אין חד־גדיא.

ביים דערליידיקן די אַרעסט־פאָרמאַליטעטן אין דער געריכט־קאַנצע־לאַריע, ווייזט זיך אַרויס, אַז רחמימס צאַלרייכע אַקטן וועגן אַרויס־און־אַריין אין די תפיסות, האָבן זיך אַזוי פאַרמישט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען דעם געריכט־באַאַמטן פעסטצושטעלן, ווען רחמים איז צום לעצטן מאָל אַרויס פון תפיסה אויף דער פריי.

„געהאַט האָב איך אַ כלה, גוטשע"

אלה תולדות גאָדל: אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען אַ מאַרעוויכער. ווען עס האָט זיך געמאַכט שמאָל, האָט גאָדל מאַרעוויכער אָפּגעפּרייערט די יאָלדן מיט מעשענע מציאות במקום גאָלד.

אין די קאָמיסאַריאַטן, ווו מען האָט געמוטשעט די ווילע יאַטן, איז גאָדל מאַרעוויכער געווען גוט באַקאַנט. נישט איין מאָל איז ער געזעסן אין פּאָליציי־אַרעסט און איז פון דאָרטן אָפּגעפירט געוואָרן הינטער די תפיסה־קראַטן, ווו מען האָט זיך איינגעמאָלדן אין טאַטנס־טאַטן אריין.

נישט איין מאָל איז גאָדל מאַרעוויכער פאַרשאָטן געוואָרן, געכאַפּט געוואָרן, בשעת מעשה, ביים גניבישן שטיקל אַרבעט ביי אַ גוי און האָט דערפאַר באַקומען אַ לקח, פון וואָס ער האָט געשפּיגן מיט בלוט און איז שיער נישט געגאַנגען פון דער וועלט.

און נישט איין מאָל איז גאָדל מאַרעוויכער געווען אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם היי און שקצים־שלעגערס האָבן אים געזוכט און אים געוואָלט פאַררוקן אַ מעסער. דעמאָלט האָט אים אַרויסגעהאָלפן זיין כלה גוטשע מיט עסן און מיט שלאָפן, מיט אַ „לחיים" און מיט אַ ביסל טאַבאַק.

דאָס איז געווען אַ מאָל, פאַר דער מלחמה אין גאַליציע. גאָדל מאַרע־וויכער איז דעמאָלט געווען אין די פעדערן, געזונט ווי אייזן. ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק און מיט לאַקירטע שטיוועלעך.

דאָס איז געווען אין יענע גוטע צייטן, נאָך איידער די כלה גוטשע איז אַנטלאָפן פון גאָדלען, דער טייוול ווייסט זי וווהין. אַנטלאָפן איז זי דער־פאַר, ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף אַ חופה און האָט זיך אָפּגעטראָגן באַצייטנס, אָן אַ „גוטן טאָג".

גאָדל מאַרעוויכער האָט דערשנאַפּט, אַז זיין כלה גוטשע איז אַנטלאָפן קיין פּאַריז און האָט זיך באַזעצט אויפן ידישן „פּלעצל" צווישן גוטע

פריינד. ער האָט געזאָלט נאָכקומען קיין פּאַריז זיך אָפּצורעכענען מיט איר — נאָר מיט אַ מאָל איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט קיין פּוילן און האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן. די גרענעצן האָבן זיך פאַרשלאָסן און גאָדל מאַרעוויכער איז געבליבן שטעקן אין מיטן דער בהלה אין גאַליציע.

ואלה תולדות גאָדל. די באָלשעוויקעס זענען אַריין אין זאַפּאַדנע אוקראַ:נע מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג און האָבן פאַרנומען גאַנץ גאַליציע צוזאַמען מיט די קרעסן. גלייך האָט דאָרט אָנגעהויבן אויספּעלן עסן. און לא די, האָבן נאָך די באָלשעוויקעס גענומען און פאַרשיקט אַלע ווילדע גאַליציאַנער יונגען מיט די עשאַלאָנען קיין סיביר און נאָך ווייטער, אַזש ביז צו די ווייסע בערן.

די עשאַלאָנען זענען געפאָרן, די באַן־רעדער האָבן זיך געדרייט און זיך געיאָגט פאַרביי שנייִקע סטעפּעס, אַזיאַטישע מדבריותן. עס איז פּונקט געווען ווינטער־צייט און גאָדלען האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פון דער קעלט, וואָס האָט געהערשט אין עשאַלאָן.

גאָדל מאַרעוויכער האָט זיך געקליבן צו אַנטלויפן פון עשאַלאָן, אָבער נישט האָבנדיק קיין פּאַס, האָט ער צוגעלקחנט עמעצנס אַ געבורט־שיין און ביים שיין פון דער קאַלטער לבנה איז גאָדל אַ שפּרונג געטאָן פון עשאַלאָן און איז אָנגעקומען בשלום צו אַן „אוזלאָוואַיאַ סטאַציע". פון דאָרט איז ער געפאָרן צוריק — דורך רוסישע שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַ פּנים פון בית עלמינס, די הייזער האָבן אויסגעזען ווי מצבות און די מענטשן ווי די מתים. גאָדל האָט אָפּגעפרייערט פּאָניען און זיך צוריקגע־קערט בשלום קיין גאַליציע.

און איידער גאָדל מאַרעוויכער האָט זיך צוריק דערוואָרעמט אין גאַ־ליציע, איז אויף ס׳ניי אויסגעבראָכן דער קריג צווישן די סאָוויעטן און היטלער־דייטשלאַנד און איידער ער האָט באַוויזן צו טאָן אַ לויף פון איין שטעטל אין אַנדערן, זענען שוין די נאַציס געווען אַרום גאָדלען, און ער איז געבליבן אין קלעם, אויסגעשטעלט אויף נסים, אויף גאָטס באַראָט. די בלוטיקע נאַציס, בשותּפות מיט די אוקראַ:נישע רוצחים האָבן אויס־געפירט רציחות אויף יידן. זיי האָבן געמאָרדעט, געשאָכטן און פאַרפּיי־

ניקט די יידן פון גאַליציע. ווען דער מאָרגנשטערן האָט צוריק אויפגע־שיינט און די היטלעריסטן האָבן באַקומען די מפּלה, איז דעמאָלט גאָדל מאַרעוויכער אַרויסגעקראָכן פון זיין בונקער, ווו ער איז געווען אַליין אין וואַלד.

גאָדל מאַרעוויכער איז אַרויס פון וואַלד קראַנק און צעבראָכן, אַ שברי כּלי מיט אָן אַ שיעור מחלות אין די רעוומאַטישע איברים. גאָדל האָט זיך געהיילט ביי דאָקטוירים, ער האָט זיך דערכאַפּט דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ און איז מיט דער גרויסער עליה אָנגעקומען קיין ישראל.

געקומען קיין ישראל איז גאָדל אין דער צנע־צייט, ווען דער פּיאַסטער האָט נישט געשפּילט קיין ראָל, אָבער מיט מזונות איז געווען אָן אָפּקומע־ניש. גאָדל, וועלכער האָט שוין נישט געטויגט צו מאַרעוויכעריי, האָט אין דער צנע געשלונגען דאָס שפּייעכץ און נישט געקאָנט קומען צום תכלית. דערפאַר האָט ער זיך אַרומגעדרייט פוסט און פּאַס איבערן לאַנד, ביז עס האָט אים באַנג געטאָן, עס איז אים נמאס געוואָרן צו לעבן איינער אַליין ווי אַ שטיין.

די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען איר וועג. די צנע־תקופה איז אַריבער, דער האַנדל האָט אויפגעבליט און אין ישראל איז געוואָרן אַ גאַנצער יריד — מענטשן, אַחינו בני ישראל זענען געקומען פון ווי ווייט און האָבן זיך באַגעגנט מיט די ארץ־ישראל־לייט — און גאָדל מאַרעווי־כער האָט גייענדיק איין מאָל אויף דער תל־אביבער גאַס, פּלוצים באַגעגנט זיין כּלה גוטשע, וועמען ער האָט גליך דערקענט לויט דעם שוואַרצן חן־וואַרצעלע אויף דער ווייסער באַק.

— גוטשע געטרייע! — האָט גאָדל מאַרעוויכער אָנגעכאַפּט די אויס־געפּוצטע דאַמע ביי דער זגראַבנער טאַליע, ווו ביסטו געווען אין די גרויסע פּרעסט?

— כ׳בין געווען אויף אַן אָרט.

— ווו וווינסטו, גוטשע?

— אין שטאָט.

— האָסט חתונה געהאַט?

— מיין מאַן איז אומגעקומען אין קריג.

— הייסט עס, ביסט אַן אַלמנה?
— כ׳בין שוין צוריק אַ כלה.
— מיט אַ יאָלד?
— מיט וועמען דען, מיט דיר?
— גאָדל וועט דיר אפשר פאַסן פאַר אַ מאַן.
— האָסט דיר נישט וואָס איינצורעדן.
— רעד נישט אַזוי שיין, גוטשע.
— איך פרעג נישט ביי דיר.
— אַלטע שטשערוווע!
— געמיינער גנב!

און אין גאָדלען האָט זיך דערוועקט דער אַמאָליקער גוטער ברודער, און פונקט ווי אין יענע צייטן האָט גאָדל פאַרפלאַכטן אַ לאַפּע און געגער־מען פאַטשן גוטשען איןביידע באַקן. גאָדל האָט געפאַטשט און גוטשע האָט זיך צעשריגן נישט מיט איר קול.

— הצילו! מענטשן, ראַטעוועט מיך פון רוצחס הענט.

אַזוי אַרום איז גאָדל מאַרעוויכער קאַפּויער געקומען אין בית המשפט השלום און איז געשטעלט געוואָרן פאַרן שופט, אונטער דער עבירה פון צעשלאָגן די אזרחית גוטשע.

גוטשע, וועלכע איז אויפגעטראָטן קעגן גאָדלען, האָט דעם שופט אָנדערציילט די מעשיות פון אַ מאָל, וואָס עס איז איר פאָרגעקומען מיט גאָדלען; אויך גאָדל, בכדי זיך אויסצופיינערן פאַרן שופט, האָט דערציילט אַלע זיינע איבערלעבענישן.

אַזוי אַרום איז דעם שרייבער פון די שורות באַוווּסט געוואָרן ביידנס געשיכטעס.

דער שופט האָט גאָדלען פאַרמשפּט אויף צוויי וואָכן תפיסה פאַר אָנמאַכן אַ טומל און פאַר שלאָגן אַ הילפלאָזע אין מיטן דער גאַס.

„זיין באָבעס עסק"

דער אויטאָבוס, וואָס פאָרט פון תל־אביב אין נאָענטסטן שטעטל און צוריק, איז, ווי תמיד, געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּאַסאַזשירן פון ביידע מינים.

לא די, וואָס דער אויטאָבוס איז געווען אָנגעפּאַקט כדבעי, האָט נאָך דער בילעטער צעעפנט ברייט די אויטאָבוס־טיר און נאָך פאַרבעטן אַ היפּשע צאָל צוגאָב־פּאַסאַזשירן. די צוגאָב־פּאַסאַזשירן באַווייזן גבורות, ווי די לייבן האָבן זיי זיך אַריינגעקוועטשט אין אויטאָבוס אַריין — און עס איז אין יוצא ואין בא.

דעמאָלט האָט דער בילעטער זיך געגעבן אַ קער. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „לא לעלות יותר!", און דעמאָלט האָט פּאַסירט די עקסטרע גע־שיכטע מיט פּיניע סרעבניק און מיט פּערל מלכה זלאָטניק, וועמען עס איז באותו רגע שטעקן געבליבן אין צווישן דער טיר, איר איין פוס און אים אַ פּאָלע פון בגד.

און עס האָט דערפאַר פּערל־מלכה זיך צעשריגן:

— „רגע! מייך פוס איז אין קלעם".

דער בילעטער האָט תיכף געטאָן אַ קוועטש אין מעכאַנישן קנאָפּ און דאָ סטאָפּ — די טיר האָט זיך נישט געעפנט, מחמת דער גרויסער ענג־שאַפט אין אויטאָבוס.

אַז פּערל־מלכה זלאָטניק האָט בחוש דערפילט, אַז דאָס חיות גייט איר אַרויס פון פוס, האָט זי גענומען און האָט אויפגעהויבן אַ יעלה:

— געוואַלד, כ'ווער אַ קאַליקע!

דער־הערט אַזעלכעס, האָבן די פּאַסאַזשירן, יידן בני רחמנים, גענומען זיך קוועטשן, איינשרומפּן די גופים אויף אַזוי פיל ביז עס איז לויז גע־וואָרן, און דער בילעטער האָט געעפנט די מעכאַנישע טיר.

ערשט דעמאָלט האָט פערל־מלכה זלאָטניק געוויזן וואָס זי קען. קודם האָט זי אויפגעמאַכט אַ מויל און גענומען אויסלאָזן דעם כעס פאַר די אומזיסטע יסורים. פערל־מלכה האָט געביטערט אויף גאַנץ קהל, אַריינגערעכנט די חברה אויטאָבוסניקעס, וואָס זענען נישט חס אויף די מענטשן, וואָס זענען רק אויסן רווחים. דערנאָך האָט פערל־מלכה זיך צעקרעכצט ווי אַ חולה־מסוכן, פון וואָס די הערצער פון די נוסעים זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט צער.

אין צווישנצייט איז זיך דער אויטאָבוס געפאָרן ראַש איבערן גלאַטיקן שאָסיי — דער נהג האָט געדרייט אַ קאַרבע, ער האָט געפירט די מאַשין מיט קונצן דורך אַ וועג פול מיט מכשולים, דערביי האָט זיך דער אויטאָבוס געוואָרפן און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך מיטגעוואָרפן און אין מיטן דער גאַנצער שאָקלעניש האָט זיך פערל־מלכה אויף ס׳ניי דערמאָנט אין אירע אומזיסטע יסורים און מיט פרישע כוחות האָט זי אָנגעהויבן באַוויינען איר ביטער מזל. פערל־מלכה האָט זיך נישט געקאָנט שענקען און האָט אין דער ענגשאַפט פאַרגאָסן טרערן און די טרערן געמישט מיט קרעכצן, אַזש עס האָט דעם פּאַסאַזשיר פיניע סרעבניק אַרויסגעבראַכט פון די כלים און ער האָט אַזוי געזאָגט צו פערל־מלכהן.

— „מספיק" — גענוג צו קרעכצן. עס האָט אייך גאָרנישט פּאַסירט.

מער האָט פערל־מלכה נישט באַדאַרפט.

— ר׳ ייד, וואָס איז אייער באָבעס עסק, וואָס מישט איר אייך אַריין?!

— דאָס זאָגנדיק איז פערל־מלכה אָנגעפאַלן אויף פיניע סרעבניק און האָט אים גענומען דערלאַנגען אַ גאָב.

— איר זענט אַ מענטש אָן אַ האַרץ און אָן געפיל.

— כ׳בין אַ בעסערער מענטש פון אייך.

— איר רעדט צו שיין.

— איך רעד, וואָס מען באַדאַרף.

— רעדט צו דער וואַנט.

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר דער גוטער עצה.

דער אויסטויש מיט די בייסיקע ווערטלעך וואָלט געוועזן אויפגעהערט,

ווען נישט אַ זייטיקער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט, כדי אַנצו־נעמען זיך פּערל־מלכהס קריוודע.

— יונגערמאַן — האָט דער זייטיקער פּאַסאַזשיר זיך אָנגערוקט אויף פּיניע סרעבניק — חכמעט איך מיט אייער ווייב, נישט מיט דער פרוי.

— ר׳ ייד, איר ווילט אפשר אַ חלק אין די חכמות? — האָט פּיניע צוריק דערלאַנגט.

— מיין חלק קען שלעכט אויסגיין פאַר אייך.

— איר סטראַשעט מיך, אדון.

— איך קען אייך אויך וויזן ווער איך בין.

— גוט אַזוי, דערלאַנגט אים — האָט פּערל־מלכה אונטערגעהעצט דעם עזותדיקן פּאַסאַזשיר. די דאָזיקע העצע פון פּערל־מלכה האָט דעם פּאַסאַזשיר פּיניע סרעבניק אַריינגעטריבן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט אָנגעכאַפּט פּערל־מלכהן ביי די אַקסלען און מיט זיי אָנגעהויבן טרייסלען.

— זייט נישט קיין אונטערפירעריך, איר הערט? איר וועט שלעכט אָפּשניידן.

אַזוי אַרום האָט פּאַסירט די עקסטרע געשיכטע פון פּיניע סרעבניק מיט פּערל־מלכה זלאָטניק, וואָס די מעשה האָט שפּעטער געהאַט אַן אָפּ־קלאַנג אין בית המשפט השלום אשר בתל־אביב.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס פּערל־מלכה איז געווען אַ פּאַסאַזשירין, אויף וועלכער מען האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, וואָרעם בעת פּיניע סרעבניק האָט נאָר וואָס געהאַט אַ טרייסל געטאָן אירע אַקסלען, האָט שוין פּערל־מלכה געהאַט שטעקן אירע שאַרפע מאַניקירטע נעגל אויף פּיניעס פּנים און האָט געקראַצט ווי עס קראַצט אַ קאַץ. און עס איז גלייך געוואָרן אַ בהלה אין אויטאָבוס ציבורי, און עס האָבן זיך תיכף צעקאָכט די פּאַסאַזשירן, פון וועלכע אַ טייל האָט געבעטן שלום און אַ צווייטער האָט געלעכצט נאָך מלחמה.ביידע לאַגערן האָבן געבילדעט אַ קנויל מענטשן־מאַטעריאַל אַרום פּערל־מלכהן, וואָס האָט טיף איינגעשניטן אירע נעגל אין פּיניעס פּרצוף און האָט נישט געהאַט בדעה אויפצוגעבן דעם קאַמף.

דער סוף איז געווען, די פּאַסאַזשירן האָבן פּיניען קוים אַרויסגעריסן

פון פערל־מלכהס נעגל. פיניעס פנים איז געווען צעקראַצט ביז בלוט, און לפי המנהג, ווי עס טוען אַלע היגע פּאַסאַזשירן, האָט ער אַרויפגערופן אַ שוטר אין אויטאָבוס, און יענער האָט פּאַראייביקט דאָס געשעעניש למעשה.

דער סאַמע סוף איז געווען, אַז פיניע סרעבניק און פערל־מלכה זלאַטניק זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן לדין. ביידע האָבן זיך געשטעלט פאַרן כבוד השופט, וואָס האָט שוין געוווסט פאַרויס פון דער גאַנצער מעשה.

דער שופט האָט געפרעגט פאַרשידענע שאלות. די אָנגעקלאָגטע פערל־מלכה, וואָס איז דעמאָלט אין אויטאָבוס געווען אַ תקיף, האָט דאָ אין משפט־שטיבל פאַרלוירן דאָס תקיפות און זיך רק פאַרענטפערט.

פערל־מלכהס פאַרענטפערן זיך האָט אָבער נישט געהאַט קיין פעולה, וואָרעם מן הצד איז געשטאַנען דער צעקראַצטער פיניע סרעבניק דער אָנקלאָגער, און האָט געגאָסן בוימל אויפן פייער.

בקיצור, דער שופט האָט געזען, אַז די אָנגעקלאָגטע פערל־מלכה איז חייב, און אויך פיניע דער אָנקלאָגער איז נישט אין גאַנצן זכאי. האָט דער שופט גענומען און געפסקנט אַזוי:

פערל־מלכה סרעבניק דאַרף באַצאָלן קנס און זי באַקומט אַ „צו", אַ וואָרענונג, מער אַזעלכעס נישט צו טאָן.

דעם אָנקלאָגער פיניע סרעבניק איז אויך אָנגעזאָגט געוואָרן ער זאָל אויף להבאי זיין מער קאָרעקטער לגבי פרויען און זאָל מער נישט פּראָ־וואָצירן קיין געשלעגן. אַלס עונש וועט ער באַצאָלן די געריכטס־הוצאות.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע מיט פיניע סרעבניק און מיט פערל־מלכה זלאַטניק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אויטאָבוס ציבורי.

פעטער, מ׳קען אייך

בימי מלחמה איז וועלוול די מאַלפּע אויסגעפאָרן אַ האַלבע וועלט. דאָס שלעפּעניש און שפּרייזעניש פון מדינה צו מדינה האָט אים געקאָסט אַ שטיק געזונט. ערשט צום סוף, ווען די בהלה האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז וועלוול מאַלפּע געקומען צום שכל. ער האָט אַ זאָג געטאָן „דיינו", מער וועט ער נישט וואַנדערן און זיין נע־ונד, מער וועט ער נישט טאָפּן אַ וואַנט — און וועלוול האָט בשלום געלאַנדעט אין חיפהער פּאַרט.

וועלוול מאַלפּע, וואָס איז בטבע געווען אַ בלאָטער, אַ מאַרעוויכער פון פאַך, האָט גלייך נאָכן אַריבערטרעטן די שוועל אין חיפה דערשנאַפּט, אַז מען גייט די עולים אָפּטאָן אַ שפּיצל און זיי פאַרפירן אין יאַלדישע מקור־מות. האָט ער גלייך באַשלאָסן זיך מפרש צו זיין מן הציבור, עס הייסט, וועלוול איז אַוועק אין אַ זייט, האָט דערביי געלקחנט אַ נייע וואַליזקע פון דער נאָדל אַרויס און איז נעלם געוואָרן אין שטאָט אַריין.

וועלוול מאַלפּע איז אַריין אין גאַסן פון חיפה של מטה. אַ קיימא־לן מיט צייט האָט ער געוואָגלט אין די פאַרט־געסלעך מיט נעמען פון דער הפטורה, ווי דהיינו: רח׳ המלכים, רח׳ נצרת, סטאַנטאָן, דניאל און נאָך כדומה גאַסן, וואָס האָבן זיך אַוועקגעצויגן ווייט אַוועק אין דער הייך צום באַרג. וועלוול מאַלפּע האָט נישט געוווסט ווו־איין, ווו־אויס — דער שווערער געסליחהטער טשעמאָדאַן האָט אים אָפּגעריסן די אַקסלען...

ביז כה וכה איז צוגעפאַלן די נאַכט. חיפה האָט אויפגעבליצט מיט ששים רבוא ליכטער. די ליכטער, ווי גאָטס וווּנדער, האָבן געברענט, גע־גליט און געשיינט ווי די שטערן אין הימל, ווי דער זון־פאַרגאַנג, ווי פּאָס־פּאָר און קוועקזילבער.

וועלוול מאַלפּע האָט אויף דעם אַלעם געקוקט מיט גרויס חידוש און געשטוינט, זעענדיק ווי מענטשן און כלי־רכב דראַפּען זיך מעלה־מעלה איבער די גאַסן, קריכן ממש אויף די גלייכע ווענט. דערווייל, אין איין

װעגס, האָבן געפּײפט שיף־סירענעס, אויטאָס, און די אַנשים האָבן גערעדט אויף אַלע לשונות. װעלװולען האָט הנאה געטאָן די יידישע שטאָט. ער האָט זיך באַשײמפּערלעך דערפילט װי אַ פרײער נאַכט־פויגל, װי אַ קייסער בײ זיך אין דער היים.

בינו לבינו איז די נאַכט געגאַנגען איר װעג. די קראָמען האָבן זיך גענומען אויסליידיקן פון רעש. װעלװולען האָט ראַפּטום אָנגעהויבן נאָגן ביים האַרץ־גריבל, און דערצו איז אים געוואָרן קאַלאָמוטנע, ער װעט נישט האָבן װוּ דעם קאָפּ אָוועקצולייגן, ער װעט נישט שלאָפן במנוחה אין דער דאָזיקער שטאָט. ער האָט געטראַכט, און דער גורל, מעשה־צופאַל, האָט אים געפירט גאַס־איין, גאַס־אויס, ביז עס איז אים איינגעפאַלן די אמתדיקע מחשבה און ער איז אַריין אין אַ באַלויכטענער מסעדה (רעסטאָ־ראַן), װוּ עס איז מעגלעך צו עסן און טרינקען און זיך לאָזן װוילגיין.

גלייך האָט װעלװולען אַרומגענומען אַ היץ און ריחות פון באַטעמטע מאכלים האָבן אים גענומען קיצלען אין נאָז. אַרום די מסעדה־טישלעך זענען געזעסן פּאַרשוינען מיט אָפּגעשרפּעטע פּנימער פון דער זון. די פּאַרשוינען האָבן געזשלאָקעט קופלעס ביר, גלעזער בראָנפן און האָבן פּאַרביסן מיט מאַרינירטן הערינג, מיט געריישטע לעבער, מיט שאַשליק און מיט אַ שלל געווירצן און געפעפערטע פּאַטראַוועס. װעלװול האָט בפועל ממש דערפילט, אַז ער איז אויפן ריכטיקן אָרט, אין אַ בלאָטער געזעל־שאַפט, וואָס װעט נישט לאָזן צו גרונט גיין אַ גוטן־ברודער.

און כך הוה: װי נאָר װעלװול האָט זיך אַװעקגעזעצט ביי אַ טיש, איז גלייך אויף אים אָנגעלאָפן אַ פּאַרשוין. „װעלװול מאַלפּע — האָט דער אָנגעלאָפענער אַ ריטשע געטאָן — אַ רוח אין אַלע בהמהשע טאַטעס אַריין, װעלכער רוח האָט דיך אַהער אָנגעטראָגן ?”.

גיט װעלװול אַ קוק אָן דעם פּאַרשוין און לאָזט אַרויס אַ פריידיק געשריי :

— זע נאָר, װעמען איך זע : איציקל בענקאָרט פון דער גנוינע־גאַס. — און װעלװול מאַלפּע האָט אין התפּעלות אַ פּאַטש געטאָן איציקלען איבער דער פּלייצע. ביידע האָבן זיך ראַפּטעם אַרומגענומען, זיך באַזעצט אַרום אַ טיש און גענומען סטריגעװען אַ סעודה, פּאַרטרינקנדיק מיט יין־שרף.

נאָכן אָפּעסן האָבןביידע פּשיאַטשעלעס אָנגעהויבן רעדן תּכלית. וועלוול מאַלפּע האָט איציקלען פאַרטרויט דעם סוד פון דער געלקחנטער וואַליזקע און איציקל בענקאַרט האָט וועלוולען אַנטפּלעקט זיין סוד, אַז ער וווינט מיט גוט־ברידער אין יפו, אַז ער איז געקומען אַהער פאַרשאַ־ כערן אַ טריפהנעם משא־ומתן. וועלוולען ראָט ער זיך אַריבערצופּעקלען קיין יפו, ווו ער וועט קענען פראַנק און פריי מאַרעוויכערן און שווימען אין גאָלד.

העיקר, נאָך דער דאָזיקער געשיכטע זענען אַוועק זיבן גוטע יאָר פאַר ביידע גוטע־פריינד, וואָס האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין יפו און געצויגן חיונה פון די נאַיווע יאָלדן. איציקל בענקאַרט און וועלוול מאַלפּע האָבן געאַרבעט יד־אחת, זיך געטיילט מיט די פעטע ביזנעס, און מי יודע ווי ווייט זייער עשירות וואָלט דערגאַנגען, ווען נישט די געלקחנטע וואַ־ ליזע פון חיפהער פּאַרט, וואָס האָט יומם ולילה באַשיינט וועלוולס מלינה.

און מעשה שהיה כך היה:

רייזל די גאָרסעטן־מאַכערין, אַ שכנה פון זעלביקן הויז, ווו עס האָט זיך געפונען וועלוול מאַלפּעס מלינה, איז אַ מאָל אויף אַ נאַווינע אַריינגע־ קומט צו וועלוול מאַלפּע אין דער דירה, און דערזעענדיק די וואַליזקע שטעקן אויפן שענקל, האָט זי באותו רגע געמאַכט אַ „ויצעקו". פונעם „ויצעקו" איז געוואָרן אַ צוזאַמענגעלויף פון אַלע שכנים אַרום געסל און כהרף עין האָבן זיך אַלע דערוווּסט די גניבישע מעשה מיט דער וואַליזקע. דאָס מזל, וואָס האָט וועלוולען צוגעשפּילט ביז איצט, האָט זיך ווי אַ כישוף גלייך אָפּגעטאָן. רייזל דער גאָרסעטן־מאַכערינס מאַן האָט גלייך גערופן די פּאָליציי און זיי געמאָלדן, אַז זייער געגנבעטע וואַליזקע אין חיפהער פּאַרט האָט זיך נאָך זיבן יאָר אָפּגעפונען. די פּאָליציי האָט גלייך אַרעסטירט וועלוולען און פאַרפירט קעגן אים אַ משפט.

וועלוול איז געבראַכט געוואָרן אויג־אויף־אויג מיטן שופט השלום. דער שופט האָט צו וועלוולס שטוינונג אַרויסגענומען אַ דיקן געריכט־ אַקט, האָט לאַנג געבלעטערט אין די בלעטער. בשעת מעשה האָט דער שופט געווישט די ברילן־גלעזער, האָט אָנגעזאַפּט טינט אין דער פולפעדער, און וועלוול האָט מיטן מיחוש דערשנאַפּט, אַז עס גייט אויף אים אַ יום־

הדין. דער שופט האָט אויפגעהערט בלעטערן דעם געריכט־אַקט. ער האָט געגעבן אַ ווונק צו דעם געריכט־שמש, וועלכער האָט געעפנט די געריכט־טיר און געטאָן אַ געשריי אין קאָרידאָר אַריין: „רייזל!".

האָט רייזל זיך גלייך געיאָוועט און קודם המעשה געשווירן. דאַן האָט זי דעם ריכטער אויסדערציילט די גאַנצע פּרשה מיט איר וואַליזקע און האַב־און־גוטס, וואָס איז איר ראַפּטעם נעלם געוואָרן פון פּאָרט־מאַגאַזין, בשעת זי האָט זיך איינגעמאָלדן ביי די פּאָרט־באַאַמטע אַלס ישראל־בירגערין.

האָט וועלוול, באַקומענדיק דאָס רעכט צו געבן לשון, גענומען אָפּ־לייקענען די גאַנצע מעשה, טענהענדיק, אַז נישט איין רויטע קו איז דאָ אויף דער וועלט און אַז די שכנה האָט סתם אויסגעטראַכט אַ בלבול. האָט זיך דעמאָלט אויפגעשטעלט דער קטיגור, אַ „גלאַנציק קנעפּל" (פּאָליציאַנט), און אַ זאָג געטאָן: „פּעטער, מ'קען אייך!" מען ווייסט, אַז די וואַליזקע איז בלויז געווען דאָס ערשטע שטיקל אַרבעט. און ווייטער איז געגאַנגען נאָך בעסער. דער קטיגור האָט געגעבן אַ דערלאַנג פאַרן געריכט־פּולפּיט אַ סעריע פון בלאַטע שטיקלעך אַרבעט, אין וועלכע דער נידון וועלוול האָט געהאַט שטעקן אַ חלק. ער האָט פאַרענדיקט זיין אָנקלאַגע און געבעטן אַ לייטישע שטראָף פאַרן בלאַטן וועלוול, וואָס האָט זיך ביז איצט קונציק אַרויסגעדרייט פון אַלע טענות.

דער ריכטער האָט גענומען צו קענטעניש דעם קטיגורס טענות און געמשפּט האָט ער לויטן פּאַראַגראַף, אַזוי און אַזוי, וואָס לויטעט מיט געזעץ אַזוי־און־אַזוי — משמע, פאַרן חטא האָט וועלוול באַקומען אַ יאָר תפיסה און אַ געלט־קנס כך וכך.

איציקל בענקאַרט וואָס האָט בייגעוווינט זיין חברס משפּט, האָט, מעשה גוטער־ברודער, אונטערגערוקט וועלוולען אַ „גריפּסל" — אַ פּעקל מעדנים און אים געטרייסט, אַז נישקשה, אַז דאָס יאָר וועט ווי אַ בליץ דורכפליען און והארץ לעולם עומדת, די וועלט וועט נישט אונטערגיין.

„מידה כנגד לאָקשן"

געלט איז דאָס בעסטע מאכל. ווער עס האָט געלט, דער האָט די וועלט, ווער עס האָט נישט קיין געלט, איז ווי אין פסוק שטייט: „עני חשוב כמת".

יענע יאָרן, ווען מאיר מיטן פאַמיליע־נאָמען גייער, איז געווען אַ דרייער, אַ מומחה אָנצודרייען יענעם אַ פולן קאָפּ מיט געשעפטן און אַליין צו בלייבן ביי דער אפּותיקא, זענען פאַרביי ווי אַ שיינע שפּיל.

היינט איז מאיר גייער אַ ליידיקגייער. ער זיצט יומם ולילה אין די תל־אביבער קאַפעהייזער און טראַכט כלערליי תחבולתן, ווען צו פאַר־דרייען אַ קאָפּ מיט אַזאַ געשעפטל, אַז דער ריווח, למשל, זאָל בלייבן ביי אים, און דער היזק זאָל אויסגיין צו יענעמס קאָפּ.

און מאיר ליידיקגייער איז אַזוי לאַנג געזעסן אין יענעם קאַפעהייזל אויף דער אַלענבי־גאַס, ביז דער מרחם על הבריות האָט זיך אויף אים מרחם געווען און האָט אים צוגעשיקט אַ „פרייער" מיטן נאָמען לייזער גייער.

די באַגעגעניש צווישן ביידע גייערס איז פאָרגעקומען אַזוי:

ווען מאיר גייער איז, ווי תמיד, זיך געזעסן ביי אַ גלעזל שוואַרצער קאַווע און דער קאָפּ האָט אים דערביי געדאַרט, ווייל ער האָט רק געקלערט ווי צו כאַפּן ביי עמעצן אַ גמילות־חסד צו קאָנען דערהאַלטן דאָס חיות, איז דעמאָלט געשען דער נס מן השמים. האָט זיך פונקט צו דער ציט באַוויזן אין קאַפעהויז אַ פריש־געבאַקענער גאַסט, אַ ווויל־פּנימדיק יידל, מיט אַן אַלטמאָדיש פראַנץ־יאָזעף־בערדל, מיט גאָלדענע פענסנע אויף דער ברייטבייניקער נאָז און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט.

דאָס פּנים חדשות, דער פרישער גאַסט, איז אַ גיי געטאָן צווישן די טישלעך, אַ זוך געטאָן צווישן די מענטשעלעך און האָט זיך אַ זעץ געטאָן אַקוראַט ביי מאיר גייערס טישל. דאָס פּנים חדשות האָט באַשטעלט אַ

גלעזל שוואַרצע קאַווע, און ווי עס פירט זיך ביי יידן, האָט ער גלייך אַ פרעג געטאָן דעם שכן ביים טישל.

— פון וואַנען איז אַ ייד?

— אַ היגער.

— נישט דאָס האָב איך געמיינט צו פרעגן.

— וואָס האָט איר געמיינט, ר׳ ייד?

— געמיינט, איר זאָלט מיר מוחל זיין און זאָגן, אין וועלכער שטאָט זענט איר אויף דער וועלט געקומען.

— אין קראָקע.

— זענט איר, הייסט עס, אַ קראָקעווער?

— אַזוי הייסט עס.

— ווי זשע הייסט איר?

— מאיר גייער.

— אויב אַזוי, זענען מיר גלייכע מחותנים.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך הייס אויך גייער, לייזער גייער הייס איך, און עס קאָן זיין, אַז מיר זענען דערביי שטיקלעך קרובים.

ביי מאיר גייער אין דער מחשבה האָט גלייך אויפגעבליצט אַ בליץ. אולי ירחם, עס קאָן געמאָלט זיין, אַז אָט דער ייד, וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן פון דער השגחה, זאָל זיין אַן עוזר אין מיין עת צרה. האָט דעריבער מאיר גייער געטאָן אויף שנעל אַרויפציִען אַ שמייכל אויפן פאַרדאַגהטן פנים און אַ זאָג געטאָן:

— ר׳ לייזער גייער, הלוואי זענען מיר אויף אַן אמת קרובים.

— אויב אַזוי, רעכנט אויס אייער משפחה, וועל איך אייך גלייך זאָגן.

— רעכנט איר פריִער אויס.

— פאַר וואָס עפּעס איך?

— ווייל ווי איך זע, זענט איר מער אויסגעקאָכט אין הלכות משפחה.

לייזער גייער האָט זיך געפילט געשמייכלט. אין צווישנצייט האָט אים דער מלצר אונטערגעטראָגן אַ טעפל קאַווע מיט אַ פּאַרע. די קאַווע האָט

אַזש געשוימט פון הייסקייט. לייזער גייער האָט זיך געקוויקט מיט יעדן שלוק און אין איין וועגס האָט ער אויסגערעכנט ווער עס איז זיין משפחה.

— מיין טאַטע האָט געהייסן משה־בער.

— מיין טאַטע האָט פונקט אַזוי געהייסן.

— מיין ברודער האָט געהייסן איצל, נאָכן זיידן.

— מיין ברודער הייסט אויך איצל, נאָכן זיידן.

— מיין שוועסטער האָט געהייסן דבורה.

— מיין שוועסטער הייסט בדיוק דבורה.

— מיין פעטער האָט געהייסן נחום.

— און מיין פעטער האָט געהייסן משה נחום.

— מיין פאַמיליע האָט געהאַט אַ ווייַן־האַנדל.

— און מיין פאַמיליע האָט אויך געהאַט אַ ווייַן־האַנדל אין קראָקע.

— אין מיין משפחה איז נישט געווען בנמצא קיין בעל־מלאכות.

— מיין משפחה איז באַשטאַנען פון לויטער סוחרים.

— אויב אַזוי קאָן געמאָלט זיין, אַז איר זענט דאָס פון מיינע קראָקע־ווער קרובים.

— עס איז קלאָר ווי דער טאָג.

— איז לאָמיר זיך געבן די הענט און זיך נענטער באַקענען.

און ביידע האָבן זיך געגעבן די הענט און געזאָגט זיך „שלום עליכם, עליכם שלום", אַזש עס איז געווען אַ מחיה צו קוקן, און בידע ניי־געבאַקענע קרובים האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פאַרטרוילעכן שמועס מעניני דיומא, וועגן טאָג־טעגלעכע געשעפטן, וועגן דאגות פרנסה, און דער קרוב לייזער גייער האָט צוגעניגט זיין אויער צום קרוב מאיר גייער און האָט אים איינגערוימט אַ סוד, דהיינו, ער, לייזער, וווינט אין ווייטע שטעטעלע אין גליל העליון און האָט ביי זיך כך וכך לאָקשן (דאָלאַרן), וועלכע ער וויל לשם פרנסה איינטוישן אויף פונטן.

און מאיר גייער האָט צוגעניגט זיין אויער צו לייזער גייער און האָט אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ער איז אויסגעקאָכט מיט די לייט, וואָס האַנדלען מיט לאָקשן און, אַז ער וועט אים אָט שוין טאָן די טובה און גיין די מינוט אויסטוישן די לאָקשן אויף פונטן מיט אַ גוטן פרייז.

און אז מאיר גייער האט שוין געהאט די לאקשן אין טאש, האט לייזער גייער א פרעג געטאן בלחש דעם קרוב.

— קרוב־לעבן, דארף איך מיטגיין?

— צו וואס, קרוב, דארפט איר זיך מטריח זיין, אט גיי איך און ברענג אייך אן שום טרחה דאס אמתדיקע היגע געלט.

און מאיר גייער איז אוועק און איז נישט צוריקגעקומען עד היום הזה.

און ווען לייזער גייער האט דערזען, אז ער איז אריינגעפאלן אין אן אפערע, האט ער בחרפתינו געגומען און האט געמאלדן דער פאליציי וועגן דער גאנצער מעשה און בשעת מעשה האט לייזער גייער אפגעמאלן מיט אלע פיטשעווקעס דאס פרצוף פון זיין נישט געשטויגענעם קרוב.

עס האט נישט געדויערט לאנג, האט די פאליציי געכאפט דעם ליידיק־גייער מאיר גייער און אים, ראשית, מבכד געווען מיט א יושב בסתר. ושנית, האט אים די פאליציי צוגעשטעלט א בענקל אין בית משפט השלום, און בימינו איז פארגעקומען דער משפט פון מאיר גייער מיט לייזער גייער וועגן דער באוווסטער אפערע.

דער באשולדיקטער, וואס האט זיך נאך פון פריער מודה געווען, האט רייסנדיק א פסק צו זיצן אין תפיסה א זומער מיט א ווינטער, באקומען אלע קאלירן אין פנים און האט זיך פון גרויס עגמת־נפש שיער נישט צעוויינט.

און דער באשולדיקער לייזער גייער, קוקנדיק אויפן באשולדיקטן, האט אויך שיער נישט געוויינט פון גרויס צער, וואס זיינע פארהארעוועטע לאקשן זענען אין דער צווישנצייט צערינען געווארן ביים אפעריסט ווי וואסער, ווייל ביז מען אט אים איינגעיושבט האט ער געפרעסן און געזויפן אויפן „קרובס" חשבון...

נישט דערקענט די אייגענע סוסים

ויהי — און עס איז געווען אין די טעג, ווען עס האָט געקיניגט אין ארץ אבותינו דער בריטישער לייב און זיין רעכטע האַנט, דעם נביא מחמדס קנעכט — דער אַראַבער.

וילך, איז געגאַנגען, איש, אַ מאַן, ושמו בערל קאסעווי, ויגר, האָט ער זיך באַזעצט אין נה־צדק אַ פּאַרצייטישער קוואַרטאַל צווישן תל־אביב— יפו. ויקם, איז אויפגעשטאַנען בערל קאסעווי, און געגאַנגען איבער די גאַסן אין נוה־צדק, ויפגש, האָט ער באַגעגנט אַ פריינטל פון די דעמאָלטיקע צייטן — אַ מענטשל, וואָס האָט געהייסן דולי דער שיקלדיקער און איז געווען אַ פערד־גנב. וישבו, האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אין אַ קאַטאַ־קאָמבע אין אַן אַראַביש קאַפעהייזל אין יפו, וידברו, האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַ פערדיש גנבהלע ביי אַן עושר, אַן עפענדי פון סאַכנע דערוויש הסמוך ליפו.

בלילה ההוא, אין מיטן נאַכט, האָבן דולי דער שיקלדיקער און בערל קאסעווי אַרויסגעפירט פון עפענדיס שטאַל אין סאַכנע דערוויש צוויי שוואַרצע הייס־בלוטיקע פערד, יקר המציאותן. וירכבו, און זענען אַרויס־געריטן לעיר הבירה, קיין ירושלים, למכור, צו פאַרקויפן די פערד פאַר גוטע טאָלערס און צו פראַווען אַ סעודה כיד המלך.

ויסעו מיפו ויחנו ברמלה, ויסעו מרמלה ויחנו בהרי ירושלים. ויהי ערב ויהי בוקר, זענען דולי דער שיקלדיקער און בערל קאסעווי אַריינגעריטן אין דער אַלטער שטאָט אַריין און זענען פאַרפאָרן אויפן פערדמאַרק הסמוך צום גרויסן מעטשעט. ויקנו, האָט פּאַסירט און עס האָט פאַר אַ גוטן מקח געקויפט די פאָר סוסים, דער עפענדי, דער עושר פון סאַכנע דערוויש, וואָס האָט נישט דערקענט זיינע אייגענע פערד, ווייל ער איז נישט געווען קיין מבין אויף פערד. דער עפענדי האָט אַהיימגעפירט די פערד און דער אַלטער מוכאַמעד סאַלים, דער שטאַל־קנעכט, האָט פון

גרויס חידוש זיך געבוקט צען מאָל מיטן פּנים צו מעקאַ, און דער עפענדי דער עושר האָט פאַר גרויס כעס זיך צעשניטן אַן אָדער, האָט געלאָזט פליסן דאָס בלוט אויפן מעסער, האָט געשוואוירן ביי אַללאַ, אָפּצווזוכן בײדע יהודים און זיי טויטן.

וייטב הדבר בעיני העפענדי ויעש כן — דער רייכער עפענדי מיטן נאָמען עלי בן כאַסאַן, האָט אַרויסגעלאָזט זיינע אונטערטאַנער, די קנעכט פון זיין הויז צו זוכן ביידע יאַהודס און אַליין זיך געלאָזט איבער די מערק און פלעצער פון יפו און ירושלים, פון שכם און בית אל, איבער אַלע ערטער פון ארץ פלישתים, און האָט מיט אַ קינדזשאַל געזוכט און גענישטערט — ביז די ענגלענדער האָבן געמאַכט אַ ויברח פון לאַנד פלישתים, ביז די אַראַבער האָבן געמאַכט ויברח פון לאַנד כנען — און ושבו בנים לגבולם. עס איז אויפגעשטאַנען די אַלט־נייע מדינת ישראל, פון דן ביז אילת, פון ירדן ביזן ים־סוף.

ביני לביני, זענען די העלדן פון דער מעשה, די צוויי הייס־בלוטיקע אַראַבישע סוסים עלטער געוואָרן. וכאשר באו בימים, האָט דער עפענדי עלי בן כאַסאַן גערופן אַ יידישן בעל־עגלה, און ווען דער בעל־עגלה, וואָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דולי דער שיקלדיקער, איז געקומען אָנקוקן די סוסים, האָט אים עלי בן כאַסאַן גלייך דערקענט און האָט פון גרויס חידוש שיער נישט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק אויפן אָרט. דולי דער שיקלדיקער האָט געגאַפט און געשטוינט, קוקנדיק ווי דער אַראַבער דער מוכר סוסים ווערט גרין און געל און פּאַפּיעלאַטע און פאַלט שיער נישט אַוועק אויפן מאָזאַיק־געפּלאַסטערטן הויף. דער עפענדי עלי בן כאַסאַן האָט ביסלעכוויז צוריק באַקומען זיין פריערדיק געשטאַלט, האָט געטראַכט מחשבותן און געקומען צו דער מסקנה, אַז היינט איז נישט אַ מאָל — אַנדערע צייטן. דער קינדזשאַל, מיט וועלכן עלי בן כאַסאַן האָט געוואָלט ממיתן די יאַהודס, איז פון אַלטקייט פאַרזשאַווערט געוואָרן, איז אַ שברי־כלי אין שטאַל. הכלל, דער עפענדי האָט אַרויסגעפירט די סוסים און דולי דער שיקלדיקער, וואָס איז געווען אַ מבין שבמבין אויף פערד, האָט דאָס מאָל די גנבהשע פערד נישט דערקענט. דאַקעגן, האָט דולי דער שיקלדי־קער דערקענט די שטאַל און אויך דעם אַראַבער, דעם סוחר, וועמען

ער האָט אין ירושלים פאַרקויפט די גנבישע סוסים. דולי האָט נישט פאַרשטאַנען — היתכן, ווי קומט דער אַראַבער קיין סאַכנע דערוויש פון אַלט־ירושלים, וואָס ליגט אין די אַראַבישע הענט.

העיקר, די שטוינונג ביי ביידע איז אַריבער. ביידע האָבן זיך גענומען צו דער קניה ומכירה. ביידע האָבן זיך ווי אויף די פאַרצייטישע פערד־יאַרידים געפּאַטשט אין די הענט אַריין, האָבן זיך געדונגען, אַ פונט אַרויף, אַ פונט אַראָפּ — בינתיים האָט דער עפענדי אין מיטן דינגען אָנגעטרונקען די סוסים מיט וואַסער, וואָס האָט געשוימט מיט ווייסע שוים. דולי דער שיקלדיקער האָט בפירוש געזען ווי דער עפענדי האָט זיך מער נישט געדונגען און איז מסכים געווען אויפן פּרייז, און אויף צומאָרגנס זענען ביידע סוסים אַוועקגעפגרט ביי דולין אין שטאַל.

דער דאָזיקער פערדישער ענין איז אַוועק אין בית משפט השלום. דער עצם ענין איז אַ דאַנק די געריכט־פאַרהאַנדלונגען באַוווּסט געוואָרן און פאַרצייכנט געוואָרן אין דברי הימים ביים געריכט.

דער עפענדי עלי בן כאַסאַן האָט געוווּנען דעם משפט און האָט נישט צוריקגעקערט דאָס געלט פאַר די געפגרטע סוסים. קניה בלייבט קניה, האָט געלויטעט דער פסק־דין, און דולי, וואָס איז היינט שוין אַ שטיקל עושר מיט אַן אייגענעם שיכון, האָט זיך די מעשה נישט גענומען צום האַרצן און האָט, צו אַלעמענס שטוינען, נאָכן פאַרענדיקן זיך פון משפט, איינגעלאַדנט דעם אַראַבער אויף אַ פאַרציע חומוס, און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בימי די ענגלענדער און די אַראַבער, אינעם לאַנד פון די אָבות אבותינו.

אַז ברײַנדל װיל, שיסט אַ בעזעם אויך...

דער אָנגעקלאָגטער דריי און צוואַנציק יאָריקער בחור, אַ ביסל אַ געהויקערטער, מיט צוויי פּאַדערשטע אַרויסגערוקטע ציין — זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק כולו בושה, גלייך ווי עס וואָלט אים דערוואַרט אַ גזר־דין פון אַ שמיטה יאָרן צו זיצן אין תפיסה. זיין גאַנץ פאַרברעכן, וואָס ווערט אים בעתן משפט פאָרגעוואָרפן איז, דאָס באַפאַלן אין חודש מאַי ניין אַ זייגער ביי נאַכט די זעכציק־יאָריקע ברײַנדל פּאָס, ווען זי איז געזעסן אויף אַ באַנק פאַר איר הויז, אין איינער פון די תל־אביבער גאַסן. דער אָנגעקלאָגטער — ווערט געזאָגט אין באַשולדיקונגס־אַקט — האָט זיך אין דער בירגערין איינגעביסן ווי אין אַ צייטיקן מילגרוים און האָט פון איר אויסגעזויגן די זאַפטן...

ביי די ווערטער ווערט דאָס פּנים פון אָנגעקלאָגטן רויט־אָנגעצונדן פון פלאַמיקער בושה. די אויגן זינקען צו דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. אַלע אַנדערע אין זאַל שמייכלען און קוקן זיך אָן.

ברײַנדל שטעלט זיך פאַרן גרינעם ריכטער־טיש, מיט צוויי נאָז־טיכלעך אין די הענט. זי ווייזט אויס, מיטן צוועק זיך צו צעוויינען אין פאַל, ווען עס וועט קומען צו רייד וועגן די דראַסטישע און אינטימע סצענעס. נאָר אָנשטאָט דעם פאַלן פון ריכטערס זייט פראַגן האַרבע און שטרענגע:

— וואָס האָט איר צום אָנגעקלאָגטן?

— כבוד השופט, — צעהעשעט זיך שיער נישט ברײַנדל פּאָס, אַ דערשטוינטע פון אַזאַ קילער באַנעמונג צו איר — ער האָט דאָך מיך געקענט אומגליקלעך מאַכן...

עמעצער אין זאַל שיסט אויס דערביי מיט אַ געלעכטער. דער ריכטער צעקלינגט זיך מיטן גלעקל:

— ביטע נישט לאַכן און נישט שטערן.

דוד איידלמאַן

ברײַנדל פּאַס זעצט פאָר:

— אַ בושה איז מיר פאַר דער גאַס און פאַר די שכנים, אַז אַזאַ צוציק זאָל זיך מיט אַזעלכע ווי איך שפּילן. באַשטראָפן, כבוד השופט, באַדאַרף מען אַזעלכן!

דער ריכטער רײַסט איר איבער:

— איר זענט מיט אַ מאַן?

— חס ושלום — טוט זיך אַ צעוויין ברײַנדל פּאַס — אַן אַלמנה בין איך, כבוד השופט, אַ קיילעכדיקע אלמנה. עלנט ווי אַ שטיין. די זין, די טעכטער, די שנורן, די איידעמס, אַלע זענען זיי, כבוד השופט, צעוואָרפן איבער שבעה ימים...

— און ווער זענען די אונטערגעשריבענע אויפן אַקט?

— קרובים זענען זיי, כבוד השופט, נישט מער ווי קרובים. כ'האָב מיך קוים דערבעטן ביי זיי, זיי זאָלן זיך אונטערשרייבן.

— פאַר וואָס האָט איר דעם יונגנמאַן נישט גלייך אָפּגעשטופּט פון זיך?

— ס'טייטש, כבוד השופט, כ'האָב דאָך זיך געשעמט צו שרייען, די שכנים זאָלן נישט דערהערן. אַ נאַרישער בחור איז ער דאָך, אָט דער דאָזיקער — ווייזט ברײַנדל אָן מיט דער האַנט צום באַשולדיקטן — ער האָט דאָך געקענט זיצן מיט מיר ווי לאַנג און שמועסן, און נישט אָנהייבן מיט חוצפּהוואַטע שטיק, ברײַנדל וואָלט אים געוויזן, אַז זי קען, גלייך מיט די יונגע, פירן אַן אָנשטענדיק געשפּרעך. נאָר גיי מאַך מיט די היינטיקע יונגעלייט, אַז זיי צינדן זיך באַלד אָן ווי די פלאַקערס...

דער ריכטער רײַסט איר איבער. אַ מאָמענט איז שטיל אין געריכט־זאַל. עס הערט זיך נאָר דעם ריכטערס ריטשקען מיט דער פעדער איבער די פּאַפּיר־אַקטן. און באַלד, אַזוי, כלאחר יד, פאַלט די פראַגע צום באַשולדיקטן:

— זענט איר זיך מודה אין דעם, וואָס ווערט אייך דאָ פאַרגעוואָרפן?

דער באַשולדיקטער לאָזט אַראָפּ אַ פאַרשעמטער די אויגן.

דער ריכטער לייענט דעם פּסק־דין: זעקס טעג אַרעסט על תנאי און פינף און צוואַנציק פונט פאַר שלעכטער אויפפירונג.

אדם און חוה אין תל־אביבער גן־עדן

לויט ווי עס איז בפירוש באַשריבן אין די געריכט־אַקטן, האָט די עצם־מעשה פּאַסירט נאָך דעם פּאַריקן זומער. דאָס יונגע פּאַרליבטע פּאָרל — פּועה און אמנון פון תל־אביב — ווען עס איז גוואַלדיק נמאס געוואָרן דאָס שפּילן זיך אין ליבע־באַהעלטענישן אין די ענגע גאַסן און פּאַרקן פון תל־אביב, זענען נאָך אַ ישוב־הדעת, אַוועק צום קליינעם צפון־פּאָרט ביים טייך ירקון אין תל־אביב, און זיך דאָרטן געדונגען אַ שפּאַציר־שיפל אויף אַ שעה צייט. די נאַכט האָט זיך דעמאָלט, נאָכן הייסן כאַמסין־טאָג, בשום אופן נישט געוואָלט אָפּקילן און האָט דאָס פּאַרליבטע פּאָרל ממש געצוווּנגען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די מלבושים. און אַזוי האָט זיך דאָס שיפל מיטן מוטער־נאַקעטן פּאָרל, געגליטשט איבערן צעזיל־בערטן ירקון־שטראָם אַראָפּצו.

שעהן זענען אַוועק און דאָס שיפל האָט זיך, צו דער שטוינונג פון אויפזעער, נישט צוריקגעקערט. ס'איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל אויפן שטילן טייך ירקון. דער אויפזעער האָט וועגן דעם גלייך געמאָלדן דער פּאָליציי.

ספּעציעלע ים־טויכער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן טייך. אין משך פון אַ גאַנצער נאַכט האָט מען דורכגעניישטערט דעם טייך און אין קול ואין עונה. דאָס פּאָרל איז ווי אין וואַסער אַריין. די הייסע נאַכט איז דער־וויל אַוועק, און אויף איר אָרט האָט אָנגעהויבן גרויען דער אויפקומענ־דיקער הייסער פרימאָרגן.

און דאָ קומט דער עיקר המעשה:

צוגלייך מיטן אויפגייענדיקן פרימאָרגן, ווען אַלץ אַרום האָט פּלוצ־לינג זיך צעהעלט, האָט זיך דער באַשאַף פון הימל, ערד און וואַסער, אָנגיז־פּלעקט פאַרן אויג, און גלייכצייטיק האָט זיך פון צווישן נידעריקע ביימלעך

און גראַזן־געפּלעכט, אויך באַוויזן דאָס לאַנג געזוכטע פּאָרל־בטע פּאָרל — מוטער נאַקעט, זיי אדם און חוה אין גן־עדן. זיי האָבן מיט פאַרבליפטן חידוש געבליקט אין הערלעכן, אויפגייענדיקן בראשית־טאָג, וואָס האָט געשוויבלט און גז׳ריבלט מיט גרינס, בלומען און ביימער.

איז אַזוי דאָס פּאָרל, ווי צוויי שלאַנקע אינדן, געשטאַנען און געבליקט, ביז עס האָבן זיי אַרומגערינגלט די שוטרים, וועלכע האָבן אדם וחוהן פאַרטריבן פון גן־עדן גלייך אין אויספאָרשונגס־אַמט. דאָרט איז קעגן זיי געוואָרן צונויפגעשטעלט אַ ראַפּאָרט, וועלכער האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ משפּט.

הכלל, נישט לאַנג צו ברייען, דאָס פאַרליבטע אדם וחוה־פּאָרל איז געקנסט געוואָרן מיט הונדערט פונט שטראָף, לויט דעם און דעם פּאַראַגראַף, פאַר אָנמאַכן אַ בהלה אינעם דיסטריקט תל־אביב.

דאָס פּאָרל האָט פאַרשעמט פאַרלאָזן דעם געריכט־זאַל און אַוועק, שוין נישט אין דער ריכטונג צום טייך ירקון...

די אַלמנה מיטן געלט־קניפּל

זיידל זייטשיק, אַ פאַרמלחמהדיקער אײדעם אויף קעסט, אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט זיך תמיד געדרייט איבער בערזעס און פאַר־לוירן אַ נדן נאָך אַ נדן, איז אַ לײדנשאַפטלעכער חקרן איבער הבל־הבלים און אַ ליבהאָבער פון כלערליי קאָרטנשפּיל. געקומען איז ער פון צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן גלות קיין ישראל, כדי צו מאַכן אַ לעבן; ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגערמאַן, וואָס האָט נישט אַריינגעטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער.

האָט זיך זיידל זייטשיק, אגב, אַ פרישער אַלמן, ווען דאָס ווייב האָט זיך, פון זיידלס לייטישן לעבן, אָפּגעטראָגן פאַר דער צייט אויפן עולם האמת, גענומען אַרומדרייען איבער די גאַסן פון תל־אביב, אַריינגע־שמעקט אין די קאָרטן־הייזלעך, געשפּילט אין פּאָקער און פאַרשפּילט אין רעמי און ברידזש. זיידל האָט געמעקלט און געהאַנדלט מיט ווינט און שפּינוועבס, מיט חולאתן און כל המינים בלאָפערישע געשעפטן און עס איז אים אַלץ געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. האָט זיך זיידל זייטשיק איין מאָל צעחקרנט, זיך אַראָפּגעלאָזט אין די מעמקים פון זיין אייגענעם וועזן און געקומען צו דער מסקנה — אַז שולדיק אין זיין שלימזלדיקייט, איז דער אַלמן וואָס אין אים, און שוין צייט איז, ער זאָל אָוועקוואַרפן דאָס הו־האַ־לעבן און ווערן אַ „סטאַטעק". וואָרעם אויב נישט, וועט ער, זיידל זייטשיק, אין אַ שיינעם טאָג, בלייבן אַזוי שטיין בעירום ובחוסר כל, און ער וועט שוין אַפילו נישט קענען אַריינכאַפּן אַ קערטל בין מנחה למעריב. הכלל, זיידל זייטשיק האָט זיך גענומען אַרומקוקן ווו ער איז ערגעץ אין דער וועלט און זיך דערזען לעבן אַ היפּשער אַלמנה מיט צוויי קרימלעכע פיס. וואָס האָט איר אייגנס אַ שטוב מיט אַן אָפּגעשפּאָרט געלט־קניפּל.

גוטע מלאכים זענען אים, זיידלען, בייגעשטאַנען. מצד דער אַלמנה

האָט ער באַקומען פולע הויפנס שמייכלען. דער בעסטער סימן, אַז ער געפעלט. און וואָס נאָך דאַרף אַזאַ ייִד ווי זיידל, וואָס האָט שוין אָפּגעטאָן כל עבירות שבעולם?

האָט זיידל איין מאָל גענומען די אַלמנה אויף אַ שפּאַציר איבער די תל־אביבער פּאַרקן און גאַסן און האָט זי ממש פאַרכישופט און איינגע־וויגט מיט שבחים און צערטלעכקייטן. ביז... די אַלמנה האָט אַזש פון מתיקות געשלאָסן די אויגן־אַפּלען און געוועט גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר האַרץ־ריטער...

אַזוי זענען אַפּגעלאָפן אַ ביסל טעג און זיידל איז מיט מזל געוואָרן אַ בן בית ביי דער אלמנה אין שטוב, נאַשנדיק און עסנדיק פון פויגל־מילך. ווען ער איז דערגאַנגען דעם גרויסן סוד פון דער אלמנהס געלט־קניפּל איז אים אַזש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

אין די נעכט האָט זיידל, ליגנדיק אויפן געלעגער, גענומען לערנען פשט: ממה־נפשך, האָט זי מיך ליב ביז סכנות־נפשות און איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר מיר, באַדאַרף דאָך איר ערשטער קרבן זיין דאָס געלט־קניפּל. מכל־שכן, אַז איך וועל עס ביי איר בלויז אויסבאָרגן און איר שפּעטער, ווי אַ סוחר, צוריקקערן כפל־כפליים, און עס קען זיין, אַז איך וועל איר גאָר דאָס געלט־קניפּל פאַרטאָפּלען. איך וועל איר דערקלערן, אַז כ׳בין זיידל דער סוחר פון אַלע יאָרן און נישט דאָרטן עפּעס אַ בעל־מלאכה. און זיידל איז טאַקע, נאָכן חקרענען זיך, אַריבער צו מעשים. צו מאָרגנס איז ער אַן אויסגעפּוצטער אַוועק צו דער אַלמנה, און פאַרטויבנדיק זי מיט אַן אַ שיעור ליבע־שעפּטשערייען און צערטלעכקייטן, האָט זיידל אויסגעבאָרגט פון דער אַלמנה איר אָפּגעשפּאָרט געלט־קניפּל און איז, ווי דער שטייגער פון אַזעלכע פאַרשוינען, פאַרשוווּנדן שפּורלאָז פון דער אלמנהס וועלט.

האָט די אַלמנה איינגעריסן וועלטן, געזוכט זיידלען און דאָס „קניפּל״, גענישטערט צוזאַמען מיט דער פּאָליציי בכל רחבי המדינה, מיטן כוח פון שטעקבריוו און כלערליי תחבולותן, ביז מען האָט דעם תכשיט געפּאַקט אין איינעם אַ קאָרטן־הייזל אין תל־אביב, אַריינגעטאָן בלב ונפש אין פּאָקער־שפּיל. זיידל זייטשיק איז גלייך גענומען געוואָרן צום פּאָליציייִשן

אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט אים באַלד נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג איינגעקוואַרטירט אויף קעסט אין „חד־גדיא״. פון געלט־קניפּל אין דער אלמנה געלונגען אָפּצונעמען בלויז אַ נישטיקן טייל, און ווען זיידל זייטשיק איז פּאַר די דאָזיקע מעשים געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט — האָט עס דער אלמנה, קוקנדיק אויף זיין אָפּגעצערט פּנים, אָנגע־כאַפּט אויפן אָרט אַ רחמנות־געפיל, און זי האָט אַ זאָג געטאָן אין זיידלס זייט:

— זיידל, זיידל, קוק זיך אָן, וואָס פון דיר איז געוואָרן!... האָסט געקענט זיין אַ ליט, לעבן מיט מיר, און האָסט זיך באַנאַרישט...

האָט איר זיידל, כמעט ווי אין אַ וויינענדיקן טאָן, געענטפערט:

— כ׳קען נאָך אויסבעסערן דאָס, וואָס כ׳האָב קאַליע געמאַכט.

— שפּעט, זיידל, — האָט די אַלמנה צוריק אָפּגעענטפערט — כ׳האָב מער נישט קיין געלט־קניפּל.

און אַזוי איז זיידל פּאַר באַשווינדלען די אַלמנה באַשטראָפט גע־וואָרן מיט אַ האַלב יאָר תפיסה.

ווי אַזוי ווייכע־מירל פון אַבו־כביר האָט געכאַפּט אַ נאַכט־סאַטיר

מען רופט זי ווייכע־מירל דעריבער, וואָס זי האָט אַ ווייכע נאַטור. אַ ליאַדע וואָס באַווינט זי זיך די יאָרן, וואָס גייען אַוועק מיט גאָרנישט.

מען רופט זי ווייכע־מירל, צוליב דער דיקער פלײשיקער פיגור, וואָס יערט אַריבער ווי אויפגעיוירן טייג, ווי נאָר מירל גיט זיך אַ בייג. דאָס מויל איז איר קליין, די פיס זענען איר שוואַך, דאָס האַרץ נאָגט — מירל עסט פאַר דריי און איז פאַרביי — די ווייכע־מירל, וואָס איז אָן אַ מאַן, שלאָפט אַליין אין איר חדר אין פאַרטער, אין דער הינטערשטאָט אַבו־כביר הסמוך לעיר תל־אביב.

בזמן הזה, ווען די מיאוסע געשיכטע האָט מיט דער ווייכער־מירל פּאַסירט, האָט גראַסירט אין דער שטאָט תל־אביב אַ נאַכט־סאַטיר, אַ פּאַס־קודנער פּאַרשוין, וואָס איז געקראָכן צו ווייבער, בכדי צו פאַראומרייניקן זייערע לייבער.

ובכן, ויהי בחצות הלילה, בעת די ווייכע־מירל איז שוין געלעגן אין בעט און האָט שוין געטראַכט צו ווערן אַנטשלאָפן מיטן גרינגן שלאָף, האָבן זיך ביי איר די אויגן גענומען קלעפּן און זי האָט אָנגעהויבן שוועבן אין חלום און אויף דער וואָר. און עס איז געשען, ווי נאָר די ווייכע־מירל איז איינגעדרימלט געוואָרן, האָט זיך דער נאַכט־סאַטיר פאַרגנבעט און אַריינבאַקומען זיך דורכן פענצטער אין חדר אַריין און מיט געוואַלט גענומען אויספירן זיין נידערטרעכטיקייט איבער דער ווייכער־מירל.

ותצעק צעקה גדולה ומרה... ווי נאָר די ווייכע־מירל האָט אין שלאָף דערשפּירט די סכנה, האָט זי כהרף עין אויפגעהויבן אַ שרעקלעך געוואַלד, פון וואָס עס זענען באַלד אָנגעלאָפן די שכנים פון אַלע זייטן און אײדער עס זענען זיך אָנגעלאָפן די שכנים, איז דערווייל די ווייכע־מירל אַראָפּ

פון איר בעט, האט געכאפט פון קיך א פייער־טאפ און געפלעט דעם נאכט־סאטיר דעם קאפ. בינו לבינו זענען אנגעלאפן די שכנים און האבן דערווישט דאס געשפענסט, וואס האט געפרוווט נעלם ווערן דורכן פענצטער.

דאס איז דער געריכטס־אקט, וואס איז אין יענע נאכט פאראייביקט געווארן דורכן אליארמירטן שוטר, וואס איז געקומען קיין אבו־כביר צו ארעסטירן דעם נאכט־סאטיר, וואס האט זיך געהייסן רופן חאדזשי לוי פון חסן בעק אין יפו.

נאך דעם ווי דער שופט האט זיך געזעצט צום טיש און נאך דעם ווי די פאליציי־שמירה האט אוועקגעזעצט דעם געכאפטן פארשוין אויף דער הארטער געריכטס־באנק, האט זיך דער משפט אנגעהויבן.

קודם האט דער שופט גענומען לייענען בשתיקה אין באשולדיקונגס־מאטעריאל, און דערווייל איז זיך געזעסן אויף דער באנק חאדזשי לוי, ווענען עס איז כדאי צו שילדערן.

חאדזשי לוי האט געטראגן אויף זיך צעריסענע הויזן מיט א צעלע־כערטע מארינארקע. דאס העמד אויפן לייב איז בײ אים געווען נישט געוואשן און במקום שיך האט ער געטראגן קאלאשן. זיין פנים האט געהאט א צורה פון א נישט־גוטן. די אויגן האבן געקוקט קרום, די קינ־באקן זענען געווען געדיכט פארוואקסן מיט שטייפע האר און די הויט אויפן פנים האט זיך געשיילט. חאדזשי לויס האר אויפן קאפ זענען געווען פארקאלטנט, און אליין האט ער אויסגעקוקט ווי א גארנישט, ווי אזוינער, וואס שלעפט זיך ארום אין די גאסן.

די געליטענע ווייכע־מירל, וואס האט עדות־געזאגט קעגן אים האט צוליב איר ווייכער נאטור, שיער נישט געוויינט, קוקנדיק בגניבה אויפן נאכט־סאטיר, וואס האט פרובירט צו באדעקן איר נאמען מיט שאנד און מיט שפאט אין יענער נאכט אין אבו־כביר.

דעריבער, ווען דער שופט האט אנגעהויבן אויספרעגן דער ווייכער־מירל מה ומה, וואס זי האט נאך מיטצוטיילן פאר דער באשולדיקונג, האט די ווייכע־מירל גלייך באקומען פייכטע אויגן און געזאגט דעם ריכטער, אז זי ווינטשט דעם נידערטרעכטיקן פארשוין איר הארצקלאפעניש מיט

די יסורים, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין יענער פינצטערער נאַכט. דעריבער האָט דער שופט אָפּגעלאָזט די ווייכע־מירל און האָט זיך גענו־מען צו חאַדזשי לוי.

— פאַר וואָס שלעפּסטו זיך אַרום און באַפאַלסט שלאָפנדיקע פרויען?

— איך האָב בלויז געוואָלט איבערנעכטיקן און ווייטער גאַרנישט.

— האָסט נישט קיין שטוב?

— מען לאָזט מיך נישט אַריין אין שטוב.

— אין וועלכער שטוב?

— אין חסן בעק.

— ווער לאָזט דיך נישט אַריין?

— די מענטשן.

— פאַר וואָס?

— כ'ווייס נישט פאַר וואָס.

— וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?

— איך קלויב שמאַטעס אין די גאַסן.

— האָסט אַ פאַמיליע?

— כ'האָב נישט.

דער שופט פאַרענדיקט דאָס פרעגן. דער באַשולדיקטער בלייבט זיצן ווי אין דער פריערדיקער פּאָזע, די פּלייצעס איינגעהויקערט, די אויגן קרום פאַרוואָרפן אין דער זייט.

אַ וואָרט באַקומט דער שוטר, וואָס האָט דעמאָלט ביי נאַכט איינגעזעצט דעם נאַכט־סאַטיר, וואָס איז פאַרקראָכן פון יפו קיין אבו־כביר. דער שוטר האָט מיט פּינקטלעכקייט געשילדערט דעם גאַנצן פאַרלויף, וואָס אַני הקטן האָב שוין אויבן באַשריבן. דער שוטר האָט אויך דערקלערט, אַז בזמנים הללו האָבן שוין פּאַסירט אַזעלכע נאַכטיקע איבערפאַלן אויף שוצ־לאָזע פרויען, און אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער באַשולדיקטער האָט שטעקן אַ חלק אין דעם.

דער שופט האָט מיט קאָפּ אויסגעהערט די געזאָגטע ווערטער און האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין דער מעשה בכתב, אין געריכטס־אַקט, אין

װעלכן עס איז געװען באַשריבן װי אַזוי מען האָט געכאַפּט דעם דאָזיקן װאַזשנעם פּאַרשױן.

אין איין װעגס האָבן די געריכט־זיצער, די אײביקע יושבים בדין געקוקט אָן אױפֿהער אַהין צום אױסטערלישן אָנגעקלאָגטן, װאָס האָט קלאָגעדיק אױסגעקוקט אין זײערע אױגן. די געריכט־זיצער האָבן געקוקט, און דער שופט, להיפוך, האָט אױפֿגעהערט קוקן אין אַקט און האָט מיט טאַקט גענומען אױסלײענען דעם פּסק־דין.

— אַזױ און אַזױ, פֿאַר באַגײן נידערטרעכטיקע מעשים װערט חאַדזשי לױ פֿאַרמשפּט אױף זיצן אַ לאַנגן טערמין אין תּפֿיסה.

אָפּגעפּסקנט, האָט דער שופט פֿאַרלאָזט דעם געריכט־זאַל, און נאָך אים האָבן פֿאַרלאָזט דעם זאַל די װײַכע־מירל מיט אַלע אַרומיקע יושבים בדין, װאָס האָבן באַװיזן צו זען, װי די פּאָליצײ־שמירה טוט אָן דעם פֿאַרמשפּטן די קײטעלעך אױף די הענט און פֿירט אים אָפּ אין דער „קיטשע״, הינטער די קראַטן.

עלי־וועלוול דער היטלמאַכער

עלי־וועלוול האָט נישט קיין נחת פון זיין היטלמאַכעריי, וואָס איז נישט קיין פאַך אין ישראל, מחמת די היגע מענטשן גייען אַרום אַ גאַנץ יאָר אין בלויזן קאָפּ. עלי־וועלוול האָט נישט קיין הנאה פון די מאכלים, וואָס ער עסט אין ביליקן רעסטאָראַנדל. עס איז אים שוין צוגעגעסן די פּילע־פיש, די זופּן, וואָס האָבן אַ זויערן געדוך און דעם דריי־קאָליריקן פּודינג, וואָס ער עסט במקום קאָמפּאָט, זיצנדיק אויף אַ הינקעדיק בענקל אַרום אַ וואַקלדיקן טיש מיט אַ פאַרפלעקט טישטעך.

עלי־וועלוול, וואָס איז נאָך אַ בחור און שלאָפט אויף אַ האַרט געלעגער, האָט חרפּות און בושות פון שכן יוחנן, וואָס איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַן „אונטערהאַלטער" בפירוש גערעדט, אַן אַלפאָנס, אַ „חתן", וואָס האָט אַרומגיין אין גאַס אונטערוועלטישע „כלות".

יוחננס „כלות", גאַסן־מיידן מיט פרעכע פּנימער, מיט פּעט־באַשמינקטע ליפּן, טראָגן פאַרשייטע קליידלעך, מיט ענגע בלוזקעס אָזעלכע, וואָס קלעבן צום גוף און שיסן מיט יצר־הרע... זיי קומען צו גיין מיט וויזיטן צום „חתן" יוחנן, מיטברענגענדיק געסט — פאַרשוינעץ, וואָס טוען איידער־וואָס־און־ווען זיך אָנטרינקען מיט אַראַק און רופן אַרויס געשלעגן פון וועלכע עלי־וועלוולען פאַרגייט דאָס האַרץ און די נשמה גייט שיער נישט אויס פון בלויז פּחד.

בשעת אָזעלכע געשלעגן ליגט עלי־וועלוול פאַרשלאָסן אין זיין פינצטערן חדר און ציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער. נאָך דעם, אַז עס שטילט זיך איין דער ווילדער טומל גייט ערשט עלי־וועלוול אַרויס ווי אַ חיה פון זיין פינצטערער נאָרע, אָטעמט פרייער אָפּ און נעמט עוסק זיין אין דאגת־פּרנסה, אינעם היטלמאַכעריי, וואָס גייט אונטער צוליב די גרויסע היצן.

איין מאָל נאָך אַ טומלדיקן געשלעג, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן

די פאַרדעכטיקע לייט צוליב די „כלות", בשעת בלוט האָט זיך געגאָסן און הושך האָט זיך געטאָן, איז צו עלי־וועלוולען אין שטיבל אַריינגעפאַלן דער וואַזשנער „חתן" יוחנן, וואָס האָט גענומען רעדן אַזעלכע דיבורים:

— שלום, חבוב.

— שלום.

— אתה לא ברוגז עלי?

— פאַר וואָס זאָל איך עפּעס זיין ברוגז אויף דיר? — האָט עלי־וועלוול גענומען שמייכלען צום אַלפאָנס.

— „מה לעשות, חביבי, זה פּרנסה, אין עבודה אחרת" — אַזוי האָט זיך פאַרענטפערט דער בלאַטער „חתן", און דערביי האָט ער עלי־וועלוולען גוט־ברידעריש געקלאַפּט אין פּלייצע, און דרך־אגב איז ער אַרויס מיטן אמתדיקן לשון:

— חבוב, באָרג מיר אַ ביסל געלט!

— בבקשה, — האָט עלי־וועוול פון בלויז פּחד פאַרן מסוכנדיקן „חתן", אַרויסגעצויגן געלט פון טאַש און פאַרגעלייגט די הלוואה.

דעמאָלט איז יוחנן געוואָרן מיט עלי־וועלוולען גוטער־ברודער און לאַ־די, האָט ער עלי־וועלוולען פאַרבעטן צו זיך אין „הייזל" און האָט אים געמאַכט אַ באַקאַנטשאַפט מיט איינער פון זיינע „כלות", אַ מויד אין קאָלירטע געפּאַסטע הויזן, מיט אַ פאַרשייט בגדל, אַ כתונת פּסים, אַרום לייב און מיט מעשענע רייפן באַהאַנגען אויף די הענט און די פיס.

די מויד, וואָס איז געווען רויט געשמינקט, האָט אויף יוחננס ווונק זיך צוגעשאַרט צו עלי־וועלוולען און זיך מיט אים גענומען אַמוזירן. די מויד האָט זיך אָנגערוקט אויף עלי־וועלוולען און האָט אים צו זיך צוגע־צויגן, בשעת מעשה האָט זי פרעך אונטערגעשמייכלט און האָט דערביי עלי־וועלוולען געגעבן אָנצוהערעניש. זי האָט אָנגעווענדט אַלע אירע אויסגעפּרוווטע גאַסן־שטיקלעך. נאָר עלי־וועלוול האָט זיך נישט געטרויט אָפּצוטאָן אַ מעשה מיט דער „כלה" פון „חתן" יוחנן דעם ווילן יונג, מיט וועמען קיינער האָט נישט געוואַגט אָנצוהייבן.

און עלי־וועלוול, ווי נאָר ער איז געבליבן אַליין אין זיין בחורישן שטיבל, האָט דערנאָך זיך באַדענקט און עס האָט אים גענומען באַנג טאָן,

הלמאי ער איז דעמאָלט נישט באַגאַנגען קיין זינד מיט דער מויד און אין עלי־וועלוועלען האָט אויפגעוואַכט אַ הייסער ליבעס־באַגער, אַ גלוסט נאָכן ווייבערישן מין און עס האָט עלי־וועלוול, ליגנדיק אין דער נאַכט אַליין אויפן האַרטן געלעגער, נישט געקענט צוטאָן קיין אויג, נאָר ער האָט רק געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרברענגען די נאַכט אין ליבע, מיט יוחננס פאַר־שייטער „כלה".

עלי־וועוול האָט איין מאָל דערזען, אַז אין יוחננס הייזל זענען איצטער נישטאָ קיין „געסט". האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און איז בלי הזמנה אַריין צו יוחנן אין „הייזל". עלי־וועלוול האָט אויפגעצאַפּלט, ווי עס צאַפּלט אויף אַ האַלב־טויטער פיש אין וואַסער, דערזעענדיק ווי די אויסגעלאַסענע „כלה" אין די געפּאַסטע הויזן מיטן כתונת־פּסים העמדל און מיט די מע־שענע רינגען אַרום די הענט און די פיס, טוט אים פרעך שמייכלען און פאַרבעטן צו זיך. און ווי עלי־וועלוול נעמט זיך אַזוי דערנענטערן צו דער מויד, אַזוי פראַלט זיך אויף די טיר פון „הייזל" און עס פאַלן אַריין שוט־רים, פּאָליציאַנטן פון דער זיטן־פּאָליציי און עס געדויערט נישט לאַנג ווערט יוחנן דער אַלפאָנס מיט זיין אויסגעלאַסענער „כלה", צוזאַמען מיט עלי־וועלוועלען אַרעסטירט און ווערן אָפּגעפירט אין דער משטרה. אַזוי אַרום איז עלי־וועלוול פאַרמישט געוואָרן אין אַ מיאוס עסק, ווערנדיק אַריינגערעכנט אַלס אַזאַ, וואָס באַדאַרף זיך צושטעלן צום משפט צוזאַמען מיטן „אונטערהאַלטער" יוחנן, און מיט זיינע אויסגעלאַסענע „כלות", וועלכע האָבן שוין ביי זייער לעבן נישט איין „פרייער" בדלות געשטעלט, אויסנאַרנדיק דאָס גאַנצע געלט.

דער שופט האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז עלי־וועלוול איז נישט פון די לייט און אים אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, דאָס הייסט, ער האָט אים אויסגעטיילט מחוץ למחנה און האָט עלי־וועלוועלען בלויז אָנגעזאָגט, אַז אויף להבא זאָל ער זיך אָנשטענדיק אויפפירן.

עלי־וועלוול האָט זיך קוים דערוואַרט אויף דער ענדע פון משפט און האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון געריכט־זאַל, אַראָפּציענדיק דערביי דאָס היטל פון קאָפּ איבער די אויערן, מען זאָל אים וואָס ווייניקער זען.

אַ שטעקן האָט צוויי עקן

די דאָזיקע העכסט אינטערעסאַנטע און פּיקאַנטע געשיכטע, וואָס האָט גורם געווען צו אַ משפּט אין בית משפּט השלום, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איינעם פון די שיכונים אַרום תל־אביב, וואָס איז מאַלעריש געלעגן צווישן גרינע גראָזן און אַלערליי ביימער, וואָס גיבן פון זיך אַרויס אַזעלכע פּירות, ווי גאָלדענע מאַראַנצן, גרין־געלע ציטרינען און גויאַוועס.

אין איינעם אַ טאָג, ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ רויטע פייערדיקע קויל צום ים, האָבן זיך אויפן שטעגל צווישן די שיכון־הייזער באַגעגנט די שיכון־איינוווינער פייטל גריצהענדלער מיט זיין ווייב פייגע־לאה און משה פּינקוס מיט זיין ווייב גיטעלע, וועלכע האָט מיט איר שיינעם פּנים און גרויסאַרטיקער קליידונג געמאַכט אויף פייטלען אַ גוטן איינדרוק.

און ווי עס פירט זיך ביי יידן, האָבן אויך זיי ביידע פּאַרפירט אַזאַ מין שמועס:

— שלום, אדון פּינקוס. וואָס מאַכט איר?

— איך בין, ברוך השם, געזונט און צופרידן. און איר וואָס מאַכט?

— ביי מיר איז דאָס זעלבע צו הערן.

אַזוי האָט געזאָגט פייטל גריצהענדלער און האָט בשעת מעשה דער־לאַנגט די האַנט משה פּינקוסן:

— שלום, אדון פּינקוס, זייט מיר געזעגנט.

— ווו איילט איר זיך אַזוי?

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת: איך איל זיך אָנצוקומען אין שטאָט אַריין וואָס פריִער, כדי צו קאָנען זען דעם ערשטן סעאַנס פון דעם נייעם פילם.

— פון מיר דאָס זעלבע צו הערן, — האָט אויסגערופן משה פּינקוס, און אַלע פיר האָבן זיך געלאָזט גיין דורכן שטעגל צום אויטאָבוס, וואָס האָט זיי געבראַכט אין שטאָט אַריין קיין תל־אביב, ווו מאַסן מענטשן

האָבן געאײַלט אָנצוקוקן דעם נײַעם פילם, וואָס גייט שוין וואָכנלאַנג מיט גרויס דערפאָלג.

אחרי הדברים האלה, זענען זיך משה פינקוס און פײַטל גריצהענדלער צוזאַמען מיט זייערע ווײַבער, געוואָרן די בעסטע פרײַנד און איינער האָט דעם אַנדערן פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַרײַן אויף כּיבוד און אין איין וועגס צו מאַכן אַ קערטל אין פיר הענט, כּמו שכּתוב, אַזוי ווי עס ווערט געשפּילט אין די שטובן אין ישראל.

און אַלץ וואָלט געווען גוט און פֿײַן, ווען נישט די צרה מיט פײַטלען, וועלכער איז אַ גוואַלדיקער פרויען־ליבהאָבער, און וועלכער האָט, צום גרויסן עגמת־נפש פון זײַן מיאוס ווײַב פייגע־לאה, זיך גענומען „שאַרן" צו דער שיינער גיטעלע, ווּעמען עס האָט הנאה געטאָן אַזאַ זאַך, ווי דאָס, וואָס מענער טוען זיך אין איר פאַרליבן.

גאָר אַנדערש געטראַכט האָט משה פינקוס, וועלכער האָט, זעענדיק פײַטלען אין דער ראָל פון אַ דאָן־זשואַן, ווי ער קריכט צו זײַן ווײַב, באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט אים ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט. און די געלעגנהייט איז געקומען פריִער ווי משה פינקוס האָט זי דערוואַרט — וואָרעם אָט האָט זיך אונדזער ליבע זון ווידער אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט פֿײַערדיק רויט אין ווײַטן ים, און גלייך ווי דער בין השמשות איז געקומען, אַזוי האָבן זיך אונדזערע העלדן אויף ס'נײַ באַגעגנט אויפן שטעגל, וואָס פירט צום וועג, און עס האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ שמועס אַזעלכער:

— וואָס הערט זיך, וואָס מאַכט מען, וווּ גייט מען?

— מען גייט אין קינאָ אַרײַן אָנקוקן דעם נײַעם פילם, וואָס שפּילט שוין זינט וואָכן מיט גרויס דערפאָלג.

— אויב אַזוי, זייט־זשע וויסן, ליבער שכן, אַז מיר גייען אויך אין קינאָ אַרײַן אויפן זעלבן פילם.

און ווײַטער איז פאָרגעקומען אַזוי: ווי נאָר זיי האָבן גענומען גיין דורכן שטעגל צום וועג, האָט זיך פײַטל גריצהענדלער צוגעשאַרט צו דער שיינער גיטעלע און גענומען איר מאַכן קאָמפּלימענטן.

— גיטעלע, כ׳מוז אייך זאָגן, אַז איר זענט מיין גאַנץ שטרעבן און איך קאָן אָן אייך נישט לעבן.

און אַז משה פינקוס האָט דאָס דערהערט, איז ער אַריין אין גרימ־צאָרן און האָט געכאַפּט אַ סענקעוואַטן שטעקן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד און אים אַראָפּגעלאָזט אויף פייטלס פּלייצע מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער שטעקן האָט זיך גלייך צעבראָכן אויף צוויי העלפטן.

איז אָבער פייטל נישט פון די שרעקעוודיקע און ער לאָזט זיך נישט שפייען אין קאַשע, כאַפּט ער אויף דער גיך די צווייטע העלפט שטעקן און נעמט דערלאַנגען צוריק קלעפּ נאָך קלעפּ און זשאַלעוועט אויך נישט משה פינקוסן קיין זידלווערטער.

הקיצור, ביידע פאַרפעלקער זענען שוין דעם אָוונט נישט געגאַנגען אין קינאָ אַריין צו זען דעם נייעם פילם. במקום זה האָבן זיי זיך אָוועק־געלאָזט צו אַדוואָקאַטן.

בימים האלה איז טאַקע פאַרגעקומען דער משפט פון פייטל גריצ־הענדלער און משה פינקוס, וועלכע האָבן פאַרן שופט דערציילט דעם גאַנצן פאַרלויף, וואָס איך, דער שרייבער פון די שורות, האָב דאָ איבער־געגעבן וואָרט ביי וואָרט.

דער שופט, מיט דער שוואַרצער טאָגע אויף די אַקסלען און מיט די גרויסע טונקעלע ברילן אויפן פנים, האָט גאַנץ שיין אויסגעהערט די רייד פון ביידע אָנגעקלאָגטע, ווען עס האָבן פאַרטיידיקט די געדונגענע אַדוואָקאַטן, און צום סוף האָט ער זיי געקנסט מיט הונדערט פונט יעדן, זיי זאָלן דערפאַר וויסן נאָך אַ מאָל נישט צו שלאָגן זיך מיט שטעקנס.

אַ פרייער מענטש...

איין מאָל, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, האָט זיך מענדל רעכנמייסטער פאַר־גלוסט צו ווערן אַ פרייער מענטש, דהיינו, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך כאָטש אויף איין טאָג דעם יאָך פון די פּלייצעס.

האָט מענדל זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גאַסן אָן צו זאָגן זיין ווייב הענע, וווהין אַ שטייגער ער קלויבט זיך צו גיין אין זיין דאָזיקער פרייער צייט.

אָפּגעגאַנגען אַ קיימא לן וועג, האָט מענדל זיך מיט אַ מאָל געפונען אין אַ באַוווּסטן יפוּער אָרעמקייט־קוואַרטאַל — הנקרא בשם מנשיה חסן בעק, אַ נאָמען נאָך אַ טערקישן גענעראַל, וואָס האָט געהערשט אין דער דאָזיקער געגנט מיט אַ סך יאָרן צוריק.

שוין האָט זיך מענדל רעכנמייסטער אַריינגעלאָזט אין די קרומע, שמאָלע, געדרייטע געסלעך פון מנשיה־חסן בעק, ווו אַלטע הייזלעך, זע־נען עלול היינט־מאָרגן איינצופאַלן און פאַרוואַנדלט ווערן אין חורבות.

און באַלד האָט אים געטראָפן די מיאוסע געשיכטע מיטן אויסגעלאַ־סענעם מיידל דפנה, פון וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ משפט אין בית משפט השלום.

דאָס אויסגעלאַסענע מיידל, וואָס איז זיך געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין אַלטן הייזל אַריין, האָט מענדלען פאַרלאָקט צו זיך מיט דער הילף פון איר פאַרשייטן שמייכל און מיטן גניבהשן ווונק פון אירע שוואַרצע אויגן מיט די געפאַרבטע ווייעס.

דאָס ערשטע האָט זי דעם גאַסט, מענדלען, מכבד געווען מיט אַ גלעזל קאָניאַק, און ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען כשורה. מיט ווייבערישער געניטשאַפט האָט די מויד זיך געוואָרפן אין מענדלס אָרעמס און אים לסוף אַרויסבאַגלייט אין דרויסן, אָנזאָגנדיק אים, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן אַהער צו קומען נאָך אַ מאָל.

און ווי נאָר מענדל רעכנמייסטער, האָט נאָכן אָפּגיין אַ שטיק וועג זיך געכאַפּט אַז עס פעלט אים דער געלט־טייסטער מיט די שיינע פּאָר הונדערט פונט, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, איז אים געוואָרן הייס אין אַלע איברים און ער איז צוריקגעלאָפן אין איין בהלה. אַריינקומענדיק אָבער אין שטיבל, האָט ער אָנשטאָט דער מויד געטראָפן עפּעס אַ פאַרדעכ־טיקן פאַרשוין מיט אַ פּנים פון אַ פאַרברעכער, וועלכער האָט אויף מענדלען אָנגעשטעלט אַ פּאָר גזלנישע אויגן:

— וואָס ווילסטו דאָ?

— ווו איז די אויסגעלאָסענע? — האָט מענדל זיך צעשריגן מיט קולי קולות.

איז אויף די געשרייען אָנגעאַנגען אויף מענדלען דער פאַרשוין מיטן פאַרברעכערישן פּנים:

— הער אויף צו שרייען, וואָרעם איך מאַך פון דיר אַ תל.

איז מענדל רעכנמייסטער גאַנץ שנעל אַוועק אין דער פּאָליציי און קומענדיק צוריק אין הייזל אַריין אין דער באַגלייטונג פון אַ שוטר, האָט ער דאָרט שוין קיינעם נישט געטראָפן.

האָט מענדל אַזש פאַרבראָכן די הענט פון גרויס צער.

— וואָס טוט מען?

נאָר דער שוטר האָט אים גענומען טרייסטן:

— זייט אייך נישט אַזוי מצער און טוט מיר ליבערשט אָפּשילדערן דעם אויסזען פון דער נקבה, וואָס באַדאַרף זיך, לויט אַלע פּאָליצייישע כּללים געפינען אין פאַרברעכערישן בילדער־אַלבאָם.

און שטעלט אייך פאָר אַזאַ געשיכטע. עס איז נישט אַוועק קיין גאַנצע צוויי חדשים נאָך דער אויבנדערמאָנטער מעשה, ווי ער, מענדל רעכנ־מייסטער, באַקומט צוגעשיקט אַ געריכט־צעטל, אין וועלכן עס שטייט געשריבן, אַז ביום זה וזה, וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דער משפּט איבער דער פאַרפירערישער מויד המכונה בשם דפנה.

מענדל רעכנמייסטער האָט דאָס מאָל שוין יאָ צווויסן געטאָן זיך ווייב הענע וווהין ער גייט — און זי, ווי זיך געטרייע באַגלייטערין, האָט אים מיטגעטיילט, אַז זי באַגלייט אים צום אָרט, כּדי מיט די אייגענע אויגן צו

זען די מויד, האָס האָט אים, מענדלען, אַריינגעשלעפּט אין דער אויסגע־לאַסענער נעץ.

זענען ביידע דערשינען צו דער צייט אין משפּט־שטיבל הנ״ל, ווו ביים גרינעם טיש איז זיך געזעסן דער שופט, אַן אָנגעטוענער אין דער שוואַרצער טאָגע און האָט געמשפּט דפנהן פאַר אירע מעשים תעתועים.

נאָכן אויסהערן אַלע באַשולדיקונגס־רייד קעגן דער באַשולדיקטער, האָט דער שופט גענומען און זי פאַרמשפּט אויף צוויי חדשים תפיסה און דערצו אַ יאָר תפיסה על תנאי, אויב זי וועט זיך צוריקקערן צו די פאַר־ברעכערישע מעשים.

און מענדל רעכנמייסטער, וועלכער האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט שענ־קען די פאַרפאַלענע שיינע פאַר הונדערט פונט, האָט אויסהערנדיק דעם פּסק־דין, אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— וואָס קומט מיר דערפון אַרויס, אַז דאָס געלט איז נישטאָ!

דערויף האָט אים דאָס ווייב געענטפערט:

— האָסט דאָך געוואָלט זיין אַ פרייער מענטש און וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן, נו, האָסטו דיר!

פאַרביטן די יוצרות

אַ גאַנץ יאָר האָט זיך אלתר קליין, דער שוסטער, וואָס פאַרריכט אַלטע שיך אין הינטערשטאָטישן שיכון ביי חיפה, געקליבן צו באַזוכן זיין רייכן תל־אביבער קרוב, דעם בוי־קבלן אמיתי, וועלכער וווינט אין דער שיינער ווילע מיטן גאָרטן און מיטן בייזן כלב, דעם שומר הבית.

אלתר קליין האָט דעריבער אין דאָזיקן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר, פאַרוואָרפן די אַרבעט און האָט זיך געלאָזט פאָרן מיטן אויטאָבוס „ישיר" קיין תל־אביב.

אויפן וועג האָט אלתר קליין געמאַכט אַ לעבן, עסנדיק מיט אַפּעטיט די מיטגענומענע מאכלים טובים, די סענדוויטשן מיט די גאָלדענע מאַראַנצן און די תמרים (טייטלען), וואָס זענען געווען זיסער פון האָניק.

אלתר קליין האָט אויך נישט פאַרגעסן צו פאַרפירן אַן אינטערעסאַנטן שמועס מיט זיין שכן, דעם פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט זיך געהייסן רופן מיטן נאָמען מאַרקאָ און וועלכער האָט אויפגעוויזן מיט ראיות, אַז ער, מאַרקאָ, איז אין רומעניע געווען אַ גרעסער־ער עושר, ווי עס איז היינט אלתרס רייכער קרוב, דער בוי־קבלן אמיתי.

דער אויטאָבוס האָט געאיילט איבער די וועגן פון ישראל, איז פאַרבייגעפאָרן שטעט און ישובים און איז לסוף פאַרפאָרן צו דער תחנה מרכזית, די צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע, פון וואַנען עס צעפאָרן זיך פּאַסאַזשיר־אויטאָבוסן איבער אַלע תל־אביבער גאַסן.

אַזוי אַרום איז אלתר קליין פאַרפאָרן אין דער גאַס אַריין צו דער שיינער ווילע פון רייכן קרוב, מיטן גאָרטן און מיטן בייזן כלב דעם שומר הבית.

ווילד, איז זיך אלתר קליין אַריינגעגאַנגען מיט זיכערע טריט אינעווייניק און גאָרנישט טראַכטנדיק האָט ער אַ צי געטאָן ביים הויזגלעקל,

וואָס האָט זיך פריי צעקלונגען און צווויסן געטאָן וועגן אלתרס קומען אויף באַזוך צום רייכן קרובֿ.

איז זיך אָבער אויפֿן גלעקל־געקלאַנג געגעבן אַ קום אַרויס אַ פרוי, אַ וואַרע „מאַנצפּאַרשוינטע" מיט אַ סיגאַרעט אין מויל, מיט הויזן און מיט אַ פּאָר אָפּגעפּאַרבטע אויגן אויף שוואַרץ.

דערזעענדיק אלתרן אינעם נעבעכדיקן הולך, האָט די „מאַנצפּאַר־שוינטע" אַ טראַכט געטאָן, אַז נישט אַנדערש, נאָר ער איז עפּעס דאָרטן אַ שלעפּער. און שוין האָט זי אַ פּייף געגעבן, און אויפֿן פּייף איז זיך אָנ־געלאָפֿן אַ בייזער קודלאַטער כלבֿ, וואָס האָט גענומען שטשירען די ציינער קעגן אלתרן.

באַלד דערויף האָט די „מאַנצפּאַרשויגטע" געלאָזט הערן איר צע־בייזערטע שטים:

— ר' ייד, דאָ איז נישט קיין אָרט פּאַר שלעפּערס און טראָגט זיך שוין אָפּ פון דאַנען!

פון אַזאַ מיאוסער באַליידיקונג איז אלתר געוואָרן שטאַרק אויפ־געקאָכט און ער האָט אויסגעשריגן:

— מיך זאָלט איר נישט רופן „שלעפּער", וואָרעם עס קען אייך טייער קאָסטן.

אָבער די „מאַנצפּאַרשוינטע" האָט זיך גריילעך אויסגעלאַכט פון זיינע דראָענדיקע רייד, זאָגנדיק צו אים אַזוי:

— אַ שלעפּער זענט איר געווען און אַ שלעפּער וועט איר בלייבן.

דעמאָלט האָט אלתר אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק האָלץ פון דער ערד און דערמיט גענומען פאָכען:

— כ'וועל אייך באַלד וויזן וואָס אַלתר קען — און ער האָט מיטן שטיק האָלץ גענומען אַ תל מאַכן פון גערטנדל, וואָס האָט באַשיינט די ווילע.

און אַז דער קודלאַטער כלבֿ האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ גע־בילעריי, האָט ער, אלתר, אויך אים מכבד געווען מיטן שטיק האָלץ, וואָס האָט געזייט פאַרוויסטונג.

ערשט דערנאָך, האָט זיך אלתר קליין דערוווּסט, אַז ער האָט פאַרביטן

די יוצרות: אַנשטאָט אַריינצוגיין אין דער ווילע פון זיין רייכן קרוב אמיתי, האָט ער גאָר אַריינגעטראָפן צום רייכן מעבל־פאַבריקאַנט עצמוני, וועמענס ווייב, די אויבנדערמאָנטע „מאַנצפאַרשוינטע", האָט זיך געלאָזט אויפבויען אויף דער זעלבער גאַס אַקוראַט אַזאַ ענלעכע ווילע מיט אַ גאָרטן און מיט אַ בייזן כלב אלס שומר הבית. נאָר מה נאמר ומה נדבר — געזעץ איז געזעץ — און טאַקע דעריבער האָט אלתר קליין באַקומען צו־געשיקט אַהיים אַ געריכט־צעטל, אין וועלכן עס איז געווען געשריבן אַזוי:

כבודו זאָל זיך מטריח זיין און קומען ביום הזה בשעה המוקדמת אין געריכט אַריין זיך צו משפטן פאַר דער אָפּגעטועגער זאַך אין דער ווילע הנ"ל.

האָט אַלתר ווידער אַ מאָל פאַרוואָרפן די שוסטערישע אַרבעט אין אַ זייט, און האָט זיך צוגעשטעלט צו דער צייט אין משפּט־שטיבל אַריין, ווו ער האָט אַריינגעכאַפּט פון שופט אַ פּסק־דין פון אַ וואָך צייט אַרעסט על תנאי און צו באַצאָלן כך וכך פונטן פאַר צעשטערן פרעמד אייגנטום.

ווי אַ פיש אין וואַסער

די באַקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער תל־אביבער פּלאַזשע, ווו עס באָדן זיך פיל טויזנטער מענטשן, אַהערגעקומענע פון אַלע עקן שטאָט.

דאָרט, צווישן רעש און געפּילדער, איז זי געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ליגשטול און האָט געלאָזט די הייסע זון־שטראַלן זאָלן בריִען דעם האַלב־נאַקעטן גוף.

אין דער צייט, וואָס זי איז געווען פאַרנומען מיטן נעמען זון־בעדער, איז ער, דער העלד פון דער געשיכטע, געשוווּמען ווי אַ פיש אין וואַסער, האָבנדיק נעבן זיך זיינע געטרייע חברים, וווּליונגערישע יונגעלייטלעך פון די פּעריפעריעס, וועלכע ווייסן נישט פון קיין עול און לעבן פון פרעמדער פּראַצע. די חברותא האָט פאַרענדיקט דאָס שווימען אין ים און זיך אָוועקגעלאָזט צו דער יבשה, אָנקומענדיק פּונקט צום אָרט, ווו עס איז זיך געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ליגשטול דאָס אויבנדערמאָנטע פרויען־צימער.

דער יונגערמאַן מיטן אַטלעטישן אָפּגעברענטן קערפּער, האָט דער־זעענדיק זי ליגן איינע אַליין און ברענען זיך אויף דער זון, געלאָזט שטיין זיינע חברים און האָט גענומען ראָמאַנסירן:

— גברתי, איר וועט אייך נאָך פאַרברענען אייער שיינעם קערפּער.

אויף דערויף האָט זי אָפּגעענטפערט:

— ווער ביסטו און וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך בין זשאַקי און איך וויל זיך מיט דיר באַקענען.

און אַז זי האָט נישט געענטפערט אויף זיינע רייד, איז ער נישט אָפּגעטראָטן און האָט געמאָנט ביי איר:

— גברתי, איר געפעלט מיר זייער. זאָגט מיר נאָר אייער נאָמען.

— מיין נאָמען איז סוזאַנאַ.

— איר האָט אַ מאַן?

— איך האָב געהאַט.

זשאַקי איז אויף דער גיך געוואָרן מיט איר היימיש.

— סוזאַנאַ, — האָט ער זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און געקוקט איר אין די אויגן אַריין, ווי אַן אמתער געליבטער — לאָמיר זיך טרעפן אין אָוונט.

זי האָט אַ זאָג געטאָן צו זשאַקי:

— מיר דוכט זיך, אַז איך בין עלטער פון דיר מיט אַ שיינע פּאָר יאָר.

— עס מאַכט נישט אויס.

און אַז עס איז געקומען די נאַכט, זענען זיך סוזאַנאַ און זשאַקי געזעסן שוין ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע אינעם וואַזשענעם קאַפעהויז, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פונעם ים־ברעג, און האָבן זיך געלאָזט ווױלגיין, עסנדיק גלידה און פאַרטרינקענדיק מיט קאַלטע געטראַנקען.

דערנאָך האָבן זיךביידע געפונען אויף אַ באַנק אין שטאָטישן גאָרטן, וווּ זשאַקי האָט אַרויסגעוויזן צו איר זיין גרויסע ליבשאַפט דורך דעם, וואָס ער האָט זי געקושט און געהאַלדזט און גערעדט צו איר ליבלעכע רייד.

לסוף איז זשאַקי פאַרשווונדן געוואָרן, אַזוי ווי עס פאַרשווינדט אַ חלום — און צוזאַמען מיט אים איז פון סוזאַנאַס האַנט אַראָפּ נעלם געוואָרן דאָס גאָלדענע זייגערל ווי אויך דער געלט־בייטל, מיט קרוב הונדערט ל״י מזומן געלט.

און אַז סוזאַנאַ איז אַוועק אין פּאָליציי, אַזוי האָבן זיי, די פּאָליציסטן, זיך געגעבן אויף צו מאָרגנס אַ לאָז אַוועק אַהין צו דער תל־אביבער פּלאַזשע, וווּ זיי האָבן געפּאַקט דעם פאַרשוין זשאַקי, וועלכער איז זיך, ווי נישט אים מיינט מען, אַרומגעשווומען ווי אַ פיש אין וואַסער, צוזאַמען מיט זיינע געטרייע חברים, די ווילדע יונגעלייטלעך.

קודם־כל האָבן די געזעץ־היטער פאַרבעטן דעם בעל־דבר אין פּאָלי־ציי־ביוראָ, וווּ ער, זשאַקי, איז דאָרטן פון די אָפטע געסט, און סוזאַנאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז פון אָפּנעמען איר גאָלדן זייגערל מיטן געלט, איז

דערווייל קיין רייד נישטאָ, מחמת דער פאַרשוין האָט אין איין טענהן „איך ליי" — ער ווייסט נישט ווו עס איז אים אַהינגעקומען דאָס גנבישע פאַרדינסטל.

דער פלאָזשע־יונג מיט דער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט, איז בכבוד גדול אָװעקגעזעצט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, און פאַר זיין גניביש שטיקל אַרבעט האָט ער באַקומען אַ האַלב יאָר תפיסה, שוין אַראָפּגערעכנט די צייט, וואָס ער איז ביז איצט געזעסן.

אויפן משפט פון זשאַקי זענען אָנוועזנדיק געווען זיינע געטרייע חברים, די יונגעלייטלעך, וואָס ווייסן נישט פון קיין עול און לעבן פון פרעמדער פראַצע.

אַ פאַרציַע איידלקייט

די גרויסע היצן, וואָס הערשן אין לאַנד, האָבן גורם געווען דערצו, אַז מענטשן זאָלן זיך אָפּקערן פון די איידעלע מידות, מיט וועלכע דער בורא עולם האָט זיי געבענטשט.

צוליב דער חמימה, האָט זיך איציקל דער וווּרשטנמאַכער אויפגע־פירט זייער נישט איידל אין שטאָטישן אויטאָבוס כּלפּי די פּאַסאַזשירן און האָט דעריבער געריסן אַ פּסק אין בית משפּט השלום אין תּל־אביב.

ומעשה שהיה כך היה:

פאָרט זיך אַזוי איציקל אין אויטאָבוס, וואָס האָט שיער נישט אַדורך תּל־אביב פון עק ביז עק און וואָס איז תּמיד איבערפולט מיט פּאַסאַזשירן. מיט מענטשן פון אַלערליי פאַכן און כאַראַקטערן. איז דער אויטאָבוס פול געפּאַקט, אַ שפּילקע נישט צו וואַרפן, און דערצו איז ער, דער אויטאָבוס, מיט בלעכענע ווענט, וואָס צעהיצן זיך פון דער זון און פאַרגרעסערן אַזוי אַרום די היץ, וואָס קומט פון די פּאַסאַזשירן.

און די פּאַסאַזשירן, גלייך ווי נישט זיי מיינט מען, שטייען זיך צו־נויפגעדרענגט אין אַ קופּע, אַקוראַט נעבן דער אַריינגאַנג־טיר, פון וואַנען עס האַלט אין איין צוקומען מענטשן באַלאָדנטע מיט פּעק, מיט זעק, און מיט וואָס מען וויל נאָר הערן און געדענקען.

איז קיין חידוש נישט, וואָס די היץ אין אויטאָבוס איז מחמת דער ענגשאַפט אין לשער ואין לספּר, און וואָס איציקל, וועלכער איז פעט געוואָרן פון עסן די גוטע וווּרשטן און שוויצט אָן אויפהער, איז אויפגע־רעגט און איז גרייט אָפּצוטאָן אַ מעשה שטות.

איציקל דער וווּרשטנמאַכער, וועלכער טונקט זיך אין טייכן שוויס, ווערט מיט אַ מאָל שטאַרק בייז און אַז ער דערזעט ווי דאָרט נעבן נהג איז דאָ אַ פריי אָרט, ווו מען קען פריִיען אָפּעטעמען, אַזוי גיט ער זיך אַ צעפּאָכע מיט די הענט און רייסט זיך אַדורך דורכן געדראַנג ווי אַ

שטורעם־ווינט, לאָזנדיק הינטער זיך די אויפגערעגטע פּאַסאַזשירן.

האָט איציקל אַ גראָבן טעות, מיינענדיק, אַז ער איז פּטור בלי כלום, ווארעם באותו רגע גיט אויף אים אַ גיי אָן אַ פּאַרשוין מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ פּאָר בייזע אויגן, וואָס וואָלטן געקענט חרוב מאַכן אַ וועלט.

— ר׳ ייד, — גיט דער ברייטפּלייציקער אַ זאָג מיט כעס, — וואָס פּאַר אַ רעכט האָט איר מיך צו שטופּן?

איציקל נעמט זיך פֿאַרענטפֿערן:

— איך האָב אייך געשטופּט?

— אַוודאי האָט איר מיך געשטופּט.

— אויב אַזוי, בעט איך אייך איבער.

— איבערבעטן איז צו ווייניק.

— וואָס נאָך ווילט איר איך זאָל טאָן?

— כ׳וויל אייך אָנלערנען, איר זאָלט נאָך אַ מאָל וויסן ווי זיך איידל צו באַנעמען מיט מענטשן.

— איר וועט מיך אָנלערנען?

— איך, און נישט קיין אַנדערער.

און עס דויערט נישט קיין רגע, אַזוי גיט דער ברייטפּלייציקער פֿאַר־שוין אַ כאַפּ אָן איציקלען ביים אַרבל פון העמד.

— קום שוין מיט מיר אין דער פּאָליציי.

איז אָבער איציקל נישט פון די, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע, נעמט ער און גיט דעם פּאַרשוין אַ רוק אָפּ פון זיך און גיט אַ זאָג, אַז אַלע זאָלן הערן.

— ר׳ ייד, טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר מיט גוטן.

— און ווען נישט?

— ווען נישט, וועט איר זיך דערוויסן, ווער איציקל איז.

— אויב אַזוי, וועט איר זיך שוין דערוויסן ווער עס איז מאַטקע מע־כאַניקער.

— כ׳בין שוין בייגעקומען אויך אַזעלכע מאַטקעס.

— מיך וועסטו נישט בייקומען.

און אַזוי האָבן זיך ביידע געזידלט און געשטויסן אין די אַקסלען, ביז דער אויטאָבוס איז שטיין געבליבן אַקוראַט אויף דער גאַס און אויף דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך דער פּאָליציי־אַמט, און ווו ביידע צעקריגטע לייט זענען מזכה געוואָרן מיט אַ ראַפּאָרט, וואָס דאָס מיינט אַ משפּט אין בית משפּט השלום אין תל־אביב.

זענען די טעג גאַנץ שיין געמשפּט געוואָרן איציקל דער וואָרשטנ־מאַכער און זיין צד שכנגד מאָטקע מעכאַניקער, וועלכער איז דאָ אויפן משפּט אָנגעגאַנגען אַלס דער אָנקלאָגער און האָט עדות זאָגנדיק פאַרן שופט געהאַלטן אין איין טענהן: ער איז נישט שולדיק, דער נידון איציקל האָט אים ברוטאַל אַ שטופּ געטאָן אין אויטאָבוס און ער פאַרלאַנגט דער־פאַר מען זאָל אים האַרב באַשטראָפן.

נאָך אַ לאַנגן אַריינטראַכטן זיך און נאָכן אויסהערן דעם צווייטן צד, איציקלען, וואָס האָט געשילדערט פאַר אים די פּרשה מיט די צונויפגע־דרענגטע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, האָט דער שופט גענומען און געפסקנט אַ פסק־דין קעגן איציקלען: פופציק פונט קנס צו באַצאָלן שוין אויפן אָרט.

אַ גאַנצער מאַכער...

זינט שמעלקע פונעם שיכון חדש האָט באַקומען די אפותיקא מיט געלט (די שילומים בלע״ז), אַזוי איז ער געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער ביי די שיכון־איינוווינער.

קודם כל, איז ער געוואָרן פּרעזעס פון ועד השיכון, פאַרנעמענדיק דאָס אָרט פון פריערדיקן פּרעזעס בענטשע, דער מכולתניק, וועמענס שיינע ווייבל דבורה האָט דאָ, אין שיכון, געהאַט אַ דאַמען־פריזיר־אַנשטאַלט בשם „דליה״.

שנית, איז שמעלקע געוואָרן אַ גאַנצער כל ולך ביי די שטעטלשע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער פאַרטיי הנ״ל און געעפנט אין שיכון אַ בשותפותדיקן קלוב.

און אָט אין דאָזיקן קלוב האָט זיך דאָס שיינע ווייבל דבורה, די דאַמען־פריזירקע אַריינגעלאָזט אין אַ ליבעס־שפּיל מיטן מאַכער שמעלקע.

והדבר היה — און די זאַך איז פאָרגעקומען סוכות־צייט, אין דער נאַכט פון פריילעכן יום־טוב שמחת־תורה, בשעת די לאַנדסלייט ביחד מיט דער פאַרטיי הנ״ל האָבן איינגעאָרדנט אין קלוב אַ נשף מיט טענץ, געזאַנג און כלערליי אַטראַקציעס.

ויהי, איז געווען, אַז עס איז נאָר אין זאַל געוואָרן האַלב ליכטיק און דער געדונגענער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט דעם „טאַנגאָ מילאָנגאַ״, האָט שמעלקע גלייך פאַרבעטן צום טאַנץ דאָס שיינע ווייבל דבורה.

אין דער צייט, ווען ביידע האָבן געטאַנצט, צוגעדריקט צו זיך און וויגנדיק זיך צום טאַקט פון דער מוזיק, האָט בענטשע, וועלכער איז שמעלקען געוואָרן אַ דם שונא פאַר אַפּנעמען ביי אים דעם טיטל, גענו־מען און זיי אָפּגעריסן פון טאַנץ, זאָגנדיק דערביי אַזוי צו שמעלקען:

— מיט מיין ווייב וועסטו נישט טאַנצן.

— פאר וואס עפעס? — האט זיך שמעלקע א טיף באלײדיקטער געשטעלט אנטקעגן בענטשען.

— ווייל איך וויל אזוי.

דא האט זיך אריינגעמישט די שיינע דבורה:

— מיך מאן — האט זי א זאג געטאן סארקאסטיש, — זיי וויסן, אז איך וועל יא טאנצן מיט אים.

בענטשע איז געווארן אש להבה אויפן ווייב:

— וועסט נישט טאנצן.

— דו וועסט מיר קיין דעה נישט זאגן מיט וועמען כ׳האב צו טאנצן.

דאס זאגנדיק, האט זי א נעם געטאן שמעלקען ביי דער האנט און איז מיט אים אוועק אין א גיכן טאנץ הנקרא בשם „פאקסטראט״.

דערווייל, ווי זיי טאנצן אזוי דעם טאנץ, נעמט בענטשע און טוט אויף דער גיך נאך א מאל א גיי צו און נעמט זיי פונאנדערשיידן אויף כוח, שרייענדיק דערביי אויפן ווייב מיט א באנומענעם קול:

— שוין, די מינוט, זאלסטו לאזן שטיין דעם דאזיקן שלעפער און גיין מיט מיר אהיים.

דערהערנדיק אזא באלײדיקונגס־ווארט אויף זיין פערזאן, איז שמעלקע געגעבן א גיי אן אויפן קעגנער:

— וועמען רופסטו „שלעפער״?

— דיך.

— דאס וועט דיך טייער קאסטן.

און ער האט אים בפני כל עם ועדה, פאר אלע איינגעלאדענע געסט, אראפגעלאזט א פלאם־פייערדיקן פאטש, פון וואס עס איז אים געגאנגען אזש פונקען פאר די אויגן.

דערפאר איז געגאנגען בענטשע און האט שמעלקען אנגעקלאגט אין געריכט. און אין די דאזיקע טעג איז טאקע פארגעקומען דער משפט.

האט זיך דער משפט אנגעהויבן מיט אן אויסגעשריי פון בית־דין־שמש — „בית המשפט!״ — און שוין האבן זיך אלע אנוועזנדיקע אין געריכט־זאל, וואס זענען באשטאנען פון די אנשי שיכון החדש, די עדות־

זאָגער, אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און דער משפט האָט זיך גענו־מען קייקלען באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.

דעם באַרג־אַרויף האָט געפירט צום באַשולדיקער בענטשע, וועלכער האָט פאַרן ריכטער דערציילט די געשיכטע מיטן פאַטש, וואָס ער האָט באַקומען פון שמעלקען.

דערפאַר האָט דער ריכטער באַשטראָפט שמעלקען מיט אַ וואָך אַרעסט על תנאי און צו באַצאָלן פופציק ל״י קנס כולל די געריכט־הוצאות.

זינט דעם משפט האָט שמעלקען גענומען גיין באַרג־אַראָפּ. וואָרעם שוין ביי דער אסיפה פון ועד השיכון איז ער, שמעלקע, אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס און ביי די שטעטלשע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער פּאַרטיי הנ״ל, איז ער געוואָרן אויס כל ולך, מחמת ער, שמעלקע, האָט באַקומען אַ שם אין שיכון חדש אַלס אַן „אָפּרעדער״, דאָס הייסט אַזעלכער, וואָס רעדט אָפּ פרויען פון מענער.

ווּ זענען די דאָלאַרן?

ישׂראל־איטשע דער שניידער, איז זינט ער לעבט נאָך נישט געוואָרן געמשפּט און מיט די שוטרים האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן.

ישׂראל־איטשע פאַרדינט זיך ערלעך זיין ברויט, זיצנדיק ביי דער ניי־מאַשין און צושניידנדיק מיט דער שניידערישער שער הויזן און רעקלעך. און אַז מען וויל דווקא קען ישׂראל־איטשע אויך אויפנייען אַ דאַמסקע קאָסטיום.

איין מאָל, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, זיצט זיך אַזוי ישׂראל־איטשע אין זיין שניידערישן וואַרשטאַטל און נייט אַ נייעם בגד פאַר זיין אַלטן קונד, ר׳ שמואל, דער גבאי פון דער שכונתדיקער שול.

מיט אַ מאָל קומט אַריין די שכנטע זיסל, וואָס טוט נישט מער, נאָר נעמט אַרויס פון קוישל אַן אַלטן מענערישן אַנצוג און הייסט ישׂראל־איטשען איבערניצעווען אים אויף אַ דאַמען־קאָסטיום. און שוין שטעלט זי זיך אַוועקביים שפּיגל און ישׂראל־איטשע נעמט איר די מאָס און הייסט זי קומען מעסטן די צווייטע וואָך.

אָנשטאָט אָבער צו קומען די צווייטע וואָך, קומט זיסל באַלד דעם זעלבן טאָג צו גיין מיט אַ יעלה:

— ר׳ ייד, זאָגט מיר נאָר, צי האָט איר שוין גענומען דעם אַנצוג אין דער אַרבעט אַריין?

— שוין גענומען.

און ישׂראל־איטשע ווייזט איר, אַז דער אַנצוג איז צעשניטן שוין אויף טיילן און געפינט זיך שוין אין די הענט פונעם געזעלן, דעם אַלטן בחור אין די יאָרן, יאָשקע קראַוויעץ.

דערהערט אַזאַ זאַך, האָט זיסל אַזש פאַרבראָכן די הענט:

— אוי, אַ בראָך איז צו מיר!

— װאָס איז אַזױנס די צרה? — האָט ישראל־איטשע געװאָלט װיסן. דעמאָלט האָט זיסל אױפגעדעקט דעם סוד:

— כ׳האָב — זאָגט זי — געהאַט אײנגענײט אין אַנצוג גאַנצע פופציק „װײכע״ (דאָלאַר בלע״ז).

ישראל־איטשע האָט זיך אַ נעם געטאָן צום געזעלן.

— יאַשקע, װוּ זענען די דאָלאַרן?

יאַשקע האָט זיך גענומען שװערן מיט טױטע קללות:

— אַנישט זאָל איך גײן פון דער װעלט, אױב איך האָב גענומען ס׳געלט!...

הקיצור פון דער זאַך, מען האָט געזוכט אַהין, געזוכט אַהער — און גאָרנישט — נישט געװען צו זען, הײסט עס, קײן סימן פון אַ דאָלאַר. דערמיט איז נאָך אָבער דער ענין נישט געװען פאַרענדיקט. װאָרעם באַלד נאָך זיסלס אַװעקגײן, איז צו ישראל־איטשען אינעם שנײדערישן װאַרשטאַט אַרײנגעקומען אַ בײזער, מלא רציחה, זיסלס מאַן, מענדל:

— שױן, די מינוט, זאָל מיר זײן דאָס געגנבעטע געלט, אַנישט מאַך איך פון ענק בײדן קרעפּל־פלײש!

דערהערנדיק אַזעלכע דיבורים איז שױן ישראל־איטשע אַרױס פון די כלים, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אױפן בעל־דבר.

— דו קענסט מיך פאַר אַ גנב?

— ביסט אַ גנב געװען און אַ גנב װעסטו בלײבן — האָט זיך מענדל געקאָכט און געבײזערט.

— אַז דו זאָגסט אַזױ, װעל איך דיר װײזן װער ישראל־איטשע איז.

זאָגנדיק דאָס, האָט ישראל־איטשע אַ נעם געטאָן מענדלען מיט אַזאַ קראַפט, אַז די בײנער האָבן געקנאַקט — און שױן איז מענדל געלעגן אַן אַרױסגעװאָרפענער פאַר דער טיר פון שנײדערישן װאַרשטאַט, װאָס איז באַלד באַלאַגערט געװאָרן מיט אַן אָנגעלאָפענעם נײַגעריקן עולם.

איז זיך ישראל־איטשע געשטאַנען פאַרן שופט און מיט גרױס געפיל אים דערצײלט פון דער דאָזיקער מיאוסער מעשה. ישראל־איטשע האָט אױך נישט פאַרגעסן צו דערצײלן דעם שופט, אַז זינט ער לעבט, איז ער

נאָך נישט געמשפּט געוואָרן און אַז מיט די שוטרים האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן.

צום סוף האָט זיך ישראל־איטשע געשוואוירן, אַז ער איז ריין פון יעדער שולד און אַז פרעמד געלט איז ביי אים טריפה ווי חזיר.

דער שופט, וועלכער איז אַ מבין כל בשר, האָט גענומען אין אַכט ישראל־איטשעס רייד און האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין מיט רחמים, וואָס האָט געלויטעט: דריי טעג אַרעסט על תנאי און צו באַצאָלן קנס צען ל״י.

אויס קנאַקער

ווי נאָר שימעלע מיט קרומען אייגל, וועלכער איז געווען פון די אַמאָליקע גוטע־ברידער אין פּוילן און וואָס זיצט היינט אין אַ הינטער־שטאָטישן שיכון, איז געקומען צו פאָרן קיין תל־אביב. אַזוי האָט אים געגומען גייך מיט דער פוטער אַראָפּ.

ווי אַלע לייט פון דער פּראָווינץ, אַזוי האָט אויך שימעלע קודם־כל געגעבן אַ פאַרחידושטן קוק אויפן רעשיקן מקום, די תחנה מרכזית, ווו עס האָט געשוויבלט מיט מענטשן און כלי־רכב, און נאָכער האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן אויטאָבוס, כדי צו פאָרן צו זיין בעסטן חבר יאָנטל, וואָס וווינט אין דזשעבעליע.

פונקט איז אין אויטאָבוס געווען אַ מוראדיקע ענגשאַפט און אַ שטור־פּעניש דערצו. און אָט האָט פּאַסירט די זאַך מיט שימעלען, ווען אַ פּי־פּיקער קעשענע־גנב, וואָס האָט זיך געדרייט צווישן די פּאַסאַזשירן, האָט פון זיין הינטערשטער הויזן־קעשענע אַרויסגעצויגן דעם טייסטער מיט גאַנצע צוויי הונדערט ל״י מזומן געלט.

און היות שימעלע פּאַרמאָגט אַ חוץ אַ קרום אייגל אויך אַ לאַנגע נאָז, וואָס דערשמעקט גלייך יעדע זאַך, האָט ער דעריבער גלייך דערפילט, אַז עפּעס איז מיט אים געשען — און ער האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער הינטערשטער הויזן־קעשענע.

כהרף עין האָט שימעלע דערזען די בראָך זיינע — און שוין האָט ער מעשה גוטער־ברודער זיך אַ נעם געטאָן חוקר ודורש צו זיין — דאָס הייסט, כאַפּן דעם גנב אויף דער הייסער מינוט.

קוקנדיק אַזוי אויף די פּאַסאַזשירן מיטן קרומען אייגל, איז זיין פאַר־דאַכט געפאַלן אויף אַ דאַר פאַרשווינדל מיט אַ פּאָר גנבישע אייגעלעך אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט גערוט קיין מינוט, נאָר רק געלאָפן אַהין און אַהער.

איז ער, שימעלע, מיט איין שפרונג צו צום פאַרדעכטיקטן גנב:

— דאָס געגנבעטע געלט גיב אָפּ, אַנישט ביסטו טויט.

דאָס דאַרע פאַרשוינדל מיט די לויפנדיקע אייגעלעך האָט זיך גע־מאַכט תמעוואָטע.

— ווער מיר געלט, וואָס מיר געלט?

נאָר שימעלע האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— די גניבה זאָלסטו שוין אָפּגעבן, וואָרעם איך מאַך פון דיר אַ קרעפּל.

און אַז שימעלע האָט זיך געפּרוווט נאָר בלויז צורירן צום גנב, אַזוי איז באַלד געגעבן אַ וואַקס אויס אַ צווייטער פאַרשוין, אויך אַזאַ פאַר־דעכטיקטער טיפּ.

— חבריקאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — האַלט בעסער די הענט ביי זיך.

— ווער ביסטו דאָס אַזוינס? — האָט שימעלע אָפּגעלאָזט דעם ערשטן און זיך גענומען צום צווייטן.

— איך בין זשאַקי.

— כ׳וועל דיך באַלד מאַכן פאַר אויס קנאַקער.

אַזוי האָט שימעלע אויסגערופן צו זשאַקי און אים דערלאַנגט אַזאַ מתנת־יד, אַזש דער נהג פון אויטאָבוס האָט דערהערט און האָט תיכף ומיד אָפּגעשטעלט די מאַשין און גערופן אַ שוטר צו מאַכן אַ סדר צווישן די פּאַרער.

איז זיך דעריבער שימעלע געזעסן די טעג אין קאָרידאָר פון בית משפּט השלום און האָט געוואַרט אויפן פּראָצעס, וואָס האָט אַ ליאַדע מינוט באַדאַרפט זיך אָנהייבן.

בינתיים האָט שימעלע זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַר זיין מיט־שמועסער, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכער איז אויך אָהערגעקומען זיך משפּטן.

— איר פאַרשטייט, ר׳ ייד, — האָט שימעלע אין אים אַריינגערעדט — די מעשה איז גאָרנישט פריילעך — וואָרעם נישט גענוג, וואָס כ׳בין אַריינגעפאַלן מיט צוויי הונדערטערס, וועל איך נאָך, דאַכט זיך, רייסן אַ פּסק דערצו.

— פון וואַנען ביסטו זיכער, אַז דאָס זענען געווען די קעשענע־גנבים? — האָט דער מיטשמועסער אַ פרעג געטאָן שימעלען.

— מיך, שימעלען, באַדאַרף מען נישט לערנען, און ווייסן ווייס איך גאַנץ גוט, אַז נישט קיינער, נאָר זיי זענען געווען די גנבים, און אַז דאָס געגנבעטע געלט האָבן זיי באַוויזן אָפּשטעקן אויף דער גיך צו אַ דריטן קעשענע־גנב. און שימעלע האָט גענומען זיך מתרעם זיין:

— אַמאָליקע יאָרן אין פוילן — האָט שימעלע געזאָגט — אַז אַ קעשענע־גנב האָט אַרויסגעצויגן אַ טייסטער מיט געלט, איז דער באַגנבעטער גלייך אַוועק צו עלטסטן פון די גנבים, און יענער האָט פאַר אַ פּאָר זלאָטעס באַפוילן זיינע „מענטשן" צוריקצוקערן די גניבה מיט אַ דאַנק. היינטיקע צייטן, איז אַפילו נישטאָ צו וועמען צו גיין, מחמת יעדעס גנבל האַלט זיך פאַר אַן עלטסטן...

און די מעשה מיט שימעלען האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פון שופט אַ פסק־דין פון דריי טעג אַרעסט על תנאי און צו באַצאָלן קנס פינף און צוואַנציק ל״י, פאַר גורם זיין דעם אזרח זשאַקי אַ קערפּערלעכן שאָדן און אויך פאַר ארויסרופן אַ געשלעג אין אַן עפנטלעך אָרט.

דער שטרויענער אלמן...

דער בית משפט השלום איז בבחינת אַ שפּיגל, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַלע צייטן פון יאָר.

אַלס ראַיה וועט דינען דער משפט פון מענדל קאַסעווי, וועלכער איז געווען דאָ נישט לאַנג אַ „שטרויענער אַלמן" און האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין אַ מיאוסער געשיכטע.

און אָט ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן:

ווען עס איז נאָר אַדורך דער ליבער יום־טוב פּסח, אַזוי האָט שוין מענדלס ווייב, אביבה, געהאַט אַ פאַרטיקן פּלאַן צו פאַרברענגען די זומער־חדשים ביי איר נאָענטער קרובה, צירל, וועלכע איז אַ גרושה און וווינט אין פראַנצויזן־לאַנד.

אויף שבועות איז שוין אביבה געהאַט אָוועקגעפאָרן מיט האַק און פּאַק קיין פראַנקרייך, און מענדל איז געבליבן אַ „שטרויענער אַלמן".

די ערשטע פּאָר טעג זענען מענדלען אַוועק מיט גאָרנישט — מחמת ער האָט זיך נאָך נישט געהאַלטן פאַר אַזאַ מענטש, אויף וועמען עס האָט קיינער נישט קיין השגחה און וואָס קען טאָן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

ערשט שפּעטער, ווען פון אביבהן איז אָנגעקומען דאָס ערשטע פּאָסט־קאַרטל, וווּ עס איז געווען געשריבן, אַז זי, אביבה, לעבט דאָרט ווי „גאָט אין פראַנקרייך", האָט זיך מענדל אַזוי אַ טראַכט געטאָן:

— אַז מיין ווייב מאַכט אַ לעבן אין פראַנקרייך, וועל איך אַ לעב טאָן אין תל־אביב.

און שוין האָט מענדל אַן אויסגעפּוצטער זיך געלאָזט גיין איבער די תל־אביבער גאַסן, וואָס האָבן זיך באַדעקט מיטן עלעקטרישן ליכט און זיך אָנגעפילט מיט מאַסן שפּאַצירער — מענער און פרויען, וועלכע זענען אַרויס פון די שטובן זיך צו ווילן נאָך דער בייטאָגיקער אַרבעט.

איז זיך מענדל געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס — און אין זיין האַרצן

האָט געטליִעט אַ באַגער צו די שיינע פּרויען, וועלכע האָבן פאַרביי אים פּאַראַדירט אין זייערע קליידער פון די דינסטע, טייערסטע געוועבן.

איז מענדל געגאַנגען גאָס־איין, גאַס־אויס, און אַז ער איז מיד געוואָרן גייענדיק, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַקוועמער שטול, אינעם מקום הידוע, וואָס איז געווען פאַררעכנט אַלס אַ קאַפע־רעסטאָראַן. דאָרט האָט ער טאַקע באַגעגנט דאָס יונגע אויסגעפּוצטע ווייבל מיטן נאָמען נורית, וואָס האָט אים פאַרפּלאָנטערט אין דער מיאוסער געשיכטע.

דאָס יונגע ווייבל נורית איז זיך, ווי גאָרנישט, געזעסן אינעם קאַפע־רעסטאָראַן און האָט געגעסן דאָס אָונטברויט און בנעימותדיק געטרינקען די קאַווע, אַ זופּ נאָך אַ זופּ, און בשעת מעשה האָט זי אַרויסגעצויגן פונעם האַנטבייטל אַ פּעקל מיט סיגאַרעטן, און וועלנדיק פאַררייכערן אַ סיגאַרעט, האָט זי דערזען, אַז זי האָט נישט קיין פייער.

— אַדוני — האָט זיך דאָס ווייבל נורית געווענדט צו מענדלען — שענקט מיר אַ שוועבעלע.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן.

דאָס ווייבל האָט פאַררייכערט און טיף אַריינגעצויגן אין זיך דעם רויך.

— אַ דאַנק אייך.

און זי האָט אים געשענקט אַ זיס שמייכעלע.

מער האָט מענדל נישט באַדאַרפט. וואָרעם אָט איז ער שוין געזעסן לעבן איר און אין איר אַריינגערעדט אָט וואָס:

— קען מען זיך אפשר מיט אייך נענטער באַקענען?

— כ'קען אייך צוליב טאָן דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן.

— אויב אַזוי, קען מען נישט אַ מאָל אייך פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר?

— עס מאַכט מיר נישט אויס אַזאַ זאַך ווי אַ שפּאַציר.

האָבן זיך ביידע מיט אַ מאָל געפונען אויף אַ באַנק אינעם שטאָטישן גאָרטן, וואָס ליגט אַקוראַט ביים ים און ווו עס הערשט אַ פינצטערניש, ווייל עס ברענט נישט דאָרט קיין ליכט זינט יאָרן. און מענדל האָט אויסגענוצט די דאָזיקע פינצטערניש צו זיינע צוועקן און מיט כוח האָט ער דאָס זיצנדיקע ווייבל אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס.

— גברת, איר געפעלט מיר זייער און זייער.

נאָר אָנשטאָט צוריקצוענטפערן מיט אַ שמייכל, האָט זי אים ברוטאַל אָפּגעשטופּט פון זיך.

— אדוני, איר האָט נישט געטראָפן דאָס אָרט. זייט וויסן, אַז איך האָב אַ מאַן.

נאָר מענדל האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, און זי אויף ס׳ניי אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע שטאַרקע הענט, צו׳ענדיק זי צו זיך מיט דער גאַנצער קראַפט. דערויף האָט זיך דאָס יונגע ווייבל צעשריגן מיט קולי קולות:

— לאָזט מיך אָפּ, אַנישט רוף איך פּאָליציי.

— די פּאָליציי וועט אַהער נישט קומען — האָט מענדל נישט אויפגע־הערט צו דריקן צו זיך דאָס ווייבל, וועלכע האָט גענומען שרייען:

— משטרה!

צו מענדלס אומגליק איז טאַקע מיט אַ מאָל אָנגעלאָפן אַ שוטר, וועלכער האָט אים, אָן אַ וואָרט צו פרעגן, געמאַכט אַ ראַפּאָרט און דערפון איז געוואָרן אַ משפט אין בית משפט השלום.

הקיצור פון דער זאַך: מענדל קאַסעווי, דער „שטרויענער אַלמן״, האָט די טעג געהאַט אויף זיך דעם משפט און איז פאַרמשפט געוואָרן אויף אַ חודש תפיסה על תנאי און צו באַצאָלן פופציק ל״י.

אַ ליבע אויף אַראַביש

אין דער לאַנגער יפוער גאַס, וואָס פירט קיין דזשעבעליע, זיצט זיך אין זיין שוסטער־וואַרשטאַטל דער דריי און צוואַנציק־יאָריקער אַראַבי־שער שוסטער מישעל כאַרי און קלאָגט און וויינט אויפן ביטערן מזל.

געהאַט האָט מישעל כאַרי אַ יידישע געליבטע, אין עלטער פון זעכצן יאָר, וועלכע איז געווען גרייט צו גיין מיט אים, נאָך הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר, אין אַראַבישן גן־עדן, וואָס מאַכמעד דער נביא און אַללאַ דער האַר גאָט, האָבן געשאַפן פאַר די גלויביקע.

האָבן אָבער דעם יידישן מיידלס עלטערן מוחל געווען דעם אַראַבישן גן־עדן און איינגעלייגט וועלטן, אַבי צוריקבאַקומען די טאָכטער אין זייער רשות און בעסער זי פירן לחופה מיט אַ יידישן באַשערטן.

די ליבעס־געשיכטע צווישן מישעל כאַרי און דעם יידישן מיידל (וועמענס נאָמען איז נישט כדאי צו פאַרעפנטלעכן), האָט זיך נאָך אָנגעה־הויבן מיט יאָרן צוריק, אינעם הויז מיט די געוועלבטע אַראַבישע זיילן ווו די אָפּגעריבענע ווענט זענען געווען באַמאָלן מיט ביליקע מאַלערייען. אין דעם דאָזיקן הויז, וואָס געפינט זיך צווישן אַדזשאַמי און דזשעבעליע, און וואָס געהערט צום אַפּוטרופּוס, האָבן זיךביידע יונגע ליבעס־אַמאַנטן געשפּילט אין די כל המינים קינדער־שפּילן — און דער סוף איז געווען — עס איז דערפון אַרויסגעקומען אַ ממשותדיקע ליבע.

און ביז די עלטערן פונעם מיידל, וועלכע זענען געווען נייע עולים פון מזרח־אייראָפּע און האָבן געוווינט אין איין הויז מיטן חתן־בחור מישעל כאַרי און זיין משפחה, האָבן זיך דערוווסט פון דער דאָזיקער ליבע — איז שוין זייער מיידל געווען אַ יפהפיה און האָט שוין געאַרבעט אַלס פאַרקויפערין אין אַ שוך־געשעפט, און ער, דער געליבטער, איז שוין געווען אַ שוסטער און האָט געקלאַפּט די טשוועקעס אין די פּאַ־דעשוועס.

האָבן די עלטערן פונעם מיידל, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, גענומען איינ־טענהן מיט איר:

— טאָכטער געטרייע, זאָג אונדז, וואָס אַזוינס האָסטו דערזען אין דאַזיקן בחור, וואָס קלאַפּט די פּלעקעס און טראַכט וועגן אַ האַרעם מיט אַ סך ווייבער, וואָס זאָלן אים קושן די טריט?

און זי: — איך האָב ליב מישעלן און עס אַרט מיך נישט, אַז ער איז אַן אַראַבער.

זענען די עלטערן אַרויס אין מלחמה קעגן דער ליבע פון זייער טאָכ־טער. און זיי, די פאַרליבטע, זענען צו להכעיס אַנטלאָפן זיך ליבן קיין כפר אונו, וואָס איז נישט מער ווי אַ מעברה מיט געלעכערטע צריפים.

אין רעזולטאַט דערפון, האָבן די עלטערן פונעם מיידל אָנגעקלאָגט דעם בחור מישעל אין געריכט, אין פאַרכאַפּן זייער מינדעריאָריקע טאָכ־טער. אָבער נישט קוקנדיק דערויף, איז זי נאָך אַ מאָל אַנטלאָפן מיט איר אויסדערוויילטן קיין רמלה, ווו דעם בחורס קרובים האָבן זי באַזעצט אין איינעם פון די טונקעלע חדרים, וואָס געהערן צום מאַנאַסטיר. פון דאָרט איז דאָס מיידל, נאָך לאַנגע באַמיִונגען, צוריק געבראַכט געוואָרן אַהיים צו די עלטערן.

און צום סאַמע סוף פון דער ליבע, איז געקומען צום משפט אין תל־אביבער קרייז־געריכט.

— מיר האָבן זיך ליב און מיר ווילן זיך נישט צעשיידן — האָבן די פאַרליבטע געשריגן.

טאָקע צוליבן דאָזיקן באַשלוס פון מישעל מיט זיין האַרץ־געליבטע איז אַרויסגעקומען אין געריכט אַ וויסט געשלעג צווישן די עלטערן פונעם מיידל מיט די קרובים פונעם בחור, וואָס האָט זיך איינגעשטילט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער פּאָליציי.

דער שופט, ד״ר קיסטער, אויסהערנדיק אַלע עדות, וועלכע האָבן געטענהט לטובה ולרעה, האָט זיך געווענדט צום מיידל:

— זאָג, ביסטו גרייט צוריקצוגיין צו דיינע עלטערן?

דערויף האָט דאָס מיידל געענטפערט:

— איך גיי צוריק צו די עלטערן. אָבער כ׳ווייס נישט וואָס מיט זיך צו טאָן.

דער שופט האָט געפּסקנט, אַז זי זאָל מער נישט באַגיין אַזעלכע פעלערן אין איר יונגן עלטער, ווען זי איז מחויב צו זיך אונטער דער השגחה פון די עלטערן. ערשט ווען זי וועט ווערן פּוליעריק, וועט זי קאָנען באשליסן וועגן איר גורל.

דאָס פאַרליבטע מיידל איז אַוועק צו אַ ווייטער קרובה, ערגעץ אין צפון־טייל פון לאַנד, און דער פאַרליבטער בחור מישעל כּארי, האָט זיך צוריק באַזעצט אויפן שוסטער־בענקל, אין שוסטער־וואַרשטאַטל, וואָס געפינט זיך אין דער לאַנגער יפוער גאַס, וואָס פירט קיין דזשעבעליע.

„אַ סך מיט נאָך"

געווען איז בערטשיק אַ ייד אַ גביר אין יענע גוטע צייטן, אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן, בעת ער האָט געמסחרט מיט פערד. היינט איז בער־טשיק נישט מער ווי אַ שומר־לילה און היט אָפּ דאָס האָב־און־גוטס פון אַ תל־אביבער בוי־געזעלשאַפט, די כל המינים מאַטעריאַלן, וואָס ליגן צעוואָרפן אין גרויסן פאַרצוימטן הויף.

אין די ביינאַכטיקע שעהען ווערט בערטשיקן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, מחמת עס דערמאָנען זיך אים די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ער פלעגט טרייבן די פערד אויף די מערק און געפירט אַ הייסע ליבע מיטן כלה־מיידל פריידע, וועלכע איז געוואָרן זיין ווייב און די פאַרשאָלטענע נאַציס האָבן דערנאָך אומגעבראַכט.

דעמאָלט ציט בערטשיק אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע דעם אַלטן אויסגעריבענעם טייסטער מיטן פאַרצייטישן געלט, די צאַרסקע רובלעס מיט די עסטרייכישע מאַרקן, וואָס זענען אים פאַרבליבן פון יענע גוטע צייטן.

און היות דער גרויסער פאַרצוימטער הויף מיט די כל המינים בוי־מאַטעריאַלן געפינט זיך אין אַ געגנט, ווו עס שווימלט און גרימלט מיט גנבישע פאַרשוינען, האָט פּאַסירט — און אַ ווילער יונג, אַ גנב פון פאַך, איז פונקט אָנגעקומען, ווען בערטשיק האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם פולן טייסטער מיטן פאַרצייטישן געלט.

דער יונג, מיינענדיק, אַז בערטשיקס טייסטער איז אָנגעפילט מיט כסף ממש, האָט גענומען טשאַטעווען אויף אים פון אַ פינצטערן ווינקל, און לסוף, געמאַכט אַ רויב־אָנפאַל אויפן שומר לילה, ביי וועמען ער האָט מיט כוח אַרויסגעריסן דעם אַלטן אויסגעריבענעם טייסטער מיט די פאַר־צייטישע געלט־באַנקנאָטן.

ביים באַרויבטן נאַכט־היטער בערטשיק, האָט זיך, אין אָנבליק, פון דער דאָזיקער פּאַסירונג, דערוועקט דער אַמאָליקער פערד־הענדלער.

נישט טראַכטנדיק קיין איין מינוט, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און גענומען נאָכיאָגן דעם אַנטלאָפענעם גנב.

פּונקט צו בערטשיקס מזל, איז נישט ווייט פון דאָרט אַרומגעגאַנגען אַ פּאָליציי־פּאַטרול. און זיי, די פּאָליציסטן, מיט די שפּייערס אין די הענט, האָבן גענומען יאָגן דעם גנב עד חרמה. נאָך אַ דראַמאַטישן געיעג, וואָס האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר שעה, האָבן זיי אים געפּאַקט און אָפּגע־פירט בכבוד גדול אין פּאָליציי־אַרעסט.

און אַז בערטשיק, דער שומר לילה, האָט פייערלעך צוריקבאַקומען זיין אַלטן אויסגעריבענעם טייסטער מיט די צאַרסקע רובלעס און עסט־רייכישע מאַרקן, האָט זיך זיין אַלט צעקנייטשט פּנים צעשיינט פון גרויס נחת. און אַז עמעצער פון די געזעץ־היטער האָט בדרך הלצה אַ זאָג געטאָן צו בערטשיקן:

— ר׳ ייד, אין אייער טייסטער איז פאַראַן „אַ סך מיט נאָך".

האָט בערטשיק אָפּגעענטפערט אַזוי:

— זייט וויסן, אַז דאָס דאָזיקע געלט, וואָס איז מיר פאַרבליבן לזכר פון מיינע אַמאָליקע גוטע צייטן, איז מיר גאַנץ חשוב, און איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל עס מיר אַוועקנעמען.

שפּעטער איז אין בית משפּט השלום פאָרגעקומען דער משפּט איבערן גנב־יונג, וועלכער האָט זיך מיאוס אָפּגענאַרט מיט דער גנבה, און אַזוי זיצנדיק אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיך גאַנץ גוט געשראָקן פאַרן פּסק־דין, וואָס דער שופט האָט זיך געגרייט אַרויסצוטראָגן.

אין דער צייט, ווען מען האָט געמשפּט דעם גנב־יונג, איז דער שומר לילה, בערטשיק, נאָכן אָפּגעבן די עדות־דערקלערונגען, געזעסן אין גע־ריכט־קאָרידאָר אויף דער קהלישער באַנק און דערציילט פאַר די אָרעמיקע יידן וועגן זיינע רייכע מסחרים מיט די פערד, וואָס ער האָט געטריבן צו די מערק, ווו ער האָט זיי פאַרקויפט מיט כולו רווח.

בערטשיק האָט נישט פאַרגעסן אַרויסצוציִען בשעת מעשה פון דער בוזעם־טאַש דעם אַלטן אויסגעריבענעם טייסטער מיטן פּאַק צאַרסקע רובלעס און עסטרייכישע מאַרקן, וואָס ער האָט אונטערגעטראָגן די צו־הערער צו די אויגן, זאָגנדיק דערביי:

— זעטס, יידן, וואָס פאַר אַ גביר בערטשיק איז געווען.

אימת המלכות

דער חשובער תל־אביבער תושב מיטן נאָמען אַראָנטשיק, האָט זיך אין לעבן נישט פאַרגעשטעלט אַזאַ זאַך, ווי צו משפטן זיך מיט אַ גאַסן־פרוי. לעולם, איז אַראָנטשיק אַ שטאַרק אָפּגעהיטענער מענטש און איז ווייט פון צו באַגייך עבירות — און מחמת אימת המלכות, האָלט ער זיך אָפּגעזונדערט פון די מאַכטהאָבער, די פּאָליציי, וואָס האַלט אָרדענונג אין דער שטאָט תל־אביב.

די געשיכטע מיט אַראָנטשיקן און דער גאַסנפרוי האָט פּאַסירט אויף אַזאַ אופן:

כידוע, איז אַראָנטשיק שוין כמה יאָרן אַן אַלמן, און ווי צו להכעיס, קומט אים נישט אונטער עפּעס אַ לייטישער שידוך, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו זיין איינזאַמקייט.

איז נישט קיין חידוש, וואָס אַראָנטשיק לאָזט זיך אין די פאַרנאַכטן אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן, וואָס זענען מלא מיט שיינע אויסגעפּוצטע מיידלעך און ווייבלעך, פון וועמענס פּנימער עס גייט נישט אַראָפּ דער זיסער שמייכל.

צו די דאָזיקע מיידלעך און ווייבלעך וואַרפט אַראָנטשיק זשעדנע בליקן, וואָס דערגייען אָבער נישט צום ציל— מחמת אַראָנטשיק ציט נישט זייער אויפמערקזאַמקייט.

און אָט האָט געטראָפן אַ מעשה מיט איינער אַזאַ אויסגעפּוצטער יונ־גער פרוי, וועלכע האָט אויפגעכאַפּט אַראָנטשיקס זשעדנעם בליק און אים גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

איז נאָך דאָס געווען ווייניק, האָט אים דאָס אויסגעפּוצטע דאַמעלע צוגעוואָרפן אַ צווידייטיקן ווונק מיטן אונטערגעשוואַרצן אויג, וואָס האָט באַדייט אַן איינלאַדונג צו זיך.

ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען כשורה: די פאַרשווינטע, וועלכע

האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַראַנטשיקן מיטן נאָמען זהבה, האָט אים היימישלעך אַנגענומען אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַוועק אויף אַ שפּאַציר איבערן גאַס, וואָס האָט גערעשט מיט מענטשן און פאַרנדיקע אויטאָס. אָפּגעשפּאַצירט אַ האַלבע שעה, האָט אים זהבה אַריינגעפירט אין אַ באַר־רעסטאָראַן, ווו זי האָט באַשטעלט פאַר בײדן אַ נאַכטמאָל מיט שטאַרקע וויינען, וואָס האָבן אַראַנטשיקן אויפגעמונטערט ביז גאָר און צעשפּילט זיינע געבליטן.

און נישט צו וויסן ווי אַזוי, האָט זיך אַראַנטשיק געפונען אין זיין אייגענער דירה מיט זיין נייער באַקאַנטער, וועלכע האָט אים אַרומגערינגלט מיטן אָן אַ שיעור ליבע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פלאַמען און צו פאַרשיכורן אים ביז פאַרגעסנקייט.

צו מאָרגנס, אַז אַראַנטשיק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרשי־כורטן שלאָף, אַזוי איז שוין די אויסגעפּוצטע זהבה נישט געווען אין שטוב. און אַז ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן, האָט ער צו זיין גרויס פאַרדרוס דערזען, אַז דאָס פאַרשלאָסענע שופלאָד פונעם שענקל איז אויפ־געריסן און עס פעלט אים דאָס גאַנצע גאָלדענע צירונג, וואָס איז אים פאַרבליבן נאָכן פאַרשטאָרבענעם ווייב.

איז ער, אַראַנטשיק, צוליב אימת המלכות, נישט אַוועק גלייך אין דער פּאָליציי, צו מעלדן זיי וועגן דער גנבה — און געטראַכט האָט ער דערביי, אַז עס קען געמאָלט זיין, ער אַליין זאָל טרעפן די גנבטע און אָפּ־נעמען ביי איר דעם ווייבס צירונג.

ווען עס איז אָבער אַוועק איין וואָך און אַ צווייטע, און מען זעט נישט און מען הערט נישט פון דער גנבטע, איז דעמאָלט אַראַנטשיק, בלית ברירה, אַוועק אין דער פּאָליציי, ווו מען האָט אים קודם אַ פרעג געטאָן:

— אדוני, פאַר וואָס זענט איר באַלד נישט געקומען אַהער?

— איך וועל אייך אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, איך האָב מורא צו האָבן צו טאָן מיט די מאַכט־אָרגאַנען.

האָט מען אים אויף ס'ניי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָ מורא צו האָבן?

— עס איז אימת המלכות.

פון דעסטוועגן האָט דער פּאָליציי־אויספאָרשער נישט געשוויגן און האָט פאַר אַראָנטשיקן אויפגעמישט דעם פאַרברעכערישן אַלבאָם.

— גיט נאָר אַ גוטן זוך אין דאָזיקן אַלבאָם צווישן די פאָטאָגראַפיעס.

אַראָנטשיק האָט אָנגעהויבן מישן די בלעטלעך פונעם פאַרברעכערישן אַלבאָם, און צו זיין דערשטוינונג האָט ער דערזען דאָרטן דאָס בילד פון זהבהן.

— דאָס איז זי.

און עס איז נישט אַוועק קיין טאָג, אַזוי איז שוין די גניבהשע פאַרשוינטע געוועזן אַרעסטירט און עס איז קעגן איר געוואָרן פאַרפירט אַ משפט אין בית משפט השלום אין תל־אביב.

אויפן משפט האָט ערשט אַראָנטשיק זיך דערוווסט, אַז די גנבטע איז אַחוץ דעם אויך אַ גאַסן־פרוי, וואָס פאַרלאָקט איינזאַמע מענער צו מעשה זנות אין די פינצטערע געסלעך אַריין.

דער שופט האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט די פאַרשוינטע פאַרמשפט אויף זעקס חדשים תפיסה, אַראָפּגערעכנט שוין די צייט, וואָס זי איז געזעסן ביזן משפט.

האָט דער באַגנבעטער אַראָנטשיק פאַרלאָזט דאָס משפט־שטיבל מיט אַ שווער האַרץ — מחמת עס איז אים געוועזן אַ גרויסער שאָד דער זכר, דאָס צירונג פון זיין פאַרשטאָרבן ווייב, וואָס די גנבטע האָט באַוויזן צו פאַרטאַכלעווען.

שטיוול מיט אויערן

ביי מעכלען דעם וואַליזקעמאַכער האָט זיך גאַרנישט געביטן: אַזוי ווי ער איז געווען פאַר דער מלחמה, אַזוי איז ער אויך איצט געבליבן. מעכל טראָגט נאָך זיין געקעסטלטן אַנצוג, וועלכן ער האָט זיך געלאָזט אויפנייען נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה, און די אַפּיצערסקע שטיוול, מיט וועלכע ער האָט אויסגעשפּרייזט אַ האַלבע וועלט.

פון מאַטרימאָניאַלן שטאַנדפּונקט איז נאָך מעכל אַ קאַוואַליער און טראָגט דעם היפּשן פּעקל יאָרן, וואָס ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס, קלערט ער צו ווערן אַ מאַן פון אַ פרוי און אַ טאַטע פון קינדער.

אַליין וווינט מעכל אין אַ הייזל, וואָס האַלט זיך קוים פון אַלטקייט און שטעקט, במחילה, אין אַ שמאָל געדרייט געסעלע, פון וועלכן אַ העלפט געהערט צו דזשעבעליע און די רעשט צו אַדזשאַמי, אין די קוואַרטאַלן פון יפו, ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען יידן פון אַלע עקן וועלט.

און בכדי צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן, האָט מעכל געוואָרפן אַן אויג אויפן טוניסער ווייבל מיטן נאָמען זרירה, וועמען דער מאַן האָט פאַרביטן אויף אַ צווייטער.

איז געקומען אַ פאַרנאַכט, ווען די זון אין הימל האָט אויפגעהערט צו שיינען און אויף איר אָרט האָט זיך באַוויזן אַ העלע קיילעכדיקע לבנה, וואָס האָט שפּאַצירט צווישן די גלאַטיקע וואָלקנדלעך און אָנגעפילט די מענטשלעכע הערצער מיט ראָמאַנטישע געפילן.

אַקוראַט אין דער צייט, איז מעכל אַוועקגעגאַנגען דורך די שמאָלע געשלענגלטע געסלעך צום אָרט, ווו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס טוניסער ווייבל.

גענוי ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען די ערשטע באַקאַנטשאַפט צווישן מעכלען און זרירהן, איז נישט באַוווּסט. אַ פאַקט איז אָבער, אַז מעכל

איז פון דאַן אַן געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין איר קליינעם שטיבל, ווו די וואַנט זענען געווען פאַרהאָנגען מיט פאַרביקע טיכער.

מעכלען וואָלט אפשר זיך איינגעגעבן דער הייראַטס־פּלאַן מיט זרירהן, ווען נישט די מעשה מיט איר מאַן, דעם מאַראָקאַנער בשם סולי־מאַן, וועלכער האָט מיט אַ מאָל, אין מיטן דער נאַכט, געלאָזט שטיין זיין געליבטער און זיך צוריקגעקערט צום ווייב.

סולימאַנס צוריקקער צו זרירהן איז פאָרגעקומען אויף אַ רעשיקן אופן, באַגלייט מיט שיכורע געוואָלדן און קללות, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווייט אַוועק און זענען אויך אַריינגעדרונגען אינעם קליינעם שטיבל מיט די פאַרהאָנגענע ווענט, ווען עס האָט זיך דאָרט אַקוראַט געפונען מעכל דער וואַליזקעמאַכער, וועמענס אָפּיצערסקע שטיוול זענען זיך ווי קיין מאָל גאָרנישט, געשטאַנען ביי דער אַריינגאַנג־טיר. און דאָס, וואָס ס׳געשעט מיט אַלע מענער, וועלכע ווערן געכאַפּט ביים פירן לינקע ליבעס, איז אויך געשען מיט מעכלען, וועלכער איז בעת סולימאַנס אָנקומען אַנטלאָפן אין איין בהלה, איבערלאָזנדיק אין איילעניש זיינע אַלטע אָפּיצערסקע שטיוול, מיט וועלכע ער האָט אויסגעשפּרייזט אַ האַלבע וועלט.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע איז אַדורך נישט מער ווי איין נאַכט, און שוין אויף צו מאָרגנס האָט סולימאַן, אַן אויסגעניכטערטער, געפונען מעכלס שטיוול ביי דער אַריינגאַנג־טיר און ער האָט דערפאַר צעשלאָגן זיין ווייב ביז בלוט.

היות מעכלס שטיוול זענען געווען מיט אויערן, האָט סולימאַן אַ נעם געטאָן די שטיוול ביי די אויערן און איז אַוועק אַהין אין די שמאָלע גע־דרייטע געסלעך פון דזשעבעליע און אַדזשאַמי, און נאָך אַ חקירה ודרישה, איז ער דערגאַנגען צו מעכלען דעם וואַליזקע־מאַכער, וועמען סולימאַן האָט אַזוי מקיים פּסק געווען, אַז ער, מעכל, איז שיער נישט געבליבן אַ טויטער, און נאָר דאָס באַווייזן זיך פון אַ שוטר האָט אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן.

דער שוטר האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן אָנצושרייבן דערביי אַ ראַפּאָרט, פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען אַ משפט אין בית משפט השלום.

דער משפט איז פֿאָרגעקומען פֿאַרן שופטס טיש, ווו קעגנאיבער אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק איז זיך געזעסן דער באַשולדיקטער סולימאַן און אַ ביסל ווייטער פון אים איז געזעסן אונדזער העלד מעכל דער וואַ־ליזקעמאַכער, אויף וועמענס פּנים עס זענען נאָך געווען לעבעדיקע סימנים פון די אַריינגעכאַפּטע קלעפּ.

מעכל איז, ווי זיך שטייגער, געווען אָנגעטאָן אין זיין געקעסטלטן אָנצוג, וועלכן ער האָט געטראָגן סיי זומער און סיי ווינטער, און איז נאָך אַלץ אין אַ גוטן צושטאַנד. און מעשה פּלא האָט אויך מעכל געטראָגן אויף די פיס זיינע אַלטע אָפּיצערסקע שטיוול מיט די אויערן, וואָס סולי־מאַן האָט אים צוגעוואָרפן בעתן שלאָגן, ווי מען וואַרפט צו אַ ממזר.

דער שופט האָט אויסגעהערט דאָס עדות־זאָגן פון ביידע צדדים — און נאָך אַ הירהור בדבר, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין ווייכן בענקל און האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין: צוויי חדשים תפיסה על תנאי פֿאַרן נידון סולימאַן, וועלכער איז אויך מחויב צו באַצאָלן די געריכטס־הוצאות.

דעם „אַלטן קענערס״ אַן איי‌ניקל

ערגעץ, אין אַ זייטיק געסעלע פון שכונת שפּירא אין תל־אביב, וווינט איציקל „ממזר״, דער געוועזענער בעל־עגלה־יונג פון פוילן, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז נאָך דעם „אַלטן קענערס״ אַן אייניקל.

און ווען נישט דער משפט, וואָס איציקל ממזר האָט דאָ נישט לאַנג געהאַט אין בית משפט השלום, וואָלט מען נישט געווען דערגאַנגען צו זיין יחוס, וואָס ציט זיך אַוועק צום אַמאָליקן לעמבערג, ווו איציקל איז געווען אויסגעקאָכט מיט די בלאַטע גוטע־ברידער.

ווי אַזוי איציקל ממזר, וועלכער איז היינט צו טאָג שוין אַ מענטש אין די יאָרן, האָט זוכה געווען צו אַ משפט, וועלן מיר באַשרייבן אין די דאָזיקע שורות.

געווען איז עס איין מאָל אין אַ דאָנערשטיק. איציקל האָט גענומען דאָס איינקויף־קוישל און איז אוועק צום שוק הכרמל איינהאַנדלען גריב־צייט מיט פּרוכטן פאַר ביליק געלט, כדי צו העלפן זיין ווייבביילע אין דער הויז־ווירטשאַפט.

אָנגעקומען אין אַ מזלדיקער שעה צום אָרט, האָט איציקל זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די טיש־געשטעלן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געשטופּט קונים אַן אַ שיעור און גענומען איינקויפן דאָ אַ קילאָ וויינטרויבן מיט פלוימען און דאָ ציבעלעס מיט מייערן, מיט גרינע אוגערקעס, מיט רויטע טאָמאַטן און מיט אַ צוגאָב פון פרישע טרוסקאַווקעס, וואָס דער פאַרטאָ־גיקער טוי איז נאָך געלעגן אויף זיי. פּלוצלינג אָבער דערפילט איציקל ווי עמעצנס אַ פלינק הענטל שטופּט זיך אין זיין קעשענע, ווו עס ליגט דער געלט־טייסטער. קלערט ער נישט לאַנג און גיט דעם קעשענע־גנב אַ כאַפּ אַן אויף דער הייסער מינוט, און שוין צעשרייט ער זיך:

— משטרה!!!

באותו רגע גיט אָבער אַ וואַקס אויס, ווי פון אונטער דער ערד, אַ כאַפּטע

ווילע יונגען, וויזט אויס, אויך קעשענע־גנבים, וועלכע רוקן זיך אָן אויף איציקלען.

— דו לאָז בעסער אָפּ, אַנישט וועט זיין ווי צו דיינע יאָרן.

דערהערט אַזאַ לשון, ווערט איציקל אש להבה. און שוין דערוועקט זיך אין אים דער אַמאָליקער בעל־עגלה־יונג פון פוילן, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט מיט די בלאָטע גוטע־ברידער, און ער נעמט דעריבער זיך קאָכן און בייזערן:

— טראָגט זיך אָפּ, ראַצערס, וואָרעם איך מאַך שוין פון אייך קרעפּל־פליישׁ.

די ווילע יונגען טרעטן אָבער נישט אָפּ פון איציקלען און מאַנען ס׳זייעריקע:

— לאָז אָפּ, זאָגט מען דיר.

דעמאָלט גיט זיך איציקל ממזר אַ פאַרמעסט מיט זיך בעל־עגלהש הענטל אויף צו דערלאַנגען דעם אמתן מתנת־יד — און צו זיין שלימזל האָט ער אָנשטאָט צו טרעפן אין דער גנבישער חברה, געטראָפן דעם קלאַפּ אַ פאַרבייגייענדיקער פּרוי, וועלכע איז פונקט געגאַנגען מיטן מאַן איבער די געשטעלן אויף צו מאַכן קניות.

הקיצור, דער מאַן פון דער געטראָפענער פּרוי האָט גלייך אויפן אָרט אַליאַרמירט די פּאָליציי — און איציקל האָט מיר־נישט־דיר־נישט אַריינ־געכאַפּט אַ פּאָליציייִשן ראַפּאָרט, פון וואָס עס איז אַרויסגעקומען אַ משפּט אין בית משפּט השלום.

בשעת דער הפסקה, ווען דער שופט איז אַוועק פון גרינעם טיש צו זיך אין חדר מיוחד, כדי דאָרטן צוצוגרייטן דעם פּסק־דין, איז זיך דעמאָלט איציקל ממזר געזעסן אויף דער קהילישער באַנק אין געריכט־קאָרידאָר און האָט דערציילט וועגן זיינע יונגע יאָרן אין לעמבערג, ווו ער איז געווען אַ בעל־עגלהשער אָנטרייבער, געפירט סחורות אויפן פערד־און־וואָגן פון די הורט־סוחרים צו די קליינהענדלער, און איז געווען „פּאַן בראַט" מיט די לעמבערגער ווילע יונגען.

איציקל ממזר וואָלט נאָך מי יודע ווי לאַנג דערציילט וועגן זיינע העלדישע מעשים, ווען נישט דער געריכט־שמש, וועלכער האָט אים אי־

בערגעהאַקט דאָס רעדן און אים געהייסן צוריק אַריינגיין אין בית־משפט־שטיבל, ווו דער שופט האָט אַרויסגעטראָגן קעגן אים דעם פסק־דין: פינף און צוואַנציק פונט קנס און פינף טעג אַרעסט על תנאי, פאַר גורם זיין אַ געשלעג.

דאַקעגן האָט דער אויבן־באַשריבענער קעשענע־גנב, וועלכער איז דעם זעלבן טאָג געמשפט געוואָרן, אַריינגעכאַפּט אַ פּסק־דין צו זיצן דריי חדשים אין חד־גדיא.

אלה ברכב ואלה בסוסים

עס איז אַ הייסער פֿאַרמיטאָג אין כרך תל־אביב—יפו. שלמה קראַוויעץ, אַ בעל־עגלה פֿון די היינטיקע צייטן, וואָס פֿירט מיט דער הילף פֿון אַ קאָבילע, אַ פּגירה, מיך־געטראַנקען צו די גאַזאָזניקעס און רעסטאָראַטאָרן — זיצט אויף דער קעלניע פֿון וואָגן, ווי להבדיל אַ שניידער, פֿאַרלייגט איין פֿוס אויפֿן צווייטן און מאַכט אַלערליי מאַנעוורעס מיטן פֿערדל די פּגירה, וואָס פּלאָנטערט זיך אין אַן אומבאַשרייבלעכער פּאַניק צווישן די פּאַסאַזשיר־אויטאָס, לאַסטמאַשינען און טעקסיס.

שלמה קראַוויעץ פּייפֿט און טשמאָקשקעט צום פֿערדל, מאַכט גרימאַסן, ציט מיט די לייצעס, און דאָס פֿערדל — ווי גאַרנישט, גייט דווקא אין דער ברייט פֿון שאָסיי און פֿאַרקריכט גלייך אַריין מיט אַ האָלאָבליע אין אַ שויב פֿון אַ שירות־טאַקסי.

גלייך בלייבן שטיין בײדע בעל־עגלהשע געשפּאַנען, און צוזאַמען מיט זיי די גאַנצע קאָמוניקאַציע. פֿון דער טאַקסי קריכט אַרויס דער שאָפֿער, אַן עוג מלך הבשן, מיט שוואַרצע פֿאַרדרייטע וואָנסעס און אַ קאַרק, אויף אַלע יידן געזאָגט. ער פֿראַלט גלייך צו צו שלמה קראַוויעץ און נעמט אים קודם־כל אַראָפּ פֿון דער קעלניע, פּונקט ווי מען נעמט אַראָפּ אַ קינד. דערנאָך נעמט דער עוג מלך הבשן אים אַן ביים הינטערשטן טייל, פֿירט אים צו דער צעבראָכענער שויב און טוט אַ זאָג: „צוואָנציק פֿונט צו באַצאָלן — צום ערשטן מאָל". ווערט שלמה קראַוויעץ נישט נתפּעל פֿאַרן עוג מלך הבשן, דעם שאָפֿער, און גיט אים גלייך אַ תשובהלע: „אפֿשר וועט איר, אדון שאָפֿער, עפּעס אַראָפּלאָזן פֿון פּרייז?" טוט זיך דער שאָפֿער אַ שטעל אַוועק אין אַ פּאָזע, שטעלט אַן גלייך אויף שלמהן אַ פּאָר שפּיזיקע אויגן און גיט זיך ווייטער אַ זאָג: „גוט, יונגערמאַן, איר ווילט נישט באַצאָלן קיין צוואָנציק פֿונט, — איז דרייסיק פֿונט צו באַצאָלן צום

צווייטן מאָל״. ווערט שלמה צום צווייטן מאָל נישט נתפעל און ענטפערט געלאַסן אָפּ: — כ׳מיין, אַז איר וועט נעמען ווייניקער ווי פינף פונט.

פאַלט דער שאַפער, דער עוג מלך הבשן, גלייך אַריין אין ירגזון, פונעם דאָזיקן חוצפּהדיקן ענטפער, און פאַרמעסט זיך אויף אַ מתנת־יד. מאָמענטאַל ווערט אַ געפּייפעריי פון אַלע שטיין־געבליבענע אויטאָס און שטימען צעהילכן זיך פון אַלע זייטן:

— האַלאָ, סע לאלף רוחות!

בינו לבינו וואַקסט דערוויַיל אויס, ווי פון אונטער דער ערד, אַ שוטר. שפּעטער קומען אָן נאָך צוויי שוטרים, מיט לאַנגע צענטימעטערס און עס גייט אַוועק אַ גאַנג פון מעסטן דעם שטח און „אויסרעכענען״ דעם פאַר־פאַל. אַרום גאַפּיעט אַן עולם און די שטיין־געבליבענע שאָפערן שעלטן מיט טויטע קללות אין שלמהס זייט אַריין, וועלכער לעגיטימירט זיך אויס צוזאַמען מיטן שאָפער, דעם עוג מלך הבשן.

און אַלץ וואָלט געווען אַדורך גוט און פיין, ווען נישט דער גרינער געריכט־טיש, וועלכער האָט שלמהן מיטן עוג מלך הבשן־שאָפער אויף ס׳ניי צונויפגעפירט אין אַ שיינעם העלן טאָג אויף איין באַשולדיקונגס־באַנק. דער ריכטער האָט נישט איילנדיק זיך, אָנגעהויבן די אויספאַרשונג.

הייבט אָן זיין טענה דער שאָפער:

— כבוד השופט, נישט גענוג וואָס ער האָט מיר אויסגעבראָכן אַ שויב אין דער טאַקסי, באַדאַרף איך נאָך שטיין, ווי אַ באַשולדיקטער, גלייך מיט אים — אָנווייזנדיק אויף שלמהלען.

ענטפערט אים אויפן אָרט שלמה קראַוויעץ:

— זאָגט מיר נאַר, אדון שאָפער, וויפל הענט און פיס האָט איר שויז צעבראָכן בעת אייער פאָרן איבער די גאַסן? איך, כבוד השופט, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב נאָך מיט מיין פגירה־פערדל קיין פליג נישט אָנגע־רירט און מיט דער שויב איז געווען, כבוד השופט, אַ צופאַל.

דער ריכטער פאַרשרייבט און דער שאָפער, וועלכער איז אַזש גרין געוואָרן פון מלא חימה, צעשרייט זיך אויפן הויכן קול:

— כבוד השופט, זאָל ער מיר בעסער באַצאָלן פאַר דער אויסגעהאַק־טער שויב און נישט רעדן מיט אַזאַ חוצפּה.

— אַז דער ריכטער וועט פּסקנען, וועל איך באַצאָלן — האָט שלמה געלאָזן אָפּגעענטפערט — איך לאָז פון דיין זיידן, איך בין אַ פּראָסטער בעל־עגלה, מיט אַ פערדל, און נישט קיין פּריץ, ווי איר שאַפערן פון טאַקסיס. איר קענט דאָך נישט עסן קיין אָונט־ברויט, ביז איר פאָרט נישט איבער אַ מענטש. איך פאָר שוין לאַנגע יאָרן און כ׳האָב נאָך נישט קיין קאָץ איבערגעפאָרן.

דער ריכטער צעקלינגגט זיך מיט גלעקל:

— נישט פירן קיין דיסקוסיעס אין געריכט און הערן דעם פּסק־דין.

דער ריכטער לייענט:

— שלמה קראַוויעץ דאַרף באַצאָלן דעם ווערט פון דער שויב. — און דערמיט האָט זיך דער ברכב ובסוסים־קאָנפליקט פאַרענדיקט.

גוטע ברידער זענען זיי געווען

גוטע־ברידער זענען זיי געווען נאָך אין קליינעם שטעטעלע ביי דער ווייסל אין פוילן. אַלע — שטעטלשע יונגעלייט, געזונטע און באַלעבאַטישע וואָס האָבן יום ולילה געאַרבעט לשם פרנסה, צוזאַמען זיך משמח געווען אויף תנאים, חתונות, בריתן און נאָך מינים שמחות.

די נאַצי־מלחמה האָט זיי צעזייט און צעשפּרייט איבער לענדער און מדבריות. דער מלחמה־סוף האָט זיי נאָך וואָגלעניש און וואַנדערונגען, אַוועקגעפירט אין דער אויפגעשטאַנענער מדינה, ווו זיי האָבן זיך פאַר־וואָרצלט, ווער אויף לאַנדווירטשאַפט, ווער אין געשעפט און מלאכה און ווער אין ליכווע און טויטע געשעפטן.

ויהי היום, איז אין איינער פון די שטאָטישע זאַלן אין תל־אביב פאַר־געקומען אַן אזכרה געווידמעט דעם חורבן פון אַ ריי קליינע שטעטלעך ביי דער ווייסל־געגנט און בתוכם דאָס שטעטל פון די גוטע־ברידער. פאַרגעסענע און פאַרשווונדענע האָבן זיך אויף ס'ניי אָפּגעזוכט און פאַר־גאַנגען אין לאַנגע פרעגעניש, און אַזוי אויך האָבן זיך די גוטע־ברידער פלוצלינג אָפּגעזוכט און די באַגעגעניש איז געווען אין לשער ואין לספר.

צערעדט האָבן זיי זיך פון אַלץ און אַלעמען און צום סוף, האָבן אַלע ווי איינער, אַנגענומען אַ באַשלוס, נישט צו צעשיידן זיך אַזוי אויף טרוקן: און עס האָט לאַנג נישט גענומען, ווי אַלע זענען אַוועק קיין יפו צו איינעם פון די גוטע־ברידער און זיך איינס ס'אַנדערע גענומען מכבד זיין מיט וויין. און ווי זאָגט מען דאָס: „נכנס יין יצא סוד". האָבן זיך ביי אַלעמען אויפגעבונדן די צינגער און מען האָט זיך גענומען דערציילן די כל המינים איבערלעבענישן אין די קאַצעטן, געטאָס, בונקערס און פון ווייטע סיבירער טייגעס און טונדרעס. די נאַכט איז דערווייל געגאַנגען איר וועגס און בגלופין זענען זיי אַלע געווען, האָבן זיי דעריבער גענומען רעדן בקול רם, זיי האָבן געלאַכט און זיך צעזונגען און אויפגעוועקט די הויז־שכנים —

אַ קיבוץ־גלויות־געזינדל פון רומענער, בולגאַרן, טערקן, פערסן, יידן פון בבל און אַפריקע, פון תימן און סאַוד־אַראַביע, וואָס האָבן זיך אָנגעגורט מיט שטעקנס און קאַלט געווער אָנצולערנען די אַשכנזים, די „וואָז וואָז״, וואָס האָבן געוואָגט צו שטערן די הייליקע רו פון די שבטים.

אַזוי ווי די פייערדיקע לאַווע, וואָס טוט פאַרגיסן מיט אַ מבול פון פייער און גלי, אַזוי האָבן די עדהס פון מזרח און באַלקאַן זיך אַ לאָז געטאָן צו די מערב־אייראָפּעער און זיי קודם־כל פאַרגאָסן מיט אַ מבול פון זידלווערטער, קללות וחרמות, אויף אַלע שפּראַכן. געזען, אַז דער דאָזיקער אָנגריף ווירקט שוואַך, האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג אַלערליי געווער אויף די אשכנזישע פּלייצעס. די גוטע־ברידער פון קליינעם מאָלע־רישן פּוילישן שטעטל זענען אָבער נישט געווען פון די, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע און האָבן געענטפערט עין תחת עין, שן תחת שן, און עס איז געוואָרן ליהודים. הענט האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין אַקסלען, אַקסלען אין בייכער, קעפּ אין פיס און פיס אין ווייכע קערפּער־טיילן און אַ מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט בכל ארבע פינות הבית. אין איילעניש איז אָנגעפאָרן אַ קעטשל מיט פּאָליציי־לייט, פעדערס האָבן געקריצט אויף בלאָק־פּאַפּיר, פון די פּאַפּירלעך זענען געוואָרן פּראָטאָקאָלן, פון די פּראָ־טאָקאָלן איז געוואָרן אַ משפּט, און פון משפּט האָט זיך אויסגעלאָזט אַרעסט און געלט־שטראָפן. ביידע צדדים זענען אַוועק פון געריכט־זאַל מיט טיפע רוגזה־פייערלעך אין די אויגן, און זיך נישט אויסגעלאָשן אַפילו נאָכן צעגייען זיך אין די היימען.

ווי בוימל אויפן פייער

הענעך שלעפט זיך קוים מיט צרות אויף דער תל־אביבער גאַס, וואָס איז ליידיק פון מענטשן, צוליב דער גליִענדיקער היץ, וואָס הערשט אין דרויסן און אויך ווייל עס איז איצט אַקוראַט מיטאָג־צייט.

הענעכן שלאָגט די היץ אין פּנים אַריין כוואַליעסווייז און דאָס לייב ברענט און בראָט, גלייך ווי עס וואָלטן דערויף געפאַלן שטיקער פייער און צו דעם אַלעמען פּעלט אים אויס אָטעם צוליב דער היץ און די קעל איז אים אויסגעטריקנט.

גייט ער אויף דער גאַס, וואָס ציט זיך אַוועק מיט צוויי שורות הייזער, און ער פילט ווי די נערוון הייבן ביי אים אָן צו שפּילן, ווי עס כאַפּט אים אָן אַ ווילן זיך צו בייזערן אויף די מענטשן, וועלכע זיצן אַוודאי איצט אין די קילע שטובן, אין דער צייט ווען ער מוז גיין אויף דער דאָזיקער אומדערטרעגלעכער היץ.

וויִיסן ווייסט ער, אַז ער טאָר זיך נישט בייזערן צוליב די אָפּגעשוואַכטע נערוון און צוליבן שוואַכן האַרץ, וואָס קלאַפּט שוין נישט אַזוי ווי אין די יונגע יאָרן — ער קען זיך אָבער נישט העלפן, מחמת דער כעס בושעוועט אין אים.

און די הויפּט־סיבה פון כעס ביי הענעכן איז דאָס, וואָס ער האָט נישט ביי וועמען צו פרעגן ווו עס וווינט דאָ אויף דער גאַס זיין בעסטער גוטער־פריינד אייזיק פון אַמעריקע, וועלכער רופט זיך היינט צו טאָג אייב — און אָט דער דאָזיקער אייב, דער טוריסט, שטייט דאָ אויף דער גאַס איך אין אַ הויז, וועמענס נומער ער, הענעך, הייבט נישט אָן צו וויסן. וואָרעם אייב, וועלכער האָט פאַר אים מתנות פון זיינע קרובים אין אַמעריקע, האָט אים, הענעכן, געלאָזט וויסן אַזוי און אַזוי, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין תל־אביב מיטן עראָפּלאַן און האָט „געמופּט" אין נייעם הויז אויף דער דוד המלך סטריט — און גיי זוך אים אויף דער דאָזיקער

גאַס, ווו אַלע הײַזער זענען ניי און וווּ די היץ איז אין לשער און אין לספר, ווארעם די ביימער, וואָס גיבן קילן שאָטן זענען נאָך נישט אויפ־געוואַקסן. העלפט גאָט און עס באַווייזט זיך אויף דער גאַס אַ ייד מיט אַ שטרויענעם זון־קאַפעלוש אויפן קאָפּ און מיט אַ שפּאָגל נײַער ברוינער טעקע אין האַנט, וועלכער גייט אַקעגן העניכן מיט אַזעלכע שנעלע טריט, גלייך עס וואָלט אים ווער אונטערגעטריבן.

— ר׳ ייד, — שטעלט אים אָפּ העניך, — אפשר ווייסט איר אין וועלכן הויז עס שטייט איין אַן אַמעריקאַנער טוריסט מיטן נאָמען אייב.

דער געפרעגטער קוקט אָן העניכן מיט אַ חוזק־בליק.

— ר׳ ייד, וואָס פרעגט איר מיך אַזאַ זאַך?

— מען טאָר נישט פרעגן?

ווערט דער געפרעגטער אויפגעקאָכט און נעמט שרייען:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן ווו עס וווינט אַ טוריסט מיט אַזאַ נאָמען?

ווערט העניך תיכף ומיד שטאַרק אין כעס און נעמט זיך בייזערן.

— וואָס שרייט איר אַזוי?

— איר וועט מיר אפשר פאַרווערן צו שרייען?

— שרייט אויף אייער ווייב און נישט אויף מיר.

— מיין ווייב זאָלט איר נישט דערמאָנען מיט אייער מויל.

— און אַז איך וועל יאָ דערמאָנען, וואָס וועט איר מיר אַזוינס טאָן?

— וועל איך אייך צעהאַקן די ביינער.

— איר וועט מיר צעהאַקן די ביינער?

— איך.

— איך וועל אייך פריִער אונטערהאַקן די זייטן.

און ביידע זענען זיך באַפאַלן מיט אַזאַ רוגזה, אַזש עס האָבן אָפּגע־הילכט די פּעטש אין פנים, וואָס זיי האָבן זיך דערלאַנגט און געהערט האָט זיך דאָס ציק־קריצעניש מיטן סאַפּעניש פון ביידע שלעגערס, וועלכע האָבן זיך נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ און וואָלטן נישט מיד געוואָרן זיך צו שלאָגן, ווען נישט דאָס, וואָס איינער אַ זייטיקער מענטש האָט געהאַט די פליכט צו אַליאַרמירן אין דער פּאָליציי, פון וואַנען עס איז

אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער גיך אַ שוטר, און ער האָט דאָס איינגע־שטילט די צעהיצטע געמיטער פוןביידע צעשלאָגענע יידן.

אין געריכט האָבן העגעך און דער צווייטער אָנגעקלאָגטער, וועמענס נאָמען ס׳איז געווען אריה, זיך געזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, קוקנדיק אויפן שופט, וועלכער האָט גענומען פירן דעם משפט. האָבן זיי גענומען און באַנייט די שנאה, וואָס זיי האָבן געטראָגן איינער אויפן צווייטן זינט דעם געשלעג.

דער שופט האָט ביידע באַשטראָפט מיט צוויי וואָכן אַרעסט על תנאי, פאַר אַרויסרופן אַ געשלעג אין גאַס.

ווען די ימען זאָלן זיין טינט

דאָס האָט פּאַסירט היי־יאָר שבועות, אויף דער ייִדישער שיף, וואָס איז געשווימען פון מאַרסעל קיין חיפה, מיט וועלכער עס זענען געפאָרן ייִדישע טוריסטן פון ביידע אַמעריקעס, ישראל־בירגער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון חוץ־לארץ, און צווישן זיי דער יורד נתן קופקע.

נתן קופקע, וועלכער האָט זיך פון ישראל געלאָזט פאָרן קיין דייטש־לאַנד אָפּצונעמען די שילומים, האָט נאָכן אַריינבאַקומען די אפּותיקא, די צען אלפים דייטשע מאַרק, גענומען לעבן אַ גוטן טאָג אין די רעסטאָראַ־נען, מיט די גוט־ברידערישע יונגעלייטלעך, און עס איז נישט אַוועק קיין חודש איז נתן קופקע געבליבן אָן אַ פּעניג אין דער קעשענע.

דעמאָלט האָבן די יונגעלייטלעך מיט די מיאוסע פאַרגאַנגענהייטן, אַריינגענומען נתנען אין זייער חברותא און זיי האָבן אים אויך אָנגענו־מען פאַר אַ שותף צו די טונקעלע געשעפטן און טאַקע ביים מאַכן אַזאַ טונקל געשעפט, איז נתן קופקע געוואָרן אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה, ווו ער איז געזעסן אַזוי לאַנג ביז די דייטשע מאַכט האָט אים אַרויסגעלאָזט בתנאי, ער זאָל ווי אַמשנעלסטן צוריקפאָרן פון וואַנען ער איז געקומען.

דרייט זיך נתן קופקע אַרום אויף דער גרויסער ייִדישער שיף, וואָס שניידט די בלויע וואַסערן פון מיטללענדישן ים און בשעת מעשה טוט נתן קופקע גאָרנישט קיין זאַך, אַחוץ דעם, וואָס ער עסט די טעגלעכע שיפס־מאָלצייטן און ליגט עובר בטל אויף דער ליגשטול אויפן אויבערשטן דעק, ווו מען כאַפּט פרישע ים־לופט.

מאַכט זיך אַ מעשה און נעבן דער ליגשטול, אויף וועלכער עס ליגט נתן קופקע, באַזעצט זיך דער טוריסט פון דרום־אַמעריקע, בשם שמואל קלייך, אַ ייד אַזעלכער, וועלכער קען זיך אויס אין די קליינע אותיות. והא

ראיה, דער ייד, וואָס איז אָנגעטאָן ווי אַן עכטער טוריסט, אין אַ העלן זיידענעם אָנצוג, מיט אַ שניי־ווייס העמד, מיט אַ שלייפעלע פאַרבונדן אַרום קאָלנער און מיט אַ לאָרנעטע צו קוקן אויף דעם ים־וווּנדער, נעמט אַרויס פון דער טיפער קעשענע אַ דין מחזורל פון שבועות און נעמט זאָגן „אקדמות״, מיט אַ קול פון מתיקות.

— ווען די וועלדער זאָלן זיין פענעס, און די ימען זאָלן זיין טינט, וואָלט מען אויך נישט געקענט באַשרייבן די וווּנדער פון באַשעפער.

דערהערט דאָס נתן קופקע, גיט ער אַ פרעג דעם טוריסט:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, איז היינט שבועות?

— וואָס דען האָט איר געמיינט?

— כ׳האָב געמיינט, אַז עס איז שוין נאָך שבועות.

— אַ ייד באַדאַרף צו וויסן ווען עס פאַלן אויס די יידישע יום־טובים.

— איר מיינט, אַז כ׳ווייס נישט?

— אויב איר ווייסט, טאָ צו וואָס פרעגט איר?

— איר ווייסט נישט, אַז מ׳פאָרט אונטערוועגנס פאַרגעסט מען אין די יום־טובים.

— פאַר וואָס פאַרגעס איך נישט?

— איר זענט אַוודאי אַ קענער.

האָט זיך דער טוריסט שמואל קליין געפילט געשמייכלט פון נתן קופקעס ווערטער און ער האָט דערפאַר געשלאָסן מיט אים אַ פריינדשאַפט־אָפּמאַך. און ווען די שיף האָט פאַראַנקערט אין חיפהער פאָרט און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך גענומען גרייטן אויסצושטייגן, האָט שמואל קליין אָוועקגענומען נתן קופקען אין אַ זייט.

— איר ווילט מיר טאָן אַ טובה?

— פאַר וואָס נישט?

— טאָ הערט זשע אויס וואָס איך וועל אייך דאָ זאָגן. איך, ווי איר קוקט מיך אָן, פאָר צום ערשטן מאָל קיין ישראל, ווו כ׳וועל זיין צו גאַסט ביי קרובים, און ווי עס פירט זיך ביי יידן, האָב איך מיטגעבראַכט אייניקע מתנות פאַר זיי, ווי: צוויי פאָטאָ־אַפּאַראַטן און טראַנזיסטאָרס און אַזוי פיל עלעקטרישע ראַזיר־מכשירים און צוויי גאָלדענע האַנט־זייגערלעך,

און דאָס אַלץ, וואָס איר זעט וועל איך צעטײלן און אײך געבן אַ העלפט, האָט איר פאַרשטאַנען?

— איך פאַרשטײ זיך אױפן ווונק.

— אױב מען וועט אײך פרעגן אין צאָל־אַמט אױף די דאָזיקע זאַכן, זאָלט איר זאָגן, אַז זײ זענען אײערע.

— אַזױ וועל איך זאָגן.

— און אַז מיר וועלן שױן האָבן איבערגעקומען דעם מכס, זאָלט איר מיר פאַרזיכטיק צוריקקערן די זאַכן.

— זײט זיכער!

און נתן קופקע, װי נאָר ער איז איבערגעקומען דעם מכס און האָט זיך אָנגעהױבן דערװײטערן פון פּאָרט, אַזױ האָט ער גלײך גענומען שטעלן פיס און איז נעלם געװאָרן אין די גאַסן פון חיפה און פון די אױגן פון טוריסט שמואל קלײן.

און נתן קופקען װאָלט געװען אָפּגעגליקט די גנבישע קונץ, װען עס װאָלט זיך אים נישט געװען פאַרגלוסט צו קומען קײן תל־אביב און זיך באַװײַזן אױף דער הױפּטגאַס אלנבי, װו עס האָט אים פּלוצלינג באַגעגנט דער טוריסט שמואל קלײן. ראשית, האָט ער נתנען אָנגעכאַפּט בײם קאַרק, און אָנגעהױבן שרײען און געװאַלדעװען:

— ייִדן, ברענגט אַ פּאָליציאַנט און העלפט מיר האַלטן דעם געכאַפּטן גנב!

און ייִדן האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָבן אַליאַרמירט נאָך אַ פּאָליציאַנט און האָבן נתנען געהאַלטן אַזױ לאַנג, ביז דער פּאָלי־ציאַנט האָט אים גענומען און אָפּגעפירט אין דער פּאָליצײ.

נתן קופקע האָט אַרײנגעכאַפּט אַ חודש תפיסה פאַר צונעמען פרעמד אײגנטום.

מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל

צווי יונגעלייטלעך האָבן געוואָרפן זייערע אויגן אויף דער שיינער נחמה, דאָס מיידל פון דער מעברה ביי תל־אביב, וואָס איז ביום מן הימים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיכון מיט ניי־געבויטע מאָדערנע הייזער. געהייסן האָבן די יונגעלייטלעך מיכאל און גבריאל,ביידע מעכאַניקער פון פאַך, וועלכע האָבן דער שיינער נחמה געשוווירן ליבע ביזן טויט אַריין.

דער ערשטער, וואָס האָט דעם מיידל פאַרגעלייגט צו גיין אונטער דער חופה איז געווען מיכאל און מיט אים טאַקע האָט זי אין אַ מזלדיקער שעה חתונה געהאַט און אים געבראַכט אַ טאָכטער אויף דער וועלט.

וואָלט אַלץ געווען געגאַנגען כשורה, ווען נישט דאָס, וואָס גבריאל האָט אַזוי לייכט נישט געוואָלט רעזיגנירן פון זיין ליבע צום יונגן ווייבל, ביי וועמען ער איז געוואָרן אַ בן־בית. נאָך מער, אַ וואָרער הויז־פריינד, וואָס האָט מיט זיך אויפפירונג נישט ווייניק עגמת־נפש פאַרשאַפט דעם מאַן.

דאָס איז געווען אין איינעם אַן אָוונט, ווען מאַן, ווייב און געליבטער האָבן זיך געפונען אין איינעם אין דער שטוב, ווו עס האָט זיך אָפּגעשפילט ליבע און פאַרראַט.

די שיינע נחמה איז דעמאָלט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געליבטער, גע־לעגן אויף דער ברייטער וויטער סאָפע, האָבנדיק זיצן ביי איר רעכטער זייט דעם מאַן מיכאל און ביי דער לינקער זייט דעם געליבטן גבריאל.

מיט אַ מאָל איז מיכאל אויפגעשפרונגען פון אָרט, גלייך ווי עס וואָלט אים געביסן אַ שלאַנג.

— גענוג געזעסן מיט דיר אונטער איין דאַך — האָט ער אויסגערופן בייז און איז אַנטלאָפן פון שטוב מיט דער דעה מער זיך נישט אומצו־קערן.

מיכאל האָט זיך אָבער יאָ אומגעקערט אין זיין שטוב נאָך אַ צייט, און נאָך דעם ווי עס האָט אים אָנגעכאַפּט דער גרויסער חשק צו זען זיין קליין טעכטערל.

אָנגעקומען אויפן אָרט, איז ער גלייך איינגעהאַלטן געוואָרן פון ווייב און פון איר געליבטן גבריאל.

— וואָס ווילסטו?

— כ׳וויל זען מיין קינד.

— דיין קינד וועסטו קאָנען זען נאָר דעמאָלט ווען דו וועסט באַצאָלן מזונות.

— כ׳וועל נישט צאָלן קיין מזונות צו אַזאַ ווייב.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און שוין איז אויסגעבראָכן אַ בלוטיק געשלעג צווישן מיכאל און גבריאל, וועלכע זענען זיך באַפאַלן ווי צוויי דם־שונאים און זיך געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז עס איז אויפן אָרט אָנגעקומען די פּאָליציי און קעגן זיי צונויפגעשטעלט אַ ראַפּאָרט, פון וואָס עס איז אַרויסגעקומען אַ משפט.

אויפן משפט, וואָס איז פאָרגעקומען אין בית משפט השלום, האָט דער געריכט־שומר (דער שוטר בלע״ז, וועלכער היט די אָרדענונג), גענומען און אַוועקגעזעצט אַלע דריי באַשולדיקטע אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. און היוצא לנו מזה, איז אויסגעקומען אַזוי ווי אין פּסוק שטייט — מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל.

און דער שופט, אויסהערנדיק די גאַנצע געשיכטע פון ליבע און פאַרראַט, האָט איידער ער האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין געפּרוווט אויסמוסרן די באַשולדיקטע, וועלכע זענען, ווי געזאָגט, ווערט שמיץ.

דעם שיינעם ווייבל נחמה מיט איר וואַזשנעם געליבטן גבריאל, האָט דער שופט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז אַ בושה און אַ חרפה אַזאַ אויפפירונג, וואָס האָט דערפירט צו דער צעשטערונג פון אַ פאַמיליע־לעבן און וואָס קען דערברענגען צום ערגסטן.

און צו מיכאלן האָט דער שופט געזאָגט: אַז עס איז פון זיין זייט אַ חוב צו באַצאָלן מזונות דעם ווייב, וועלכע האַלט אויס זיין אייגן קינד. טראָץ דעם איז געגאַנגען דער שופט און האָט נאָך אַ ישוב־הדעת געפּסקנט

אַ פסק, אַז אַלע דריי ווערן באַשטראָפט מיט צוויי וואָכן אַרעסט על תנאי, פאַר גורם זיין געשלעגן און דערצו נאָך זענען די באַשטראָפטע מחויב צו באַצאָלן קנס צו 50 ל״י יעדער, ווי אויך צו באַצאָלן געריכט־הוצאות.

נאָכן אויסהערן דעם פסק־דין האָבן די באַשטראָפטע אַוועקגעאיילט פון בית המשפט, אויסמיידנדיק צו קוקן איינער אויפן אַנדערן און היטנדיק זיך נישט צו פאַרטשעפּען איינער דעם אַנדערן, וואָס פון דעם קען נאָך אַרויסקומען אַ פריש געשלעג און אַ פרישער משפט.

אויפן גלייכן וועג

אויף שימעלע קליין איז געזאָגט געוואָרן דאָס ווערטל: געגאַנגען אויפן גלייכן וועג און צעבראָכן אַ פוס.

ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט איז באַוווּסט געוואָרן אויפן משפט הנ״ל, וואָס איז ערשט נישט לאַנג פאָרגעקומען אין בית משפט השלום אין תל־אביב.

שימעלע קליין, וועלכער איז פּאַקטיש געווען אַ קליינער פון דער נאַטור און לעבט כל ימיו פון איינבינדעריי, איז נאָך, פאַר קיין מאַנצפּאַר־שוין נישט געדאַכט, אַ בחור, מיט אַ שפּאַר ביסל יאָרן אויפן קאַרק.

איך מאָל ביי נאַכט, ווען ער איז זיך אַזוי געגאַנגען איבער דער תל־אביבער גאַס, האָט אים פאַרטשעפּעט אַ גאַסן־מויד.

— קום מיט מיר — האָט זי אים איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער, — וועסטו וויסן פון אַ לעבן...

שימעלע קליין, וואָס איז געווען אויסגעהונגערט נאָך ליבע, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מויד. — און שוין האָט זיך אין אים צעשפּילט די תאווה. כאָר אים איז געשטאַנען יענע אויסגעפּוצטע „חתיכה", מיט אַ יצר־הרע־פעפערל אויף דער לינקער באַק, און מיט אַ פּאָר פאַרכישופנ־דיקע אויגן אונטער די שוואַרץ־געפאַרבעטע ווייעס, וואָס האָבן צווויידייטיק געווונקען צו שימעלען און אים אַריינגעצויגן אין דער נעץ.

שימעלע קליין האָט זיך געלאָזט נאָך דער גאַסן־מויד, וועלכע האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט אים אַהין אין יענע געסלעך אַריין, וואָס ליגן בשכנות מיט שכונת התקוה.

און שוין האָט זיך שימעלע געפונען אין אַ קליין שטיבל, וואָס איז געווען טונקל באַלויכטן און ווו אויפן שמאָלן בעטל מיט דער פאַרביקער דעק איז זיך געלעגן דעם מוידס „חתן" און געררייכערט אַ סיגאַרעט.

דערזעענדיק דעם פארשוין מיט די שווארצע באקנבערד און מיט די פייערדיקע גניבישע אויגן, וואס האבן קיין גוטס נישט אנגעזאגט, האט שימעלע חרטה באקומען אויפן עסק, און ער האט גענומען זיך צוריקציען אויפן גלייכן וועג.

שימעלע קליין האט זיך געלאזט גיין צו דער טיר און זי נישט באוויזן צו עפענען — ווארעם באותו רגע איז אויסגעוואקסן דער „חתן".

— פעטערל, נישט געאיילט, א ביסל וויניקער געגאנגען...

באלד איז אונטערגעקומען די גאסן־מויד מיט א טענה צו שימעלען:

— שוין זאלסטו מיר באצאלן פאר דער צייט וואס איך האב היזק געהאט.

דער „חתן" האט זיך אנגערוקט אויף שימעלען.

— באצאלסט, צי נישט?!

בלית ברירה האט שימעלע אויסגעליידיקט אויפן טיש דאס גאנצע געלט, וואס ער האט געהאט אין טייסטער און ווי א געיאגטער פון בייזע רוחות, איז ער ארויס פון טונקל באלויכטענעם שטיבל, לויפנדיק אין איין אטעם איבער די פארחושכטע געסלעך ווי א בלינד פערד גלייך אין אן אפענעם גרוב אריין, צברעכנדיק דערביי דעם רעכטן פוס.

מיט גרויס מי האט זיך שימעלע דערשלעפט צו דער גיכער הילף־סטאציע, ווו ער האט באקומען די ערשטע הילף, פון וואס עס איז אים א ביסל לייכטער געווארן.

און אז עס איז אים נאר בעסער געווארן אויפן קראנקן פוס, איז ער אוועק אין דער פאליציי און געמאלדן פון דער בייזער פאסירונג, וואס ער האט געהאט.

טראץ דער פארשפעטיקטער אנקלאגע, האבן די פאליציי־לייט זיך גענעבן א נעם צו דער ארבעט. עס איז נישט אוועק קיין וואך צייט, ווי די בלאטע פארשוינטע איז געווארן איינגעזעצט און אויסגעפארשט.

אויפן משפט, וואס איז קעגן איר פארפירט געווארן, האט די פאר־שוינטע, וועמענס נאמען איז געווען יענטל, זיך געמאכט כלא ידע, בעת דער שופט האט זי א פרעג געטאן אויפן נעלם געווארענעם „חתן".

— ווער מיר „חתן", וואָס מיר „חתן", איך האָב אַזעלכן קיין מאָל נישט געהאַט.

אויף דער פראַגע פון פּאָליציי־מאַנער, צי זי דערקענט דעם געליטענעם שימעלע, האָט זי אָפּגעענטפערט:

— איך הייב אים נישט אָן צו קענען.

פון דעסטוועגן האָט דער שופט, שטיצנדיק זיך אויף די פריערדיקע באַגאַנגענע חטאים פון דער באַשולדיקטער, גענומען און זי באַשטראָפט צו זיצן דריי חדשים אין תפיסה, ווו זי וועט צייט האָבן צו טראַכטן און אויסצודריקן חרטה אויף די אָפּגעטוענע מעשים טובים.

נאָכן אַרויסטראָגן דעם דאָזיקן פּסק־דין, איז שימעלע קליין אַרויס פון בית־משפט אונטערהינקענדיק אויפן רעכטן פוס.

זיי האָבן געמאַכט פון שניי גאָמולקעס

אין איינעם אַ טאָג, האָבן זיך די צוויי געוועזענע וועלט־בירגער, פּייוול קאַמאַשניק און אהרן געלערנטער, אַזוי זיך צופעליק באַגעגנט אויף דער קליינער תּל־אביבער בערזע, וואָס ליגט לעבן דער הויפּט־פּאָסט און זיך צערעדט וועגן תּכלית. שווער מיט פּרנסה, האַ — האָט אהרן געלערנטער אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך. ווי געוויינטלעך האָט פּייוול קאַמאַשניק אָפּגעענטפערט מיט אַ שאלה: זאָגט מיר נאַר, ר׳ ייִד, פון וואַנען ווייסט איר דאָס, אַז מיט פּרנסה איז ביי מיר נישט אַזוי איי, איי, איי? פון וואַנען איך ווייס — האָט אונטערגעשמייכלט אהרן געלערנטער — כ׳לייען דאָך אַלץ אַראָפּ פון אייער פאַרזאָרגט און צעקנייטשט פּנים.

— איר זענט ממש אַ טרעפער — האָט פּייוול קאַמאַשניק אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ.

— זיפצט נישט, ר׳ ייִד, עס וועט זיין גוט — האָט אים אהרן געלערנטער שוין פאַמיליאַריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע...

אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך ביידע, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע, געלאָזט גיין איבער דער אַלענבי־גאַס.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט די פּאָליציי, אויפן סמך פון צענדליקער אָנקלאַגעס, וואָס זענען אַריינגעפלאָסן פון תּל־אביבער בירגער, אָנגעהויבן זוכן צוויי אַפעריסטן, וואָס פאַרקויפן צעמאַלענעם ברויט און פאַרדאַרטע טשאַלנט־שיריים אַלס מרק־עוף אין פיין־געפּאַקטע פּאַפּירזעקלעך. לסוף האָט די פּאָליציי געפּאַקט אויף דער הייסער מינוט די צוויי געוועזענע וועלט־בירגער, פּייוול קאַמאַשניק און אהרן געלערנטער, מיט פולע האַנט־טאַשן פון דער דאָזיקער „סחורה״.

ווען דער פּאָליציי־אויספאָרשער האָט זיי בלויז אויס נייגער אַ פרעג געטאָן ווי אַזוי זיי האָבן דערשנאַפּט די קונציק־נאָכגעמאַכטע אַמעריקאַנער

פּאַפּיר־זעקעלעך, האָט זיך אהרן געלערנטער מיט שטאָלץ אָנגענומען פאַר זיינע באָקעס און אַ זאָג־געטאָן דעם אויספאַרשער כהאי־לישנא:

— נישט אומזיסט הייס איך אהרן געלערנטער.

און ווען נאָכן אויסלייענען דעם פּסק־דין דורכן פרידנס־ריכטער, וואָס האָט זיי ביידע פאַרמשפּט אויף געלט־שטראָפן, ווי אויך אַ ביסל אונטערזיצן אין חד־גדיא, האָט זיך פּיוול קאַמאַשניק ביים אויסהערן דעם אורטייל שווער געזעצט מיט אַ זיפץ אויף דער באַנק, האָט אים אהרן געלערנטער אַ שמייכלדיקער געטרייסט:

— פּיוול! נישט געזאָרגט, עס וועט זיין גוט!

„יהיה טוב״

יהיה טוב — עס וועט נאָך אַמאָל גוט זיין אויף דער וועלט. אויב נישט, וועט זיין גוט אויף יענער וועלט. אַז מען לעבט דערלעבט מען. אָן צרות, און אָן דאגות האָט דאָס לעבן נישט קיין טעם — אַזוי זאָגן די תל־אביבער איינוווינער, וואָס זענען גרויסע פקחים, חכמים שאין כמוהם.

יהיה טוב, אין זיבעציק יאָר אַרום, ווען אַלע היינטיקע מקוננים, וואָס באַקלאָגן דאָס ביטערע מזל וועלן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, וועלן עסן דעם שור הבור, מיטן לויתן, מיטן יין המשומר און וועלן לאַכן פון דער וועלט.

יהיה טוב, עס וועט זיין גוט, עס וועלן קיין מאָל קיין צרות נישט פעלן, אויף דערויף איז מען אַ מענטש, מען זאָל ליידן, אויף דערויף פרעגט מען מאין באת, ולאן אתה הולך — ווען עס זאָל יעדן זיין גוט, וואָלט מען אין גאָלד געגאַנגען.

שמעו נא, רבותי, הערט אויס, יידן, וואָס עס האָט געטראָפן מיט חיים שמואל פון דער מעברה ביי תל־אביב, לעולם, דאָס הייסט, אַז פאַרמעל איז ביי תל־אביב נישט בנמצא קיין מעברות — אלא מה, אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים, האָט זיך אַזוי אויסגעפירט, און מען האָט אויפגעשטעלט הינטערן תל־אביבער דאָרף פון די עשרת השבטים, אין סלמה, אַ מעברה מיט הילצערנע הייזקעס, און מען האָט דאָרט אַריינגעזעצט די סאַמע קבצנים שבקבצנים, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג געקבצנט אין די אמתע מעברות אין פרדס חנה, עתלית, שער עליה און אין אַלע מעברות שבמדינה.

חיים שמואל מיטן ווייב חיה שרה, האָבן זיך מיט נסים ונפלאות אַרויס־באַקומען פון דער מעברה פרדס חנה און זענען אַריבער וווינען אין דער מעברה קיין סלמה. ווען דאָס פאַרפאַלק האָט נאָר אַריינגעשטעלט די פיס אין דער נייער דירה, איז זיי פינצטער געוואָרן די וועלט — די נייע דירה איז געווען מלא שרצים, אינזעקטן און דער בית שימוש, אַ רשות הרבים,

האָט געשטעקט הינטער דער טיר און די ריחות זענען געפלאָסן דעם פּאָרפּאָלק גלייך אין דער נאָז אַריין.

האָט חיים שמואל זיך שטאַרק מצטער געווען און געלאָפן צו די ראשי הקהל, סוכנות־לייט, שטאָט־לייט און סתם לייט. חיים שמואל האָט אויפגעהויבן א ויצעקו, אַז ער קען נישט וווינען אין דער הייזקע, וואָס איז ערגער ווי אַ שטאַל. אַז ער וועט דאָרטן אויסגיין און אַ האָן וועט נישט קיין קריי טאָן. הקיצור, חיים שמואל האָט געוואָלדעוועט און די קהל־לייט האָבן אים צו ערשט מיט גוטן געטרייסט: יהיה טוב, האָבן זיי געזאָגט, מיט גוטן, און אים צום סוף משלח געווען מיט בייזן.

— נחמו, נחמו עמי — חיים שמואל האָט זיך געלאָזט טרייסטן. חיה שרה דאָס געטרייע ווייב, וואָס איז אים בשעת דער ביטערער מלחמה נאָכגעגאַנגען פּוס־טריט בכל אשר יפנה — פון פּוילן קיין גאַליציע, פון גאַליציע קיין סיביר צו די ווייסע בערן, פון די ווייסע בערן צוריק קיין פּוילן, קיין עסטרייך, קיין דייטשלאַנד, קיין פראַנקרייך, קיין ארץ־ישראל, האָט אָנגעהויבן האָדעווען עופות פאַר דער טיר.

חיה שרה האָט געהאָדעוועט הינער און הענער, קאַטשקעס און גענדז, און קאַלקוטסקע הענער. אַלע עופות האָט חיה שרה אויסגעפּאַרקויפט צו די היינטיקע אויפגעקומענע באַלעבאָסטעס. די קאַלקוטסקע הענער האָט חיה שרה געפּאַשעט און זיי געהאַלטן ווי אַן אבן טוב אויף פּסח, בכדי די נייע באַלעבאָסטעס זאָלן אָפּלעקן אַ פעט ביינדל און חיה שרה אַ פאַרדינסטל.

ויהי — איז געווען אַ מעשה, און טיר ביי טיר מיטן פּאָרפּאָלק חיים שמואל און חיה שרה האָט געוווינט אַ קבצן נומער צוויי, ושמו ניסן — האָט ניסן וואָס איז, לויט פאַר קיין שום יידן געדאַכט געווען אַן אַלמן, פאַרמאָגט אַ געראָטן טעכטערל, מיטן נאָמען הינדע. הינדע איז אַלט געווען 18 יאָר און האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן. היות חיים שמואל האָט פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, האָט ער, זיך איינגעשאַפּט אַ לייכטע פּרנסה דערנעבן, ער איז געוואָרן אַ שדכן און האָט אויף ניסנס בקשה אָנגעהויבן שדכנען הינדען אַ שידוך.

בינו לבינו, האָט זיך אין הינדען פאַרליבט אַ דריטער קבצן פון דער זעלבער מעברה, אַ יונג פון הינטער די הרי־חושך פאַר וועמען די גאַנצע

הילצערנע שכונה מיט איינוווינער האָט געציטערט. דער אַפריקאַנער יונג איז נישט געווען קיין איבערקלייבער, דאָס הייסט, ער האָט גענומען וואָס עס לאָזט זיך, און דערפאַר געקרענקט אין קיטשע אַ גאַנצן ווינטער.

דער יונג האָט איינגעלייגט וועלטן. ער האָט הינדען דערקלערט אייביקע ליבע. ער האָט איר געמאָלדן, אַז ער איז איר חתן און זי איז זיין כלה.

נאָך דער דאָזיקער מעלדונג האָט די שכונה מיט אירע איינוווינער געווונטשן ניסנען מזל־טוב און ניסן איז אויף שנעל אַוועק צו חיים שמואלן: דערבאַרעם זיך, חיים שמואל — האָט ניסן געקלאָגט — פאַרשדכן מיר דאָס מיידל מיט עפּעס אַ לייטישן בחור, אַ נישט איז זי און איך פאַרלוירן. האָט חיים שמואל געטאָן אַ פאַרקאַטשע די פּאָלעס פון רעקל, געטאָן אַ לויף אַהין און אַהער און געברענגט פאַר הינדען אַ חתן, אַ בחור אַ מויערער, וואָס האָט געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל, אַ פּיאַסטער צו אַ פּיאַסטער.

דער חתן־בחור איז געקומען אין דער שכונה אַריין אַן אויסגעפּוצטער אין נייער כאַקי־הלבשה און ווי נאָר ער האָט אָנגעקוקט הינדען, איז ער גלייך פאַרליבט געוואָרן אין איר ביז איבער די אויערן.

העיקר, חיים שמואל און חיה שרה און ניסן און נאָך יידן און יידענעס פון דער שכונה, האָבן זיך אַ נעם געטאָן און הינדע איז געוואָרן מיט מזל אַ כלה צום חתן־בחור דעם מויערער, וואָס האָט געהייסן יאַנקל. בשעת מעשה האָט ניסן ווי עס פּאַסט פאַר אַ מחותן, געמאַכט אַ וואָרט און געשטעלט בראַנפן מיט קיכלעך. ויאכלו וישתו, אין מיטן עסן די קיכלעך און טרינקען דעם בראַנפן איז חיה שרה געקומען צו לויפן אויף דער שמחה מיט אַ געוואַלד, אַז מען האָט איר נאָר וואָס צוגעגנבעט די עופות, וועלכע זי האָט געפּאַשעט אַ גאַנץ יאָר אויף פּסח.

חיים שמואל, וואָס האָט זיך געקליבן נעמען שדכנות־געלט, איז הענדום־פּענדום אַוועק אין דער פּאָליציי אַריין. די פּאָליציי איז געקומען און געמאַכט אַ רעוויזיע אין דער שכונה און מעשה פּלא געפונען די שיריים, די קעפּלעך מיט די פּיסלעך פון די הינער ביים אַפריקאַנער יינג אויפן הויפל.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט די געשיכטע. און אַזוי איז בימים האלה פֿאָרגעקומען דער משפּט אין בית משפּט השלום איבערן יונג פֿון אַפֿריקע.

דער משפּט איז פֿאָרגעקומען שנעל, וואָרום דער יונג פֿון אַפֿריקע איז געווען מפֿורסם ביי דער מאַכט ווי אַ עבריין, און איז אין געריכט־אַרכיוו געווען פֿאַרטרעטן מיט אַ תיק. דער ריכטער האָט געבלעטערט דעם דאָזיקן תיק, האָט איבערגעלייענט אַלע חטאים וואָס דער יונג איז באַגאַנגען, און געפּסקנט חד־גדיא. דער יונג זאָל אַ ביסל זיצן אין קרימינאַל און זיך מענטשלען.

נאָכן משפּט, האָט חיים שמואל אַ זאָג געטאָן צו זיין פּלוניתטע:

— חיה שרה, זאָרג זיך נישט. יהיה טוב, ועסט ווייטער פּאַשען אינדיקעס אויף פּסח, און מען וועט זיי דיר ווייטער אַוועקלקחנען — חיים שמואל האָט זיך צוגעבויגן נענטער צום ווייב און איר איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער: — ווייסט, חיה שרה, דאָס האָט ער, דער יונג, צו להכעיס אונדז, אָפּגעטאָן אַ גנבֿיש שפּיצל, פּאַר שדכנען הינדען דעם חתן־בחור יאַנקל.

ויצא יאנקל מבאר־שבע

יאַנקל גייער, אַן עולה פון דער לעצטער עליה, אַ געשוווירענער אזרח, האָט לשם פרנסה פאַרלאָזט די שושן הבירה און אַוועק קיין באר־שבע מאַכן גאָלדענע גליקן.

יאַנקל האָט איינגעהאַנדלט אין באר־שבע אַ טרקלין פון אברהם אבינוס צייטן. אויפן חדר איז געלעגן אַ מענג. אויפן מענג האָט זיך געשלענגלט אַ רינע און דער גשם אין די בימי הגשמים, איז אַריינגערונען אין אַ באַליע.

אין אַ הייס־הייסן טאָג, ווען דער מדבר אַרום באר־שבע האָט געגליט ווי אין אַ קאַלכאויוון, און אַ חמימה אין לשער ואין לספר האָט געהויערט אין דער גאַנצער סביבה אַרום, האָט יאַנקל דערזען זיין צוקונפטיקן גליק אין געשטאַלט פון אַ מיידל, אַ יפת־תואר, אַ ברוינע, ווי צעריבענע קאַווע און אַ שלאַנקע ווי אַ ציפרעס. די יפת־תואר האָט בשכנות פונקט געוואַשן וועש און געקייט אַ פאַלאַפעל. יאנקל האָט זי דערזעענדיק, שיער נישט אוועק־געחלשט פון מתיקותדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געגעבן אַ פלי־אַן אין קאָפּ אַריין און, היות יאַנקל איז יענער ווילער יאַט, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און געגעבן אַ שפרונג אַריבער דאָס שטיינערנע פלויטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט ביידע נחלות און, ווי אַ מאָל יעקב אבינו, האָט איצט יאַנקל אָנגעהויבן אַ ראָמאַן מיט דער יפת־תואר, וואָס האָט — פלאי־פלאים — טאַקע געהייסן רחל.

און ויהי, עס איז געווען שבת נאָכן קוגל, ווען אַלע איינוווינער פון באר־שבע, קינד און קייט זענען אַרויס אויף דער העצמאות־גאַס שפּאַצירן און טרייבן רכילות, זענען יאַנקל און רחל אויך אַרויס דאָס ערשטע מאָל שפּאַצירן און גלייך איז די שטאָט באר־שבע געגאַנגען כאַדאַראַם אויף רעדלעך — יאַנקלס „פשיאַטשעלעס", ווייסע חברהניקעס פון איין זייט

און רחלס לאַנדסלײט, אַזעלכע ברוינע װי זי, האָבן דעם פּאָרל גראַטולירט און בײַ נאַכט האָבן יאַנקל און רחל געטאַנצט אין רעסטאָראַן „אשל״ סאמבאַ מיט טאַנגאַ, געשװוּמען אויף גלאַטן שטײנערנעם פּאַרקעט אין צװישן אַ מאַסע טענצער און טענצערינס.

באחרית הימים, װען יאַנקל און רחל האָבן שוין געגעסן זיך פון די פּיסקלעך אַרויס און געהאַט בדעה זיך צו פאַראײניקן אין אַן אײביקן בונד, האָט פּונקט דעמאָלט, מעשה שטן, זיך אַנגערוקט אַ מקטרג, אַ יונג אַ ברען. געהײסן האָט ער מיטן נאָמען זשאַקי באַרצעלאָנאַ און רחל האָט דערזעענדיק אים, גלײך פאַרגעסן אין יאַנקלען.

איז װײַטער די שטאָט באר־שבע געגאַנגען כּאָדאָראָם — זשאַקי באַרצעלאָנאַ און רחל האָבן געאָרעמט און פאַרפּלאָכטן זיך באַװיזן אויף דער העצמאות־גאַס. אַלע „פּשיאַטשעלעס״ ידידים, האָבן דערזען רחלען מיטן נײעם אַמאַנט זיך קושן בפרהסיה און יאַנקל איז אויסגערונען געװאָרן װי אין װאַסער אַרײַן.

ויצא יאַנקל מבאר־שבע, פאַר גרויס צרות איז יאַנקל אַװעק פון באר־שבע קיין תל־אביב, װוּ ער האָט אַ פאַרביטערטער, אַן אַנטוישטער געשפּרײזט איבער די תל־אביבער גאַסן און געװוען אויף געהאַקטע צרות.

אײן מאָל אין אַ טאָג אַזעלכן, גײט יאַנקל אין תל־אביב און באַגעגנט רחלען אַן אויסגעפּוצטע אין עסיק און האָניק — אַקוראַט, װי יענטע צום גט.

יאַנקל האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פון חידוש.

— רחל — האָט יאַנקל אַ געשרײ געטאָן — מה נשמע, איך החיים?

— אצלי הכל בסדר — האָט רחל כיטרע געשמײכלט און גלײך כהרף־עין איז אַנגעלאָפן זשאַקי באַרצעלאָנאַ.

— מה יש — האָט ער אַ ריטשע געטאָן.

— שום דבר — האָט רחל געפּרוּװט פאַרגלעטן איר באַגעגעניש מיט יאַנקלען — זה ידיד װתיק — האָט זי יאַנקלען פאָרגעשטעלט — װזה הבחור שלי — האָט זי אָנגעװיזן אויף זשאַקי...

בײדע האָבן זיך אָנגעקוקט װי צרײַצטע הענער. בײַ בײדע האָט אויפגעזאָטן דאָס בלוט.

— נלך, רחל — האָט זשאַקי אָנגענומען רחלען ביי אַ האַנט און געשלעפּט אַוועקצוגיין.

רחל האָט זיך געקווענקלט. עפּעס האָט זי זיך געשעמט סתם אַזוי אַוועקגיין פון אַן אַלטן באַקאַנטן.

דעמאָלט איז זשאַקי אַריין אין אַ רוגזה. האָט אַ געשריי געטאָן, אַז אַלע דורכגייער האָבן זיך אַזש אָפּגעשטעלט פון נייגער.

— הסתלק או אני ארביץ.

— למי תרביץ? — האָט יאַנקל אַן אויפגערייצטער געזאָגט מיט כעס אין דער שטימע.

— לך — האָט זשאַקי אויפגעהויבן אַ פויסט און פאַרפאָרן יאַנקלען אונטער די אויגן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געשלעג צווישן יאַנקלען און זשאַקין אויף דער תל־אביבער גאַס. ביידע האָבן זיך געקיפּט אין די זייטן אַריין, געפאַלן צו דער ערד, זיך געוואַלגערט און נישט אויפגעהערט זיך שלאָגן, ביז אַ שוטר איז אָנגעקומען, האָט ביידע צענומען און צונויפגעשטעלט אַ ראַפּאָרט.

דער ראַפּאָרט איז אַוועק אין דער פּאָליציי, פון דער פּאָליציי אין געריכט — פון ראַפּאָרט איז געוואָרן אַ געריכטס־אַקט און דער געריכטס־אַקט איז געקומען צום שופט אין בית משפט־שטיבל און דאָס דריילינג: יאַנקל, זשאַקי און רחל זענען געשטאַנען פאַרן גרינעם ריכטער־טיש.

די גאַנצע אויבנבאַשריבענע פּרשה איז צעקייט געוואָרן בפני דעם שופט, קטיגור און סניגור, די שוטרים האָבן געהיטן און דער שופט האָט ביידע געקנסט מיט געלט־שטראָפן אָדער מאסר על תנאי פאַר שטערן די עפנטלעכע רו אויף די תל־אביבער גאַסן.

די ווייבער פון „שלמה המלך"

שלמה איז לא עלינו אַ צדקה־אויפמאַנער, אַ גובה, מאָנט חודש־צדקה פאַר אַ ווילטעטיקן אַנשטאַלט, קאַסירט איין גראָשנס און האָט אַליין אַ גרויס קדחת.

אַ גאַנצן טאָג שפּרייזט שלמה גאַס איין, גאַס אויס, קלאַפּט אָן מיטן פינגער אין אַ שלל פון טירן, רייסט איין ווענטן, בעט רחמים ביי די צאָלער און עס העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס.

די צאָלער ווילן נישט צאָלן. די געבער ווילן נישט געבן. די טירן זענען אייביק געשלאָסן.

איז נישט קיין חידוש, אַז שלמה איז פון הולכן און ילכן געוואָרן רחמנא לצלן געבראָכן און טראָגט אַ גאָרסעט, ווי להבדיל, אַ גראָבע יידענע.

מאַכט זיך אַ מעשה און שלמה גייט אָוועק קלויבן צדקה, אויף דער שלמה המלך גאַס, אין צפון תל־אביב. גייט זיך שלמה שטוב־איין, שטוב־אויס, ווי צו־להכעיס איז אין דרויסן אַ כאַמסין אַ חמימה, אַז מען קאָן צעפּלאַצט ווערן. פון שלמהן רינען טייכן שוויס. ער פילט זיך ווי אַ נוטה למות. אָן אָפּגעשטאַנען פישל אין אַ טעפּל וואַסער.

פון דעסטוועגן שטייט ער נישט אָפּ שלמה און גייט. נישט ער גייט — פּשוט, ער שלעפּט קוים די נאָגאַוויצעס, פּרייכט, סאָפּעט און פאָכעט מיט דער נשמה.

קוקט שלמה אויף אַ טשעקאַוואָסט אין דער גאַס אַריין, זעט ער, אַז די גאַס איז כולו נשים וטף, ווייבער מיט הויזן, ווייבער מיט חלוקן, מיט קיישלעך — פון די קיישלעך שטאַרצן אַרויס סיפּאָנען מיט סאָדע־וואַסער, רויטע טאָמאַטן, אויסגעבאַקענע ברויטן, לאַנגע אויסגעפּאַרטיקטע לאָקשן, ציטרינען מיט פּאָמעראַנצן — און צאָן־קדשים, קונדסים, לאָבוסלעך טוען אַרומשפּרינגען און טאַנצן.

ווערט שלמה אַזש נתפעל פון ווידאָק, פאַלט אַריין אין אַ התלהבות, פאַרגעסט אין די צרות און גיט מיר־נישט דיר־נישט אַ קנופּ אין בעקל, אַ ווייסן חברהניק מיט בלאָנדע הערלעך, מיט קאַרשן־ליפּעלעך און מיט אַ פאַרראָצט נעזעלע. — אויף דערויף גיט זיך אַ פאַרקרים דער ווייסער חברהניק און טאַקט אָפּ שלמהן אַזאַ מין פסוק: „אדון, אתה חמור, אתה משוגע, אתה טעמבעל". דערהערט שלמה יונה, אַזאַ מענה־לשון פון אַ שניעק, טוט עס אים פאַרדריסן און ער גיט דערפאַר דעם קונדס אַ שנעל אין אויער. נעמט דער קונדס און מאַכט אַזאַ ויצעקו, אַז אַלע קונדסים פון אַלע הייזער, און אַלע נשים פון אַלע דירות, און אַפילו די הינטלעך מיט די קעצלעך, קומען צולויפן אין איין בהלה און אוי לאזנים! עס קומט אויך גלייך צו לויפן דער אבא פון געשנעלטן קונדס, אַ ייד אַ גברן, אַ באַוואַקסענער בער, אָנגעטאָן אין אַ בלויזער גופיה מיט הויזן און אין שטעק־לאַטשן און אין דער האַנט האַלט ער אַן אייזערנעם דראַנג, איז גרייט צו ממיתן אַ האַלבע וועלט.

העיקר, נאָכן אבא קומט מיט אַ יעלה צו לויפן די אמא פון קונדס, אַ יידענע, אין אַ לאַנגן חלוק מיט בלעכענע צוועגלעך־שטעקענישן אין די אָנגדולירטע האָר. ביידע, דער אבא און די אמא, באַפאַלן מיט רעש און אימפּעט שלמהן, וואָס שטייט ווי אַ ליימענער גולם אָן לשון, אין גאַנצן ווי אַ נעבעכדיקער, אַ דערשראָקענער אויף טויט. דער אָנגעלאָפענער אבא פאַרמעסט זיך מיטן אייזערנעם דראַנג: אדון, — צעריטשעט ער זיך אויף שלמהן ווי אַ בוהיי: „למה, פאַרוואָס האָט איר געשלאָגן מיין קינד?"

שלמה קורטשע זיך אַזש אין דרייען פאַרן כלי משחית, דעם אייזער־נעם דראַנג. מיט די לעצטע כוחות שטאַמלט ער קוים אַן ענטפער:

— אדוני, איך זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין צער, ווי איך האָב אייער קינד בלויז נאָר אַ שנעל געטאָן מחמת ליבשאַפט אין אויער אַריין.

דער געשנעלטער קונדס הערט נישט אויף צו יעלהן, קוויטשעט, ווי אַן אָפּגעבריטער, שלאָגט מיט די קינדערישע פויסטלעך דעם גוף פון דער אמא, וואָס פּרוווט אים איינשטילן. אַרום געשנעלטן קונדס שטייען אין אַ ראָד אַ שלל מיט קונדסים און קוקן מיט קינדערישער תמימות. אַרום

די קונדסים שטייען אַלע נייגעריקע אָנגעלאָפּענע ווייבער פון שלמה המלך־גאַס און פּלאַפּלען און גרעגערן ווי די קאַטשקעס. די ווייבער סודן זיך אין קופּקעס, קוקן זיך אָן צעשראָקענע, ווי אויף אַ סאַמעראָדנער לוויה. איינע פון די נשים, איז דער ראש המדברים, וואַרפט אָן אויף אַלעמען אַ פּחד. „קוקסט נאָר אָן דעם מאַנספּערשוין, זייטס וויסן אַז נישט אַנדערש, נאָר ער איז אַהער געקומען אויף דער שלמה המלך־גאַס אָפּצוטאָן אַ מעשה מגונה איבערן יינגל".

— אויף דער פרישמאַן־גאַס האָט זיך כמעט געטראָפן די זעלבע מעשה — באַמקעט אונטער אַ צווייטע יידענע, אָן אויסגעסטראַיעטע אין אַ פּאָר ברייטע שאַראַוואַרן, מיט אַ ניילאָן־פאַרטעך אויף די לענדן.

דערווייל האָט שוין דער צעיושעטער אבא פונעם געשנעלטן יינגל געהאַלטן פעסט שלמהן פאַרן רעקל און געלאָזט רופן פּאָליציי. שלמה האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט און אַ טריקעניש האָט אים געקיצלט אין גאָרגל. שלמה האָט זיך געפילט ווי אַ דיוועַרסאַנט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין שונאס לאַגער און געכאַפּט געוואָרן ביי דער עבירה. די גאַנצע גאַס ווייבער מיט די קונדסים בראש וועלן איצט אים איינשלינגען, און דער בעל־דבר, דער האַריקער פאַרשוין, וועט אים עוקר מן השורש זיין. דער דאַזיקער אבא מיטן אייזערנעם דראָנג קוקט אים, שלמהן, אָן מיט גזלנישע אויגן און ווער ווייסט צי דער גזלן וועט נישט אויפהויבן דעם דראָנג און מיט איין קלאַפּ אַ סוף מאַכן צו שלמהס געמוטשעט לעבן. מיט אַזעלכע מחשבותן אינעם צאַפּלדיקן האַרץ איז שלמה געשטאַנען ווי אין אַ פייער־בראַנד אין מיטן צערייצטן געזעמל און אַ תפילה געטאָן בלחש, אַז דער הכול יכול זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען און צושיקן די ישועה אויפן אָרט. און דער הכול יכול האָט זיך טאַקע צוגעהערט צו זיין תפילה און צוגעשיקט אַ שוטר, וואָס האָט אים אַ האַלב־טויטן, אָפּגעפירט אין פּאָליצייישן קאָמיסאַריאַט אַריין, ווו עס איז קעגן אים אָנגעשריבן געוואָרן אַ ראַפּאָרט.

פון ראַפּאָרט איז געוואָרן אַ משפּט, דער משפּט איז פאָרגעקומען בימינו אין משפּט השלום אשר בתל־אביב.

שלמה און דער אבי־הקונדס פון דער שלמה־המלך־גאַס, זענען דערשינען פאַרן ריכטער־טיש און ארויסגעלייגט זייערע טענות. דער אַבי־הקונדס האָט געשיט פעך און שוועבל אויף שלמהן — איך בין שוין, האָט ער געוואַלדעוועט, אַן אזרח מקדמונים, איך צאָל מסים, איך האָב בייגעשטייערט כך וכך צו דער מדינה און איך פאַרלאַנג פונעם שופט, ער זאָל דעם נידון אָנלערנען, מער נישט צו קומען אין די לייטישע גאַסן און שלאָגן די קינדער.

דער שופט האָט אַ קוק געטאָן אויף שלמהן, פאַר וועמען יעדער בשר ודם וואָלט געקענט שווערן, מעיד זיין, אַז ווער יאָ, נאָר נישט שלמה, וואָס קען נישט קיין פליג אויף דער וואַנט דערהרגענען, זאָל גיין שלאָגן אַ קינד. דער שופט האָט איינוועגס אַ קוק געטאָן אויפן צד שכנגד, אויפן בעל־דבר, דעם מקטרג, האָט דערזען אַ פאַרשוין, אַן ענק ממש, אַ באָקסער נאָר אויפן רינג אַרויפצושטעלן, און דער שופט האָט גלייך פאַרשטאַנען די גאַנצע פרשה מיט האַק און פאַק.

האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ווי מבין מנחה למעריב און דער שופט האָט צום גרויסן עגמת נפש פונעם בעל־דבר פון דער שלמה המלך־גאַס אַרויסגעטראָגן אַ משפט צדק. משמע דער נידון שלמה ווערט געקנסט אויף גאַנצע צען פונט פאַר גורם זיין אַ גאַסן־אָנגעלויף און שטערן די באַוועגונג.

שלמה איז ווי אַ בעל־שמחה אַרויס פונעם געריכט־זאַל און אַזש אונטערגעשפרונגען אַראָפּלאָזנדיק זיך פון די שטיגן. גלייך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז לא המתים יהללו יה, אַז נישט פאַר אים מיטן גאַרסעט אַרום די לענדן, איז חל צו שפרינגען, און שלמה האָט דערפאַר אָנגענומען דעם נאָרמאַלן גאַנג, דאָס הייסט, ער האָט זיך גענומען הוידען און שפּרייזן, ווי אויף אַלע שונאים געזאָגט.

לקונה עבדיו בדין...

למען האמת, כדי צו געבן אַ גענוי ריכטיק בילד פונעם סיפור המעשה, וועל איך אָנהייבן פון בראשית, דאָס הייסט, ווען די מלחמה פון ישראל מיט די אַראַבער האָט זיך פאַרענדיקט, ווען די מענטשן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט און עס איז צוריק געוואָרן, ווי אין פסוק שטייט — איש תחת גפנו, ואיש תחת תאנתו.

דעמאָלט האָט מוכאַמעד אַלי חוסייני פאַרלאָזט דאָס דאָרף קובעבע נעבן רחובות און זיך באַזעצט אין אַראַבישן פערטל אַדזשאַמי אין יפו. מוכאַמעד, וועלכער איז געווען אַן אַלטער בחור און אַנגעזאַמלט פיל געלט אויף איינצושאַפן זיך אַ האַרעם מיט ווייבער, האָט איצט אין פרידנס־צייט, איבערגעציילט דאָס געלט, האָט אַ העלפט באַהאַלטן אונטערן אויוון, אַ פערטל אויפן אויוון און פאַרן רעשט זיך געקויפט איין ווייב, אַ יפת־תואַר, מיטן נאָמען טאַמירה.

מוכאמעד אלי בן חוסייני האָט טאַמירה באַשלייערט מיט א שוואַרצן קאָפּ־דעק, האָט זי באַשיכט מיט באַגילדעטע סאַנדאַלן און האָט זי לויטן איסלאַם געהאַלטן אין אַ קילער נישע — אַ פאַרקראַטעט שטיבל מיט בילדער און העראָגליפן פון נביא מאַכאַמעד און זיין האַר אַללאַ.

מוכאַמעד אַלי בן חוסייני האָט געהיטן דאָס יונגע ווייבל, ווי דאָס אויג פון קאָפּ. האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט מפּתח־ביתו, מחוץ זיך בוקן מיטן פּנים געווענדעט צו מעקאַ.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן ווייב, האָט מוכאמעד אַלי בן חוסייני זיך גענומען צום האַנדל. ער האָט געהאַנדלט מיט רייז, מיט נאַרגילע־טאַבאַק, מיט פעפער און זיתים, מיט וואַטענע שמאַטעס און סתם חפצים. — פון אַלץ האָט מוכאמעד אלי געמאַכט געלט. האָט ער מיט אַללאַס הילף פאַרגרעסערט דעם קאַפּיטאַל און זיך איינגעקויפט קנעכט און דינסטן.

די קנעכט און די דינסטן זענען שוין געווען היינטיקע, האָבן נישט

געקניט און געבוקט, נאָר געלעגן אין די קינאָס און די באַרן, געוויכערט חשיש און געגעסן שאַשליק, חומוס, קאַבאַב און געוואָלט איינשלינגען דעם קאַרגן מוכאַמעד אלי, וואָס האָט פאַר זיי געזשאַלעוועט דעם ביסן פון מויל און האָט זיי איינגעשפּאַנט אין עבודת פרך.

די משרתים, וואָס האָבן אים געהאָלפן פאַרקויפן און קויפן, האָבן אים איין מאָל אויס קנאה אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. האָבן פשוט אַרויסגעגנבעט טאמירהן פון פאַרקראַטעטן שטיבל און זענען מיט איר אַוועק אין קינאָ שפּעטער אין אַ מסעדה — פאַר טאמירהן האָט זיך אין דאָזיקן שפּאַציר אויפגעעפנט אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון פרייען פאַרגעניגן, פון הימל און ערד, פון זון און שטערן, און אחרון־אחרון — פון ליבע און אַוואַנטורע, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל געזען אויף דער פילם־טאַשמע.

די קנעכט און דינסטן מיט דער יפת־תואר טאַמירה, זענען אַהיימגעקומען, ווען די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען — די הענער האָבן געקרייעט און מוכאַמעד אָלי בן חוסייני איז געשטאַנען מיט אַ ראַפּניק און געטשאַטעוועט. אַכמעד אַלי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס צעשראָקענע ווייבל, האָט זי, ווי די שכנים האָבן דערציילט, צוגעבונדן צו אַ שטיינערנעם זייל און געשמיסן אַזוי לאַנג, ביז ס'איז אַרויסגעשוווּמען פון וואָלקן די האַלבע לבנה — דעמאָלט איז געוואָרן אין אַראַבישן הויף אַ ויצעקו. דאָס צעשלאָגענע ווייבל האָט געחלשט, די קנעכט און דינסטן האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות און געבראַכט פּאָליציי.

די פּאָליציי האָט אויסגעפאָרשט דעם ענין און אים איבערגעגעבן כנהוג דער יוסטיץ. אַזוי אַרום האָט אַכמעד אַלי בן חוסייני באַקומען אַ געריכט־צעטל, ווי עס איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס אָנגעשריבן, אַז ער זאָל נישט פאַרזוימען און קומען פּינקטלעך אין משפט השלום, אַז נישט וועט מען אים פירן מיטן פּאָליציי־קעטשל.

ווען עס איז געקומען דער יום־הדין האָט מוכאַמעד אַלי בן חוסייני גענומען דאָס ברוגזע ווייבל מיט די קנעכט און דינסטן — די עדות, און ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן זיי אַוועקגעשפּרייזט צופוס אַזש ביז בוסטרוס, די גאַס פון טויזנט און איין צירונג — דאָס הייסט, אַ גאַס פון בלויז גאָלדשמידן, שניט־סוחרים און טויזנטער מציאות.

אַרויסגעקומען אויף בוסטרוס גאַס, האָט אלי אַרײַנגעפּירט זײַן ברוגז װײַבל צו אַ גאָלדשמיד און איר געקויפט אַ בראַסלעט פון זהב טהור. דערזען אַזאַ זאַך, האָט זיך דאָס ברוגזע װײַבל גלײך איבערגעבעטן מיטן שלעגערישן מאַן. מוכאַמעד אַלי האָט נישט געררוט. אחת־שתים האָט ער אַרײַנגעפירט די קנעכט און די דינסטן אין די געשעפטן אַרײַן און האָט זײ געקויפט מעשענע רינגען, גלאַנציקע רײפן, ריחות ניחוחות, סיצענע שטאָפן, פאַרביקע געוואַנטן, געבלימטע קלײדלעך, געפרעסטע הויזנס, מיט אײן וואָרט, מוכאַמעד אלי האָט די קנעכט מיט די דינסטן באַנײט און באַקלײדט, און זײ, דערזעענדיק דאָס, האָבן זיך גלײך איבער־געבעטן מיטן האַר און געטאָן לויבן אַללאַ פאַר זײַנע חסדים.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די קניות, האָט ערשט מוכאַמעד אלי אײַנ־געקויפט אַ שלל דינע אויסגעוועלגערטע פּיטעס, מיט װײַסן קעז און געלן קעז, מיט שוואַרצע זיתים און גרינע זיתים, האָט די כאַלאַסטרע זיך אַוועקגעזעצט אין אַ מזנון און אַלץ אויפגעגעסן און פאַ־טרונקען מיט סאָדע־וואַסער און ביר.

ערשט אַז עס האָט זיך פאַרענדיקט די אכילה ושתיה, איז דאָס איבערגעבעטענע געזינדל אַוועק אין בית משפט השלום אשר בתל־אביב.

אָנגעקומען אין בית משפט השלום האָט זיך די קאָמפּאַניע מיט מוכאַמעד אלי בראש געזעצט מיטן פּנים צום מזרח און געוואַרט אויפן משפט. זײ האָבן געוואַרט אויפן אָריענטאַלישן שטײגער, זיצנדיק ווי די טערקישע יאַניטשאַרן בשעתו, ענג געפרעסט, נישט געדברט, נאָר גע־רויכערט און זיך פאַרשטענדיקט מיטן נײג פון די ברעמען, מיטן שיקל פון אויג און מיטן באַוועג פון די ליפּן.

אַזוי וואַרטנדיק האָט זיך מיט אײן מאָל געעפנט דאָס געריכט־שטיבל און דער שמש האָט אַלעמען פאַרבעטן צום משפט.

די כאַלאַסטרע האָט זיך אויסגעזעצט אויף די בענק. דער ריכטער האָט זיך אויסגעגלײכט בײַם גרינעם טיש און דער משפט האָט זיך אָנגע־הויבן מיט אַ מתרגם, וואָס האָט פאַרטײַטשט דאָס תרגום־לשון אויף רש״י־לשון. די פּרשה מיט טאַמירה האָט זיך אויפגעוויקלט פאַרן ריכטער־טיש, דער איבערזעצער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, דאָס הײסט, דברן אויף

צווייי לשונות, און ווען דער ריכטער האָט, למשל, געפרעגט דעם עדות, די קנעכט מיט די דינסטן, אויב עס איז אמת, אַז מוכאַמעד אלי האָט מוראדיק צעשלאָגן דאָס ווייב, האָבן אַלע פּה־אחד אָפּגעענטפערט דורכן מתרגמן, אַז לא מיט אַן אלף, אַז מוכאַמעד אלי איז נישט קיין שלעגער, גיכער איז ער אַ צדיק.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט דער קטיגור, אַ שוטר, אַ ווייז געטאָן דעם צונויפגעשטעלטן ראַפּאָרט און אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, מיט דער דאַטע, מיט דער צייט, ווען מוכאַמעד אַלי האָט געשמיסן דאָס ווייב — האָט דעמאָלט דער ריכטער אַ פרעג געטאָן די בעל־דברטע, אַזוי און אַזוי, איז עס אמת, האָט די בעל־דברטע געענטפערט, אַז עס איז נישט אמת, אַז דער מאַן שלאָגט נישט קיינעם, און דעם ווייב — אַוודאי נישט.

האָט דאָס געריכט געזען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג מיטן געריכט־אַקט, און האָט געלאָזט רעדן דעם בעל־דבר, דעם באַשולדיקטן מוכאַמעד אַלי.

האָט מוכאַמעד אַלי איבערגעגעבן דורכן איבערזעצער, אַז דעמאָלט ביי נאַכט האָבן זיי זיך לפּנים געשמיסן, בכדי זיך צו לייטערן פון די זינד, בכדי זיך צו רייניקן פאַרן גרויסן אָנקומענדיקן ראַמאַדאַן.

דער ריכטער האָט געקנייטשט דעם שטערן. עס איז אים געווען חשוד די גאַנצע מעשה, און דער געריכט־אַקט האָט עפּעס נישט געשטימט. דער ריכטער האָט געטאָן אַ קלונג מיט גלעקל און אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין: כך וכך לירות צו באַצאָלן פאַר די געריכט־הוצאות, דערצו אַ קליינעם סכום געלט־קנס פאַר שטערן די עפנטלעכע רו ביי נאַכט אין אַדזשאַמי.

ווען אויפן הימל באַווייזט זיך אַ האַלבע לבנה

די דאָזיקע ראָמאַנטישע געשיכטע, וואָס ווערט דאָ באַשריבן, איז זיך פּאַרלאָפן אין יפוער קוואַרטאַל אַדזשאַמי, וואָס איז מערסטנטייל באַוווינט דורך אַראַבער.

דאָרטן, אין שמאָלן געסל מיט די הייזלעך פון ליים און ציגל, וווינט די יונגע פאַטימאַ מיט איר פאָטער אַבדול רחמן און מיט איר געליבטן חתן־בחור מוכאַמעד.

אַזוי ווי מוכאַמעד דער פאַרריכטער פון ראָווערן, וואָס לערנט זיך צו זיין אַ מעכאַניקער, האָט נישט צו באַצאָלן די דריי טויזנט פונט נדן („מאַהאַר") אַבדול רחמנען פאַר זיין טאָכטער פאַטימאַ, זיצט ער דערפאַר אין די פאַרנאַכטן אין קאַפעהייזל אויף דער 60סטער גאַס אין אַדזשאַמי, ווו ער שפּילט אין שעש־בעש און טרינקט טערקישע קאַווע.

אַזוי פאַרריכטנדיק די ראָווערן און שפּילנדיק אין שעש־בעש, האָט מוכאַמעדן אָפּגעגליקט איינצושפּאָרן גאַנצע דריי הונדערט פונט, מיט וועלכע ער איז אַוועק צום צוקונפטיקן שווער.

— כאַוואַדזשאַ — האָט מוכאַמעד אַ זאָג געטאָן — דאָ האָסטו דיר דריי הונדערט פונט און גיב מיר פאַטימאַן פאַר אַ ווייב.

אַבדול רחמן איז געוואָרן אויסער זיך, און ער האָט דעם חתן־בחור דערלאַנגט אַזאַ ענטפער:

— פאַר ווייניקער ווי דריי טויזנט פונט וועסטו נישט באַקומען פאַ־טימאַן פאַר אַ ווייב.

איז מוכאַמעדן נישט געבליבן קיין אַנדערע זאַך, נאָר ווייטער צו זיצן אין די פאַרנאַכטן אין קאַפעהייזל אויף דער 60סטער גאַס אין אַדזשאַמי און צו שפּילן דאָרט אין שעש־בעש און טרינקען טערקישע קאַווע.

מאַכט זיך איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט און דער אַדזשאַמער איינוווי־נער אַסמאַט כאַמאַד, וועלכער זיצט אין קאַפע־הייזל און רייכערט די נאַר־

גילע, קען נישט צוזען דעם צער פון דעם חתן־בחור מוכאַמעד און ער נעמט אים אויף אַ זייט און הייסט אים שוין גיין אַהין זיך שואל עצה זיין מיטן קלוגסטן פון אַלע קלוגע אין אַדזשאַמי, דעם אַלטן אַכמעד כאַקים, וועל־כער איז אַ בקי אין ספר הקאָראַן און ווייסט צו העלפן פאַרליבטע פאָרלעך מיט אַללאַס הילף.

דער חתן־בחור מוכאַמעד מיט זיין ראַטגעבער אַסמאַט כאַמאַד, לאָזן זיך אַוועק אַהין צום אַלטן אַכמעד כאַקים, וואָס נעמט זיי אויף אין זיין אַלט הייזל פון ציגל און ליים.

— אַזוי און אַזוי איז די מעשה — נעמט מוכאַמעד דערציילן פאַרן אַלטן אַכמעד וועגן זיין הייסער ליבע צום יונגן מיידל פאַטימאַ.

אויסגעהערט מיט קאָפּ, נעמט דער אַלטער אַכמעד צו ערשט אָפּגעבן אַ לויב צו אַללאַ און צו זיין קנעכט דעם נביא מוכאַמעד, און נאָך דעם טוט ער אַ זאָג צום יונגן חתן־בחור:

— זאָרג נישט, יונגערמאַן, איך, אַכמעד כאַקים, זאָג דיר אַז פאַטימאַ וועט זיין דיינע.

— איך האָב דאָך נישט קיין „מאָהאָר" — האָט מוכאַמעד מיט פאַר־ביטערונג געזאָגט.

— האָסט גאָרנישט קיין געלט? — האָט זיך דער אַלטער נישט גע־לאָזט אָראָפּפירן פון וועג.

— כ'האָב בלויז דריי הונדערט פונט.

— גיב זיי אַהער.

און אין איינער אַ נאַכט, ווען אויפן הימל האָט זיך באַוויזן די האַלבע לבנה אין געשטאַלט פון אַ סערפּ, האָבן זיך אין שטיינערנעם הייפל מיט די עמודי שיש אונטערגעשפּאַרט, וואָס האָט געהערט צום אַלטן אַכמעד כאַקים, געגרייט חתונה צו האָבן מוכאַמעד מיט זיין האַרץ־געליבטע פאַ־טימאַ. דער אַלטער אַכמעד כאַקים, נעמענדיק אַלס עדות דעם אַדזשאַמער איינוווינער אַסמאַט כאַמאַד, האָט גענומען מאַכן די לעצטע הכנות, און בינתיים האָט ער געהייסן חתן־כלה תפילה טאָן, ליגנדיק אויפן שטיינערנעם באָדן, מיט די פּנימער צו מעקאַ. אָבער אין מאָמענט, ווען דער אַלטער אַכמעד איז צוגעטראָטן צו פאַראייניקן מיט אַללאַס הילף דאָס יונגע פּאָר,

איז באותו רגע געגעבן אַ קום אַן אַבדול רחמן און מיט געשרייען און געוואַלדן האָט ער אַהיימגעפירט זיין טאָכטער פאַטימאַ, לאָזנדיק מוכאַמעדן שטיין אַ טרויעריקן. דערמיט האָט זיך אָבער די געשיכטע נישט פאַרענדיקט, וואָרעם דער חתן־בחור האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט דעם אַלטן אַכמעד כאַקים מיט זיין געהילף אַסמאַט כאַמאַד, צוריקמאָנענדיק ביי זיי די דריי הונדערט פונט.

אין בית משפט השלום איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון די אויבן אויסגערעכנטע באַשולדיקטע, וועלכע האָבן געלייקנט שטיין און ביין און געטענהט, אַז עס הייבט זיך נישט אָן, אַז זיי האָבן קיין גראָשן פון מוכאַמעדס געלט נישט געזען פאַר זייערע אויגן.

דער געריכט־זאַל איז בעתן דאָזיקן משפט געווען איבערפולט מיט די אַדזשאַמער איינוווינער, אָנגעטוענע אויפן אַראַבישן שטייגער, מיט פאַרבונדענע קעפ און מיט פאַרשלייערטע פנימער.

צווישן די אָנוועזנדיקע האָבן זיך אויך געפונען אַבדול רחמן און זיין טאָכטער פאַטימאַ, וואָס האָט נישט אַראָפּגענומען אירע פאַרליבטע אויגן פונעם חתן־בחור מוכאַמעד.

נאָכן אויסהערן די אַלע דעות, האָט דער שופט פאַרמשפט ביידע אָנגעקלאָגטע אויף אַ וואָך אַרעסט על תנאי און צו באַצאָלן צו פופציק פונט קנס. וואָס שייך די דריי הונדערט פונט — וועט מוכאַמעד זיי דערוויל נישט זען...

ווייטער גייט א באַן...

דער שיקלדיקער מאַטעס האָט נאָך פאַר דער מלחמה אין פוילן זיך געגעבן אַ נדר נישט צו זיין קיין שטוב־גנב, נאָר אַ באַן־גנב, — צוליבן פשוטן טעם, ווייל עס קומט אָן פיל לייכטער די גנבה און עס קאָסט נישט אַזוי פיל טויט־שרעק ווי ביים באַגנבענען אַ דירה.

דער שיקלדיקער מאַטעס האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער חברה שטוב־גנבים. מעשה מענטש האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין דער באַן, וואָס גייט אָפּ אין מיטן דער נאַכט און האָט אויפגעפּאַסט אויף די פּאַסאַזשירן בעת זיי זענען איינגעשלאָפן. דאַן האָט דער שיקלדיקער מאַטעס געגנבעט פון וואַגאָן צוויי אָנגעשטאָפּטע טשעמאָדאַנעס און זיך אומגעקערט אין זיין בלאַטער מעלינע אַריין.

די געגנבעטע טשעמאָדאַנעס מיט די כל המינים בגדים און חפצים האָט מאַטעס פאַרשאַכערט, און אַליין האָט ער זיך אויסגעקליידט ווי אַ פּריץ, אַז די חברה גנבים האָבן אים מקנא געווען, וואָס ער מאַכט אַ גאָלדן לעבן פון די באַנען.

איין מאָל האָט אים אָבער פּאַסירט אַ דורכפאַל: עפּעס אַ פאַרשוין האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט אויף דער גאַס מיט אַ ווילדן געשריי — נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די בגדים, וואָס מאַטעס טראָגט זענען זיינע, און אַז ער, מאַטעס, זאָל תיכף מיט אים גיין אין דער פּאָליציי. אין מאַטעסן האָט זיך באַלד דערוועקט דער גוטער־ברודער. קודם כל האָט ער דעם פאַרשוין דערלאַנגט אַ זעץ צווישן די אויגן, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען מיט גוטן, און ואחר כך, האָט מאַטעס גענומען שטעלן פיס.

היות די שטאָט־גאַסן האָבן זיך אויסגעלאָזט און דאָס אָנטשעפּעניש, דער פאַרשוין, האָט נאָכגעיאָגט עד חרמה, האָט דעריבער מאַטעס דער־לאַנגט פאַרע און איז אַנטלאָפן ווייט אַוועק הינטער דער שטאָט צו דער באַן־סטאַציע און איז אַ האַלב־טויטער אַריין אין אַ באַן־וואַגאָן. ווי נאָר

די באַן האָט אַ פּייף געטאָן און איז אָפּגעפאָרן אַ מייל די ווייט, אין אין וואַגאָן אַריין דער קאָנדוקטאָר מיט פּאָליציי און מיטן צולאָג פון דעם פּאַרשוין, וואָס האָט מאַטעסן אַראָפּגעצויגן די בגדים פון לייב און אים געלאָזט איינזעצן אין תפיסה.

למען האמת, וואָלט דער שיקלדיקער מאַטעס געווען פּאַרפאַלט געוואָרן נאָך אין דער פּוילישער תפיסה, ווען נישט דער מלחמה־אויסברוך, ווען נישט דאָס, וואָס די תפיסה־טויערן האָבן זיך אויפגעפּראַלט און די שומרים זענען צוזאַמען מיט די אַרעסטירטע אַנטלאָפן פאַר די היטלע־ריסטן.

פון דער אויפגעבראָכענער תפיסה איז דער שיקלדיקער מאַטעס אַנטלאָפן קיין מזרח־גאַליציע צו די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן מאַטעסן געיאָגט ווייטער קיין טיף רוסלאַנד, ער זאָל וויסן, וואָס עס הייסט אַרבעטן צו דער זעט און צו שלאָפן אין אַנטועכץ. דער שיקלדיקער מאַטעס האָט זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק. אַרבעטן האָט ער געהייסן יענעם און אַליין האָט ער ממשיך געווען זיין קוואַליפיצירטע מלאכה פון אַ באַן־גנב אויף די לאַנגע רוסישע וועגן, וואָס זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט פּאַסאַ־זשירן און מיט טשעמאָדאַנעס.

און ווידער האָט מאַטעסן פּאַסירט אַ גניבהשער דורכפאַל אין דער באַן — מיט אַ טשעמאָדאַן, וואָס האָט געהערט צו אַ נאַטשאַלניק, אַ „יאַ טעביע דאַם", ביי וועמען מאַטעס אַליין האָט זיך געמעגט לערנען גנבענען.

דער נאַטשאַלניק, וועלכער האָט געדרימלט מיט איין אייגל אין וואַגאָן, האָט מאַטעסן דערווישט אין מיטן גנבענען. ער האָט געוואַרט ביז די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע אַקטיאַבינסק אין צפון־קאַזאַכ־סטאַן, און האָט מאַטעסן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער מיליץ, וועל־כע האָט אים גלייך געוויזן די אַלט־באַקאַנטע אייזערנע קראַטן.

און מאַטעס וואָלט געווען פּאַרפאַלט געוואָרן אין די זאַקלוטשאָנע לאַגערן פון אַקטיאַבינסק, ווען נישט דאָס, וואָס צווישן סאָוויעט־רוסלאַנד און היטלער־דייטשלאַנד האָט געהערשט אַ מוראדיקע מלחמה אויף טויט און אויף לעבן, און ווען נישט דאָס, וואָס די סאָוויעטן האָבן זיך גראָד געניי־טיקט אין האַרמאַטן־פלייש, האָט דערפאַר דער נאַטשאַלניק פון דער מיליץ

אין אָקטיאַבינסק געגעבן מאַטעסן צוויי ברירות — אָדער צו גיין דינען אין רויטן מיליטער און זיך אויסקויפן פון די גנבישע זינד, אָדער צו בלייבן אַלס זאַקלוטשאָני אינעם אַרעסטאַנטן־לאַגער פון אָקטיאַבינסק, אַרום וועלכן עס האָבן אייביק געבלאָזן אייז־קאַלטע צפון־ווינטן, וואָס זע־נען אַנגעלאָפן פון נאָענטן וויסטן סטעפּ.

און דער שיקלדיקער מאַטעס האָט פון דער אָקטיאַבינסקער תפיסה אַוועקמאַרשירט אַלס רויטער סאָלדאַט, ווו די רויטע אַרמיי האָט מאַר־שירט פאָרויס. דער שיקלדיקער מאַטעס איז געפאָרן צום פראָנט מיט דער באַן, וואָס איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט סאָלדאַטן און מיט האַרמאַטן. און ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַציע אין לובלין, האָט מאַטעס צו זיך אַ זאָג געטאָן: ווייטער גייט אַ באַן — און איך, מאַטעס, פאָר נישט מער. און מאַטעס האָט פון מיליטער עוקר געווען אין שטאָט אַריין און האָט זיך איבערגעטאָן אין לייטישע בגדים, וואָס ער האָט באַ־קומען פון די היימישע יידישע יאַטן, וואָס זענען געקומען און באַפרייט לובלין.

אין אַ צייט אַרום נאָך דער דאָזיקער מעשה, איז דער שיקלדיקער מאַטעס געקומען קיין ישראל מיט נאָך אחינו בני ישראל, און ווי פריִער, האָט ער נישט פאַרגעסן אין זיין פאַך פון אַ באַן־גנב.

אָבער אַזוי ווי קיין גרויסע באַנען — ווי אַ שטייגער די רוסישע — האָט ער דאָ נישט געפונען, האָט ער אויך קיין גרויסע געשעפטן נישט געקאָנט מאַכן. און הגם די היגע זון שיינט מיט אַ ברייטער האַנט, האָט אָבער דאָס מזל דאָ נישט געשיינט פאַר דעם שיקלדיקן מאַטעס.

והראיה — מאַטעס מיטן שיקלדיקן אויג איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערווישט געוואָרן בעתן גנבענען אַ טייערן טשעמאָדאַן אין דער באַן, וואָס איז געפאָרן פון חיפה קיין תל־אביב. דער בעל־הבית פונעם טשע־מאָדאַן, אַ ייד אַ וותיק, מיט אַ ברייטער פיגור און מיט שפּרענקעלעך אויף די הענט און אויפן פנים, האָט מאַטעסן געכאַפּט ביי דער גנבה בעת דער האָט געפּרוּווט אַראָפּשפּרינגען פון דער באַן. דער אייגנטימער פון טשע־מאָדאַן האָט מאַטעסן צו ערשט אָנגעבויקערט אַ פּלייצע און דערנאָך האָט ער אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער גערעכטיקייט.

דוד איידלמאַן

מאַטעס איז אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און פון דאָרטן אין אַרעסט אַריין, ווו ער איז אָפּגעזעסן ביזן משפט.

אויפן משפט אין בית משפט־שטיבל איז זיך געזעסן דער שיקלדיקער מאַטעס און געוואַרט אויפן פסק־דין.

אַ פסק־דין איז אָבער דערווייל נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן, ווייל דער הויפט־עדות, דער בעל הטשעמאָדאַן, האָט זיך פאַרשפּעטיקט צום משפט, צוזאַמען מיט דער באַן, וואָס האָט אים געדאַרפט ברענגען קיין תל־אביב.

אַ בשותפותדיקע קיך

שטייט אַ הייזל אין אַ תל־אביבער געסל. וווינט אין הייזל — שאָשע, אַ פריילין פון קרוב פופציק יאָר און — גבריאל בן עמיאל חיים הכהן, אַ דורות־לאַנגער שפּאַניאָל פון ישראל — אַ מטופל מיט אַ ווייב און עלף קינדער.

צו קאָכן און בראָטן די געריכטן און מאָלצייטן, האָבן ביידע וווינונגס־בעלי־בתים איין קיך, וואָס איז גרויס ווי אַ גענעץ.

ויהי היום, געווען איז עס איין קורצן פרייטיק פון דעם יאָר, האָט די פריילין שאָשע איינגעהאַנדלט אַ מציאה, אַ פיש, אַ קאַרפּ פון קאַרפּן־לאַנד, מיט גאָלדענע שיפּן און גלעזערנע אויגן, וואָס האָט זיך מיט גוואַל־דיקער עקשנות נישט געוואָלט שיידן מיטן לעבן, און שוין אַ צעשניטענער אויף גלייכע חלקים זיך נאָך אַלץ געוואָרפן אויפן פיש־ברעטל. אין דער זעלבער צייט האָט דאָס מטופלדיקע ווייב פון גבריאל בן עמיאל חיים הכהן, פאַרבראָקט אַ טאָפּ מיט גרינצייג פון כל המינים, וואָס זאָל סטאַיען פאַר דרייצן מיילער, און די קיך, די גרויס פון אַ גענעץ, איז כהרף עין אָנגעפילט געוואָרן מיט פאַרע פון זופּ און פיש־ריח, וואָס האָט זיך געהויבן צו דער סטעליע.

זענען זיך אַזוי ביידע פאַרענדיקע טעפּ געשטאַנען און געטשוואָלעוועט אויף צוויי מלאכי־חבלהדיקע פּרימוסן, וואָס האָבן געצישעט מיט רויט־בלאָע פּייערלעך און האָבן דערפאַר געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון יוסף און פלטיאל, די פיר־ און פינף־יאָריקע בנים פון גבריאלן, וואָס האָבן אָנגעהויבן באַלעבאָטעווען אין קיך. מיט קעצישער פלינקייט האָבן זיי קודם־כל אַראָפּגענומען פון די קיך־שענקלעך צוויי פלעשער, איינע מיט די.די.טי. און די צווייטע — מיט „אַמאַ", און ווי צוויי קאָך־מייסטערס גענומען צושמעלצן מיט די פליסיקייטן די טעפּ פון דער זופּ און פון דעם פיש.

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, זענען די צווי קינדער פאַרשוווּנדן פון דער קיך אַרויס, און גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. ערשט פאַר נאַכט, ווען שאָשע האָט טועם געווען פונעם קאַרפּ און גבריאל מיט זיינע צוועלף נפשות האָבן זיך גענומען צו דער זופּ, האָט פּלוצלינג אַלעמען אָנגעכאַפּט אַ חלשות און עס איז געוואָרן ליהודים. נישט אַנדערש — האָט זיך גבריאל געקרעקט פון איבל און גוואַלדעוועט מיט באַנומענע קולות — ווי די אַלטע מכשפה, די בתולה, האָט עס מיר אָפּגעטאָן דאָס שפּיצל.

שאָשע, וואָס האָט פונעם זייף־פראַשעק באַקומען אַ שלוקערץ, איז אַרויס פון שטוב אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און זיך צעשריגן צו אַלע שכנים פון אַרום:

— געוואַלד, מענטשן, ער האָט מיך געסמט.

— ווער האָט איך געסמט ? — זענען די צוזאַמענגעלאָפענע שכנים צוגעפאַלן צו שאָשען.

— ער, ער, — האָט שאָשע געשלוקערצט און אָנגעוויזן אויף גבריאלן מיט זיין כאַליאַסטרע.

— מכשפה, פּגירה, — האָט גבריאל זיך אַ לאָז געטאָן צו שאָשען מיט צוזאַמענגעביילטע פויסטן — האָסט דאָך מיר די זופּ פאַרסמט.

די שכנים האָבן געהויבן מיט די אַקסלען און נישט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר. דערווייל האָט זיך ביי גבריאלן אין שטוב געטאָן חושך. דאָס גאַנצע געזינדל, מיטן מטופּלדיקן ווייב צוזאַמענגענומען, האָבן געכאָרכלט מיט די העלדזער פון חלשות, און שאָשע, קוקנדיק אויף זיי, האָט אַליין, אינעם שלוקערץ, באַקומען אַ קראַמף אין מאָגן און די אַרויסגערופענע גיכע הילף האָט ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען אַריין אויסגעפּאָמפּעוועט די מאָגנס אין דער אָנוועזנהייט פון אַ שוטר, וואָס האָט די סצענע פאַר־אייביקט אין אַ פּראָטאָקאָל.

איז שאָשע מיט גבריאלן געשטאַנען פאַרן ריכטער־טיש און זיך אַזוי קעגנזייטיק באַוואָרפן מיט באַשולדיקונגען, אַז דאָס געריכט, האָט אַזש באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אויף אַ לאָקאַלער וויזיע אין דער בשותפות־דיקער קיך, ווו עס זענען גלייכצייטיק געפּאַרשט געוואָרן די פליסיקייטן, וואָס האָבן שיער נישט געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפע.

א מזל פון א לאָקשנברעט...

אויף אַ לאָקשנברעט האָבן אונדזערע אַמאָליקע באַלעבאָסטעס אויס־געשניטן לאָקשן און פאַרפל, קליסקעס און פירעקיק טייג אויף קרעפּלעך. אויף אַ לאָקשנברעט האָט די יידישע מאַמע צוגעגרייט מאַלצייטן, און אין אָרעמע שטובן, האָט דאָס לאָקשנברעט אָפט מאָל געדינט אַלס טיש.

דאָס לאָקשנברעט איז געווען פול מיט קאַרבן, די קאַרבן זענען גע־ווען פול מיט שיריים, וואָס האָבן געשטעקט אין לאָקשנברעט. די יידישע מאַמע האָט אין יעדן קאַרב געזען אַ מזל־ברכה פאַרן גאַנצן הויזגעזינד, און דאָס חפץ, דאָס לאָקשנברעט, איז געהאָנגען ווי אַ דבר־חשוב אין די יידישע קיכן און געשיינט מיט האָרעפּאַשנעקייט.

יונה קאַראַבין האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ שטוב, ווו דער דלות האָט געפייפט, ווו דאָס לאָקשנברעט האָט געניצט פאַר אַ שפּייז־טיש, ווו טאַטע־מאַמע האָבן זיך געקריגט צוליב פּרנסה, און דערווייל, איידער די ישועה איז געקומען, האָט דאָס גאַנצע משפּחה־געזינדל מיט יונה קאַראַבין בתוכם, אָפּגעהושכט די יאָרן.

פון זיינע ייִנגסטע יאָרן אָן, האָט יונה קאַראַבין געהאַט אַ מזל פון אַ לאָקשנברעט — זיינע חברים־קונדסים פון חדר, האָבן מיט אים געהאַלטן מלחמה און פון אים געשניטן פּאַסן. פון די דאָזיקע קינדער־יאָרן איז אים, יונה קאַראַבין, פאַרבליבן קאַרבן און שניטן פון קלעפּ, סימנים אויפן פּנים און אויפן גאַנצן לייב־און־לעבן.

ווען די היטלער־מלחמה איז אויסגעבראָכן, און יונה קאַראַבין איז אַנטלאָפן ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן, האָט אים די קריגס־מאַשין, דער צד שכנגד פון נאַצי, געכאַפּט אין מיטן לויפן און אים איינגעשפּאַנט אין אַ קאַראַבין (ביקס), די עלטסטע האָבן געהייסן שיסן אין שונא. יונה קאַראַבין האָט געשאָסן און איז שיער אַליין נישט דערשאָסן געוואָרן אויף טויט. אַ נס, די קויל איז אַריין אין יונהס רעכטער זייט און נישט צעשע־

דיקט דאָס האַרץ, די לונגען און הכל מבפנים. אַ גליק, וואָס די שפּלי־טערס פון די גראַנאַטן זענען ביי יונה קאַראַבין געבליבן שטעקן הינטער דער הויט און אים נישט דורכגעלעכערט.

יונה קאַראַבין איז אַרויס פון דער מלחמה בריסוק אברים, ממש ווי אַן אינוואַליד, אַ צעבראָכענער נפש, אַ דמיון פון יענעם יונה קאַראַבין, יענץ ייִנגל פון דער היים.

קיין מלכות ישראל איז יונה קאַראַבין געקומען מיט אַ שיף, וואָס האָט מיט דריי פערטל גוף געשטעקט אין וואַסער. די שיף איז נישט געזונקען, האָט נאָר אונטערגעקרעכצט מיט די פאַרראָסטע קייטן. דער שיפס־אַנקער האָט מאַנאַטאָן צוגעבאַמבלט, די ים־כוואַליעס האָבן זיך געריסן און געשוימט האָבן איינגעלייגט וועלטן, האָבן געוואָלט איינשלינגען די שיף.

אַ נס, אַז דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, די יבשה איז אַנטקעגנ־געלאָפן און דער פּאָרט מיט דער שטאָט חיפה האָט אַ פלייץ געטאָן אויף יונה קאַראַבין מיט ים, זון און ליכט, מיט בלענדיקע ווייסע הייזער, וואָס האָבן זיך ווי הויכע שטאָקן געהויבן צום הויכן באַרג כרמל, און אָנגע־שפּאַרט שיער נישט אינעם צעשטראַלטן הימל.

למען האמת, האָט יונה קאַראַבין נישט צוגעלייגט צו דער יידישער מדינה. ווי אַן אינוואַליד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט יונה קאַראַבין אָנגעשלאָגן אין אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווו אַ געזונטער עולה חדש האָט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. אין די משרדים האָט יונה קאַראַבין זיך פאַרגעשטעלט „אַני שלמה" און האָט באַקומען אַ חדר אין יפו, אַ געוועלבל הסמוך ליפו, כסף און מזונות, הלבשה, און עולם הזה האָט זיך יונה קאַראַבין אָפּגעזוכט מיט דער הילף פון יצר־הרע און יצר־טוב.

ויהי היום, איז געקומען דער יצר־הרע אין געשטאַלט פון אַ רייצנ־דיקער לילית, אין דער הלבשה פון אַ אשה נאה און יונה קאַראַבין פאַר־שלעפּט אין יענעם מקום, ווו עס קיניגט די סטרא־אחרא און די מ"ט שערי טומאה, שדים, רוחות, פּיפּערנאָטערס און עקדישן און כדומה וויסטע שלעק. די רייצנדיקע לילית האָט זיך גערופן פאַנטאָמינע, פאַקטיש האָט

זי געהייסן פּעשע מאַפּס, און איז געװען אויסגעריסן קלוג, גאָרנישט װי אַ מאַפּס.

יונה קאַראַבין האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מציאה אין דער פּאַנטאָ־מינע, װי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרויעלע. פּאַנטאָמינע האָט אים פֿאַרשפּינט אין אַ שפּינוועבס. װי אַ שפּין האָט זי פון יונה קאַראַבין אויסגעזויגן דאָס גאַנצע ביסל זהב וכסף און נאָך דערצו אָנגעשיקט אויף אים גוטע־ברידערס, װוּילע־לייט פון יענער זייט כרך, איבערגעלאָזט שראַמעס אויפן סאַמע פּנים װי אויף אַ לאָקשנברעט. יונה קאַראַבין האָט געקרענקט אַ צייט, האָט אַלץ אָנגענומען באהבה, און די פּאַנטאָמינע האָט ער געפּטרט צוזאַמען מיטן געװעלבל, מיטן האַק און פּאַק אשר אין געװעלבל.

אויסגעהיילט זיך פון די קלעפּ, האָט יונה קאַראַבין גענומען און אָנגעהויבן לעבן פין בראשית אָן. ראשית, האָט ער גענומען און אָפּגע־שלאָגן די טירן און טויערן פון די פּני אשר בתל־אביב. יונה קאַראַבין האָט געװיינט און געקלאָגט, האָט געבעטן רחמים און געקלאַפּט מיט דער פויסט אין די טישן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אַרויסבאַקומען אַ גרינעם נומער, אַ גרינע טעקסי, אַ לוקסוסדיק חפץ, פֿאַר װעלכן עס װאָלטן געקענט אַ כפרה גיין אַ װאַלד מיט לאָקשנברעטער. יונה קאַראַבין האָט זיך אויס־געלערנט הלכות שאָפערײַ, איז געפֿאָרן מעשה־פריץ איבערן כרך, געזאַ־מלט די גרייצערס און אָנגעזאַמלט אויף צוריק די אַמאָליקע פֿאַרלוירענע כוחות. די טעקסי ביי יונה קאַראַבין האָט געגלאַנצט מיט נייער גרינער פאַרב, מיט װייכע געזעסן.

און הערט אַ מעשה. יונה קאַראַבין האָט, װי אַלע שאָפערן פון כרך, באַקומען אַ סטאַבילע טרעמפּיסטין, װאָס איז געזעסן יומם ולילה אין דער שאָפערקע און פאַרזיסט דאָס לעבן פון יונה קאַראַבין. טרילנדיק מיט אַ זיס שטימעלע װי אַ ניי געבוירן קעצל.

די אייביקע טרעמפּיסטין האָט זיך גערופן זהבה, פּאַקטיש האָט זי געהייסן זעלדע. זעלדען האָט אסור געאַרט די קאַרבן אויף יונהס פּנים, װאָס האָבן געפּאַסט גיכער פֿאַר אַ לאָקשנברעט. העיקר, איין מאָל ביי טאָג, אין מיטן די שעהען פון ארוחת צהריים, האָט יונהס טרעמפּיסטין, זהבה,

אַנגעבראַכט אַ קאָמפּאַניע װוילע יונגען, װאָס האָבן זיך אַ קאַפּיטשקע בגילופין אַרײַנגעזעצט אין יונהס טעקסי און אַלס זהבהס בעסטע פרײַנד זיך געהײסן פירן איבער דער שטאָט. אײנער פון דער שײנער חברותא האָט איבערגענומען דעם רודער און די טעקסי האָט גענומען פליִען איבער די פּרשת דרכים, איבער די הרים וגבעות, איבער גאַסן און געסלעך, איבער פּעריפעריעס, איבער מושבים, שיכונים, צריפונים, פּחונים, איבער האַלב מלכות ישראל, איבער װעגן און שטעגן, איבער בריקן און רעלסן און צום סוף זיך ראַשיק איבערגעקערט. דורך אַ נס ממש איז די חברותא מיט יונה קאַראַבין בראש אַרויס בשלום קוים מיט ריסוק אברים. נאָר די טעקסי, די גרינע גלאַנציקע טעקסי איז, לא עלינו, צעניזוקט געװאָרן אויף פּיץ־פּיצלעך. פון אַלץ טײַערע זאַכן אין דער טעקסי איז בלויז פאַרבליבן דער סקעלעט, אַ צעדרײטער און אַ צעבויגענער װי, להבדיל, אַן אַלט שטיק פאַרזשאַװערטע בלעך.

איז נאָך דאָס אַלץ געװען װײניק, איז מן הצד אָנגעקומען אַ שוטר, און אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, פאַר צו שנעלן פאָרן איבערן כרך. יונה קאַראַבין איז געשטאַנען פאַרן ריכטער, מיט אַ פול פּנים נאָך נישט פאַרהײלטע קאַרבן פון דער אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, און נאָך אַ געהעריקער חקירה ודרישה, האָט יונה קאַראַבין באַקומען אַ פּסק צו באַצאָלן כך וכך פונטן פאַר איבערשרײַטן דאָס געזעץ.

אַרויסגײענדיק פון געריכט האָט יונה קאַראַבין זיך פאַרטראַכט אויף אַן אמת. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און װי פיל מענטשן פון כרך, װאָס רעדן צו זיך, סתם אַזוי, האָט יונה געגעבן צו זיך אַ זאָג: „יונה, איך מוז דיר זאָגן, האָסט אַ מזל פון אַ לאָקשנבערעט“.

פון ראַבינאַט

די שוואַרצע דאַמע

אויף דער קהלישער געפּאַרבטער באַנק, אינעם חדר הראשי אין ראַ־בינאַט, זיצט אַ דאַמע אין שוואַרצן.

דאָס פּנים ביי דער שוואַרצער דאַמע איז ווייס, ווייסער ווי העלפאַנט־ביין, און אַנגעטאָן איז זי אין אַ שוואַרצן שאַל אויפן בלאָנדן קאָפּ האָר. דער שוואַרצער שאַל פון דער דאַמע פאַרהילט אַ העלפט פון שוואַרצן קלייד, דאָס שוואַרצע קלייד פאַרשטעלט אַ העלפט פון די שוואַרצע זיידענע זאָקן אויף די פיס פון דער דאַמע. זי טראָגט אַ פּאָר שוואַרצע שיך אויף הויכע אָפּצאָסן, וועלכע ליגן ווי אויסגעגאָסן אויף די שלאַנקע געטאָקטע פיס.

די דאַמע אין שוואַרצן איז אַ שיינע. אַלע קענען דערויף מעיד זיין, והא ראיה: דאָס גאַנצע בינטל ראַבינאַט־פּקידים — דער ממונה איבער די כתבים, קונטריסים, אַרכיוון, ווי אויך דאָס כלי־קודש, די אַנגעשטעלטע, שוחטים, מנקרים, נאמנים, חברה־קדישא־לייט און סתם מוזמנים, די בעלי גט׳ן וקדושין, וועלכע וואַרטן שוין דאָ אין חדר הראשי פון כעלות השחר — אַלע די דאָזיקע, וועלכע איילן אַהין און אַהער צו דערהרגענען די צייט מיט עפּעס, שטעלן זיך אָפּ אינסטינקטיוו אין גאַנג פאַרביי דער דאָזיקער דאַמע אין שוואַרצן. זי איז אַ טרויעריקע און פאַרטראַכטע אין מחשבותן, און דאָס שיינע פּנימל שיינט דערביי ווי די זיבן זונען.

בינו לבינו פּילט זיך אויס דאָס חדר הראשי מיט אינטערעסאַנטן — יידענעס מיט גראָבער ווינטער־הלבשה אויף די גופים, מיט מענער גראָבבייכיקע און דין־בייגעוודיקע. כמעט אַלע האָבן רויטע נעז און פאַר־לאָפּענע אויגן. שנייצן און ניסן, ווישן די נעז, און אין דרויסן גייט אַ גאָס־רעגן.

דאָס בינטל פּריש אָנגעקומענע פאַרשווינען און פאַרשווינטעס זעצט זיך אויס אויף עטלעכע שוואַרץ־געפּאַרבטע בענק דערנעבן און אָנטקעגנ־

איבער דער שיינער דאַמע אין שוואַרצן. עס געדויערט נישט לאַנג און אַלע ווי איין מאַן עגבערן מיט די אויגן דאָס שיינע באַשעפעניש.

איידער־וואָס־ווען, דערשיינט אַ יונגערמאַן. ער איז אַנגעטאָן אין אַ ווייסן ליכטיקן רעגנמאַנטל. פון אונטערן רעגנמאַנטל לייכטן אַרויס העלע הויזן, אויך די שיך זענען ביי אים העל־רױטע מיט ווייס באַפּוצט. דער קראַוואַט איז ביי אים אַ ווייסער און דער הוט — העל. נאָר דאָס פּנים איז טונקל־ברוין, ברוינער ווי שאָקאָלאַד. דערזעט דער יונגערמאַן די דאַמע אין שוואַרצן, ווערט ער אויפן אָרט אַ צעקאָכטער, בשעת מעשה בלייבט ער שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צום בילד. אַלע אַרום זעען באַ־שיימפּערלעך, ווי דער יונגערמאַן טראַכט מחשבות, קלייבט זיך עפּעס אָפּצוטאָן. וכך הווה: דער יונגערמאַן גיט זיך אַ צערודער, שפּרייזט צו צו דער דאַמע אין שוואַרצן.

— סילוויאַ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און גערעדט ווייטער אויף אַ שפּראַך, וואָס קיינער פון די זיצנדיקע האָט נישט פאַרשטאַנען. די דאַמע אין שוואַרצן האָט געטאָן אַ ציטער דערזעענדיק דעם יונגנמאַן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום ראַבינאַט־שמש, וואָס האָט געהאַלטן אַ טיר־קלאַמקע, וואָס האָט געפירט אין בית־דין־שטיבל. די דאַמע אין שוואַרצן האָט דעם שמש געזאָגט עפּעס בלחש. דער שמש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, איז פאַרשוווּנדן אין בית־דין־שטיבל. נאָך עטלעכע מינוט איז ער צוריק אַרויסגעקומען און אַלע זיצנדיקע יידענעס, מיט די גראָבע און דאַרע פאַרשוינען, האָבן מיט נייגיר זיך צוגעקוקט ווי די דאַמע אין שוואַרצן און דער יונגערמאַן אין ווייסן ווערן נעלם אין בית־דין־שטיבל.

בינתיים איז אין ראַבינאַט אַלץ געגאַנגען כשורה. די ראַבינאַט־פּקידים, מיט די סקאַרבאָווע לייט, די כלי־קודש, זענען ווייטער געלאָפן, געאײַלט זיך פון שטיבל צו שטיבל און אין דרויסן האָט אַלץ געגאָסן ווי מיט עמערס. די מוזמנים, די יידענעס מיט די מענער, זענען ווייטער געזעכצט, האָבן ווייטער געניסט, געשנייצט די נעז. ווי אַלע וואָלטן געהאַט דעם קאַטאַר. פון בית־דין־שטיבל, אין וועלכן דאָס פּאָרל איז אַריין האָבן זיך פּלוצלינג געלאָזט הערן געשרייען. אַלע האָבן אָנגעשטרענגט דאָס

געהער. איינע פון די יידענעס האָט אַ זאָג געטאָן: יידן, איר ווייסט וואָס! די דאַמע אין שוואַרצן גייט שווער צום קינד...

— איך האָב גאָרנישט באַמערקט, אַז זי איז טראַגעדיק... — האָט זיך אָנגערופן אַ דאַר פּאַרשוינדל.

— פּעטערל, איר זענט דער אמתער חכם פון דער „מה נשתנה" — האָט אים דאָס דיקע ווייבל אָפּגעענטפערט — איר פאַרשטייט קאַפּויער...

— וואָס הייסט? — האָט זיך דאָס דאַרע פּאַרשוינדל געחידושט.

דאָס דיקע ווייבל האָט זיך מיט גאווה אָנגענומען ביי די באַקעס:

— ס'הייסט? — האָט זי אַ זאָג געטאָן — אַז עס גייט דאָרט שווער צו מיטן גט, האָט איר שוין איצט פאַרשטאַנען?

די טיר פון בית־דין־שטיבל האָט זיך געעפנט און די דאַמע אין שוואַרצן, צוגלייך מיטן יונגנמאַן אין ווייסן האָבן זיך באַוויזן: די דאַמע אין שוואַרצן האָט געהאַט פאַרוויינטע אויגן, דער יונגערמאַן אין ווייסן האָט געהאַט אַ צעבראָכן געזיכט. אַלע זיצנדיקע אַרום האָבן באַשיימפּערלעך געפּילט, אַז אַט־אַט, און דער יונגערמאַן וועט אויסברעכן אין אַ געוויין. די דאַמע אין שוואַרצן האָט זיך צוריקגעזעצט אויף איר פריערדיקן פּלאַץ, אויף דער שוואַרצער קהלישער באַנק. דער יונגערמאַן אין ווייסן איז אייליק אַוועק פון ראַבינאַט.

דאָס דיקע ווייבל האָט זיך מיט אַ זיס שמייכעלע געווענדט צו דער דאַמע אין שוואַרצן:

— כ'בעט אייך, גברת, האָט נישט קיין פאַריבל, איר זענט אין טרויער?

די דאַמע האָט שטיל אָפּגעענטפערט:

— מיין אמא איז מיר נישט לאַנג געשטאָרבן.

— פאַר וואָס זשע, גברת, גייט איר אייך גטן? האָט נישט פאַריבל, גברת.

— אין דבר — האָט די דאַמע אין שוואַרצן אַ זאָג געטאָן — ער, דער גזלן, האָט איר אַריינגעטריבן אין קבר.

— אָוואַ! — האָט דאָס דיקע ווייבל, אַזש זיך פאַסמאַקעוועט פון דער נייעס. — ער זעט גאָרנישט אויס צו זיין אַזאַ גזלן.

— אַלע איידעמס לעבן נישט גוט מיט די שוויגערס — האָט דאָס דאַרע יידל זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך.

— גוט מאָרגן, געלע, רעטעך טראָג איך! אַ וואַזשנע חכמה האָט איר דאָ אַריינגעוואָרפן.

בינו לבינו איז אָנגעקומען דער בית־דין־שמש און אַ זאָג געטאָן צו דער שוואַרצער דאַמע:

— גבֿרת, דער רבֿ האָט אייך געהייסן קומען אין אַ חודש אַרום.

די שוואַרצע דאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט דעם שלאַנקן גוף. מיט די שיינע אויגן האָט זי אַ בליק געטאָן צו די אַרומזיצנדיקע פאַרשוינען און מיט מאַיעסטעטישע טריט זיך געלאָזט גיין אַרויס פון ראַבינאַט־בנין.

לא תחמוד...

דער בית־דין־שמש אַליין, שיער נישט ווי אַ רב, מיט אַ געלער אויסגעקעמטער באָרד, אַ קאַפּל אויפן קורץ־געשוירענעם קאָפּ, אין פרומער הלבשה און מיט תקיפות אין די בייזלעכע אויגן, האָט מעשה בעל־הבית אַרויסגעפירט דאָס פּאָרל פון בית־דין־שטוב. מיט תקיפות און זעלבסטזיכערקייט האָט ער אָנגעוויזן דעם פּאָרל אַ ליידיקע באַנק, אַן אָבלדיק געפּאַרבטע אויף שוואַרץ, און דאָס פּאָרל, ווי צוויי אבלים, האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַרזונקען אין שטומען שווייגן.

היות עס איז נאָך געווען פרי, די עבודה אין דער קהילה קדושה האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן, האָט קהל — די מוזמנים און די סתם דלפנים, באַנק־קוועטשערס — זיך נאָך נישט געהאַט נענטער באַקענט איינער מיטן צווייטן און האָבן זיך פרעמדלעך אָנגעקוקט און געשוויגן.

דאָס פּאָרל איז געזעסן אָפּגערוקט פון זיך אויף אַ געוויסן מרחק.ביידע האָבן געבליקט אין באַזונדערע ריכטונגען. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף עפּעס אַן אשה, וואָס איז געזעסן אַנטקעגנאיבער און געגעסן מיט דעליקאַטע ביסן אַ ברוין געשמאַק פּוטער־פּלעצל, און זי האָט זיך פאַרגאַפּיעט אויף אַ מיטליאָריקן ייד, אַ געלער פאַרשוין מיט זומער־שפּרענקעלעך אויפן פּנים, הענט און האַלדז; דער געלער ייד האָט געטראָגן אַ כאַלאַט מיט פאַרשידנקאָליריקע פלעקן, פון בוימל, סמאָלע וכדומה.

דער כאַלאַט אויפן געלן מיטליאָריקן ייד, איז חסידישמעסיק געהאָנגען, נישט פאַרקנעפּלט, און פון צווישן האָט אַרויסגעשיינט אַ טלית־קטן מיט ציצית און אַ וועסטל מיט אַ מעשענע קייט אין דער ברייט. פון די עטוואָס פאַרשאַרצטע הויזן האָבן אַרויסגעבליצט מיט ווייסקייט צוויי עקן פון גאַטקעס.

דאָס פאַרגאַפּיעטע ווייבל, אַגב נישט קיין מיאוסע, מיט „סעקס־אַפּיל“, מיט ווייבערישן חן, אין אַ געבלימלט קלייד, מיט לאַק־לעטשלעך —

האָט דעם געלן מיטליאָריקן ייד אָרויסגעבראַכט פון די כלים. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם ווײַבערישן בליק און מעשה ביישן האָט ער זיך גענומען רוקן און זיך איבעררוקן אויף אַ ווײַטערן דיסטאַנס, און דאָס ווייבל, מעשה לילית — האָט נישט אַראָפּגענומען די פאַרגאַפּיעטע אויגן פונעם געלן ייד.

די אשה, אויף וועמען דער אָנגעברוגזטער יונגערמאַן האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן, האָט אויפגעגעסן דאָס ברוינע געשמאַקע פּוטער־פּלעצל, אַרויסגענומען פון האַנט־טאַש אַ קליין זיידן טיכל און דעליקאַט, מיט גראַציע, זיך אָפּגעווישט די רויט־געשמינקטע ליפּן. ווי צו להכעיס האָט זי גענומען שמייכלען צום יונגנמאַן. בלויז עטלעכע מינוט האָט געדויערט און דער אבלדיקער יונגערמאַן האָט ראַפּטעם, אַזוי זיך, אַ פרעג געטאָן ביים אָנגעשמינקטן ווייבל:

— גברת, איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר מיין דרייסטקייט, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין ערגעץ ווו באַגעגנט.

דאָס געשמינקטע ווייבל האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט און מיט אַ וואַרעמען טאָן געזאָגט:

— כמובן, האָבן מיר זיך ביידע זיכער ערגעץ ווו באַגעגנט.

— טאָ דערמאָנט מיך טאָקע, גברת, ווו מיר האָבן זיך געטראָפן.

דאָס געשמינקטע ווייבל האָט אַ בלאַנק געטאָן מיט צוויי שורות ווייסע ציין און לאַקריצדיק זיס אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר ווילט וויסן, האָבן מיר זיך ביידע באַגעגנט טאָקע דאָ אין ראַבינאַט.

— אמת, אמת, — האָט דער יונגערמאַן אַ דערפרייטער אויסגערופן און בשעת מעשה זיך נענטער צוגערוקט צום געשמינקטן ווייבל.

בינו לבינו, האָט אויך דאָס ווייבל מיטן „סעקס־אַפּיל" זיך געגעבן אַ רוק צו נענטער צום געלן מיטליאָריקן ייד און אים קאָקעטיש געפרעגט:

— אדון, איר זענט נישט אַ מאָל דער מכולתניק פון מיין גאַס?

— ראשית, — האָט דער געלער ייד געענטפערט שמייכלענדיק — בין איך אַ פאַרבן־סוחר און נישט קיין מכולתניק, והשנית, וווין איך נישט אין תל־אביב.

— ווו וווינט איר?

— אין אַ שיכון הינטער תל־אביב.

— איר זענט אַ באַוויבטער?

— געווען אַ באַוויבטער.

דער יונגערמאַן האָט איבערגעריסן זיין אַנגעהויבענעם פלירט, געווענדט זיין צעכעסט פנים צו זיין ווייב און אויסגעשריגן:

— גוטשע, געדענק ווו דו געפינסט זיך און מאַך מיר נישט דאָ קיין לייטיש געלעכטער.

— מאָטל תכשיט, דו מעגסט פלירטעווען און איך טאָר נישט?

— איך פלירטעווע נישט, איך רעד בלויז מיט אַ באַקאַנטער פרוי.

— און איך — האָט זיך גוטשע צעבייזערט — רעד בלויז מיט אַ באַקאַנטן ייד.

דער בית־דין־שמש איז ווי אויפגעשווומען הארט נעבן פאָרל און מיט זיין תקיפותדיקער שטים אויסגערופן:

— מרדכי און גיטל מאַרכעווקע! דער אב־בית־דין האָט אָפּגעלייגט כהלכה אייער גט־בקשה אויף אַ טערמין פון דריי חדשים.

דאָס פאָרל האָט זיך אויפגעהויבן און געקליבן אַוועקצוגיין.

מאָטל מאַרכעווקע האָט צוגעשפּרייזט צום געלן ייד און מיט חוזק אים געזאָגט:

— ר' ייד, איר האָט איצט עובר געווען אויפן „לא תחמוד". איר האָט געגלוסט צו מיין ווייב.

— נישט אמת — האָט דער געלער ייד זיך אויפגעשטעלט אַ צע־כעסטער. — איך האָב גערעדט צו אייער ווייב, אָבער איך האָב נישט געהאַט דערביי קיין מחשבה זרה, קיין שום כוונה, רחמנא ליצלן.

— מילא, זאָל זיין אַזוי — האָט מאָטל מאַרכעווקע זיך געוויצלט, און בשעת מעשה געוואָרפן אַ הייסן בליק צום ווייבל, וועלכע האָט נאָכן פוטער־פלעצל פאַרביסן מיט אַ טעווּעלע שאָקאָלאַד.

מאָטל און גוטשע מאַרכעווקע האָבן פאַרלאָזט דעם ראַבינאַט. דאָס ווייבל מיטן טעווּעלע שאָקאָלאַד און דער געלער ייד האָבן מיט די בליקן זיי באַגלייט ביזן סאַמע אַרויסגאַנג.

אַ מענטש צום טיש

כאשר באו מים עד נפש, האָט צמח, דער אַלטער בחור מיט די איינגע־בויגענע פּלייצעס, געלאָזט שטיין דאָס אַלטע פּאַרטער־הייזל מיט די פיר גרויסע, אומהיימלעכע שטובן, און איז אַוועק צו דער באַוווסטער שדכנטע קלאַראַ, וועלכע פירט אָן מיט דער שדכנות־ביוראָ „מזל און הצלחה״.

— שדכנטע — האָט צמח ווי אַלע מאָל אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך — איר האָט עפּעס פאַר מיר אַ לייטישן שידוך?

די שדכנטע האָט צמחן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און אַ זאָג געטאָן:

— חתן־בחור, זאָגט מיר נאָר גענוי וואָס פאַר אַ כלה איר ווילט.

— כ׳וויל האָבן אַ מענטש צום טיש.

— כ׳האָב פאַר אייך דאָס, וואָס איר ווילט.

און קלאַראַ די שדכנטע איז געגאַנגען און האָט צמחן צונויפגעפירט מיט דער פריילין סוזאַנאַ פון בודאַפּעשט, וועלכע האָט גלייך געפאַנגען דעם אַלטן בחור אין איר נעץ אַריין.

די פריילין סוזאַנאַ, וואָס איז געווען אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע און געהאַט געפאַרבטע העל־בלאָנדע האָר, האָט צמחן אַ נעם געטאָן אויפן פאַרהער.

— אדוני היקר, וואָס איז אייער פּראָפעסיע?

— כ׳מאַך רעגנמאַנטלען.

— און וואָס איז מכוח אַ דירה?

— כ׳האָב מיין אייגנס אַ פּאַרטער־הייזל מיט פיר צימערן.

— מאָרגן אין דער צייט, וועט איר אַזוי גוט זיין און מיר ווייזן די פיר צימערן.

און אַז די פריילין סוזאַנאַ איז צו דער באַשטימטער צייט געקומען

אין צמחס שטוב אַריין, אַזוי זענען איר גלייך אָנגעקומען פאַרדומפּענע ריחות, וואָס האָבן גענומען קיצלען אירע נאָזלעכער און שפּאַרן אין דער קעל אַריין — אַזש עס האָט זי אָנגעכאַפּט אַ חלשות־געפיל און זי האָט זיך גענומען בייזערן אויף אים.

— אַ מענטש זאָל נישט וויסן צו לופטערן אַ שטוב.

— טייערע כלה — זיי וויסן, אַז פון היינט אָן וועל איך שוין זען צו לופטערן די שטובן — און צמח האָט זיך גענומען יאָגן איבער די פיר גרויסע אומהיימלעכע צימערן, אויפפּראַלנדיק טיר און פענצטער.

נאָך אַ שטיקל צייט, האָבן צמח און סוזאַנאַ חתונה געהאַט און זיך ברייט באַזעצט אין אַלטן פאַרטער־הייזל, וואָס איז געבליבן בירושה נאָך צמחס עלטערן, וועלכע זענען אויך געווען מאַנטלמאַכער.

ויהי היום, קומט צמח פון דער אַרבעט, און טרעפט אין שטוב אַ גאַנצע משפחה פון אַרום צען מאַן, זיצן אַרום טיש און האַקן אַ סעודה אויף וואָס די וועלט שטייט.

דערזעענדיק אַזאַ זאַך, נעמט צמח און שטעלט זיך אַוועק שאַרף קעגן ווייב.

— סוזאַנאַ, וואָס איז דאָס?

— דאָס זענען מיינע קרובים — נייע עולים.

— וואָס טוען זיי דאָ?

— דאָ וועלן זיי וווינען אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אַריינגיין אין אַ נייעם שיכון.

אחרי הדברים האלה, נאָך די דאָזיקע רייד, איז אַוועק אַ שטיקל צייט און צמח איז, ווי געוויינלעך, אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט און האָט געטראָפן אין שטוב אַ גאַנצע איבערקערעניש: דאָס אַלטע מעבל, וואָס איז אים פאַרבליבן בירושה נאָך טאַטע־מאַמע, האָט זיך געוואַלגערט אין הויף, און אינעווייניק, אין די צימערן, האָבן געגלאַנצט נייע מעבל־שטיקער, ווי למשל, אַ נייע שאַנק מיט פיר טירן, אַ קאַנאַפּע מיט „גומאַוויר", געבעטעטע פאָטעלן און אַ טיש אַזעלכער, וואָס איז באַדעקט מיט דער נייער מאָסע, וואָס מען רופט „פאָרמאַיקע".

אַרום טיש מיט „פאָרמאַיקע" איז זיך, ווי גאָרנישט, געזעסן סוזאַנאַ,

מיט אירע קרובים די נייע עולים, און האָבן געהאַקט אַ סעודה.

דעמאָלט איז צמח אַריינגעפאַלן אין כעס און גענומען שרייען און געוואַלדעווען אויפן ווייב:

— שוין די מינוט זאָלסטו מיר זאָגן, ווו דו האָסט גענומען געלט אויף צו קויפן נייע מעבל.

— פאַר דיין געלט, וואָס דו האָסט געהאַט ליגן באַהאַלטן הינטערן אויוון, האָב איך געקויפט דאָס מעבל.

דערהערנדיק דאָס, איז צמח געוואָרן אַן אויפגערעגטער:

— סוזאַנאַ, אַז דו האָסט געקענט טוען אַזאַ זאַך ווי נעמען געלט, נישט אַנפרעגנדיק ביי מיר, ביסטו נישט מער מיין ווייב.

באַלד צו מאָרגנס איז צמח אַוועק אין נייעם קהילה־בנין, וואָס אויף דער דוד־המלך־גאַס און האָט אָנגעגעבן אויף אַ גט, און די טעג איז דער דאָזיקער גט־משפט צווישן צמחן און סוזאַנאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַר די רבנים־דיינים, וועלכע זענען עוסק אין הלכות גיטין וקידושין.

בעת דער הפסקה, בעת די רבנים־דיינים האָבן זיך באַראַטן אין בית־דין־שטיבל און זיך געגרייט אַרויסצוטראָגן דעם געהעריקן פסק־דין, איז אַקוראַט געגעבן אַ קום־אַן די שדכנטע קלאַראַ, וועלכע איז דאָ אין ראַבי־נאַט אַ יוצא ונכנס, מחמת זי מאַנט דאָ איין שדכנות־געלט ביי די פאַר־לעך, וואָס לאָזן זיך רעדן ביי איר שידוכים, און וועלכע פאַרשרייבן זיך דאָ אויף אַ זמן־חתונה.

די שדכנטע קלאַראַ איז געגעבן אַ גיי צו צו צמחן און צו אים גע־זאָגט:

— לויט מיין שדכנישן חשבון וועט איר שוין אַזאַ וויל ווייבל ווי סוזאַנאַ, מער נישט באַקומען.

— זי איז גאָרנישט אַזאַ ווילע ווי איר מיינט.

— זי איז געווען אַ מענטש צום טיש.

דאָס געסל פון רחמים

ליגט זיך אַ געסל אין מיטן תל־אביב, איז עס מלא מיט באַלעבאַטישע יידן, בתוכם מיט וועלוולען דעם פּאַרקויפער פון סיגאַרעטן און מפעל־הפּיס־צעטלען, וועלכער איז, לא עלינו, אַן אַלטער בחור און דערצו אַ קאַליקע.

פונקט אַקעגנאיבער וועלוולען וווינט די פריילין אין די יאָרן, וועלכע מען רופט די קליינע מירל, מחמת זי איז קליינגעוויקסיק און אַ קיילעכדיקע יתומה.

האָבן די באַלעבאַטישע יידן פון געסל געוואָרפן אַן אויג אויף וועלוו־לען מיט מירלען, און עס איז זיי בשעת מעשה אָנגעקומען אַ גרויס רחמנות אויף זיי ביידע.

— וויסטו, וואָס עס איז מיר איינגעפאַלן? — האָט אַ זאָג געטאָן יונה דער שפּייזקרעמער צו זיין שכן איטשע דעם סוחר פון קיך־געשיר, — אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע מצווה חתונה צו מאַכן וועלוולען מיט מירלען.

— איר זענט גריילעך גערעכט, שכן, און מען באַדאַרף זיך שוין נעמען צו דער עבודה.

באותו יום האָבן יונה און איטשע זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן געטאָן, איז געווען אויסצוווייִלן פון צווישן די געסלדיקע איינוווינער אַ דעלעגאַציע פון צוויי באַלעבאָסטעס, שיינדל און קריינדל, וועלכע האָבן גענומען שפּילן די ראָל פון שדכנטעס.

ווען ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט אויף גאַטס וועלטל, האָבן שיינדל און קריינדל זיך קודם אַ לאָז געטאָן צום שטיבל, וווּ עס האָט געוווינט איינער אַליין וועלוול דער פאַרקויפער פון סיגאַרעטן און צעטלען פון מפעל הפּיס.

— וועלוול, מיר זענען געקומען דיך חתונה מאַכן.

דוד איידלמאַן

— ווער איז די כלה?

— מירל פון קעגנאיבער.

— ניין, איך וועל נישט באַשטיין, אַז אַזאַ קליין מענטשל זאָל זיין מיין ווייב.

האָבן די שדכנטעס גענומען מוסרן וועלוולען:

— שעם זיך, וועלוול, אַזוי צו רעדן אויף אַ יידישער טאָכטער.

און שיינדל מיט קריינדלען האָבן זיך נענטער צוגעבויגן צום חתן־קאַנדידאַט.

— לאָמיר זיך נישט נאַרן, וועלוול, דו ביסט דאָך, צווישן אונדז גערעדט, אַן אָרעמאַן אַ קאַליקע און אַן אַלטער בחור דערצו.

— איך בין נאָך נישט אַזוי אַלט ווי איר מיינט.

— ווי אַלט ביסטו דען?

— פופציק יאָר.

— נישט מער?

— קיין איין טאָג נישט מער.

— טאָ שטעל זשע דיר פאָר, אַז די קליינע מירל איז יינגער פאַר דיר מיט גאַנצע צען יאָר.

— זאָל זי זיין יינגער מיט צוואַנציק יאָר אַפילו, וועל איך זי אויך נישט נעמען פאַר אַ ווייב.

איז די מעשה מיטן שידוך גלייך געוואָרן באַוווסט אין געסל. און אַז די בייעס איז נאָר דערגאַנגען צו דער קליינער מירל, איז זי הענדום פענדום געקומען צו לויפן צו שיינדלען און קריינדלען.

— שכנטעס געטרייע, האָט רחמנות אויף אַ קיילעכדיקער יתומה, און זעט, אַז דער שידוך זאָל צושטאַנד קומען.

און די קליינע מירל האָט זיך נישט געפוילט און האָט אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן פון די שטובן, און ווו זי איז אַריינגעקומען האָט זי געבעטן רחמים:

— יידן לאָזט מיך נישט פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ.

און ווידער האָט די ווייבערישע דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען

פון די צוויי פריוויליקע שכנטעס, שיינדל און קריינדל, זיך אַ נעם געטאָן צו וועלוולען:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך זיין אַ בחור? האָב חתונה און אָן עק זאָל עס נעמען.

נאָך די דאָזיקע אַלע רייד איז וועלוול געוואָרן ווייכער:

— מילא, זאָל זיין אַזוי...

גלייך דערנאָך האָבן די באַלעבאַטישע יידן פון געסל צונויפגעזאַמלט צווישן זיך אַ שיינע פּאָר פונט און האָבן דאָס געלט באַשטימט אויף צו פאַרגרעסערן וועלוולס מסחר מיט די סיגאַרעטן, וואָס ער האָט פאַרקויפט אויף דער גאַס.

קוקנדיק אויף דעם, האָבן די באַלעבאַסטעס פון געסל זיך צוזאַמענגענו־מען און געהייסן אויפנייען פאַר זייער געלט אַ חתונה־צושטייער פאַר דער כלה, און די חתונה גופא האָבן זיי איינגעאָרדנט בכבוד גדול אין איינעם פון די חתונה־זאַלן, וואָס געפינען זיך בשפע אין גרויסן נייעם בנין פון דער ועד הקהילה אויף דער דוד־המלך־גאַס אין תל־אביב.

נאָך דעם, ווי וועלוול האָט אָפּגעזאָגט דעם „הרי את" און געגעסן לעקעך מיט בראָנפן, האָט מען אים מיטן פרישן ווייבל פאַרבעטן צום הויפּט־מחותן יונה דעם שפּייזקרעמער אויף דעם חתונה־מאָלצייט, ווו מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן, ביים געדעקטן טיש, און אים דערלאַנגט אַ בולקע מיט פיש, מיט פלייש, מיט קאָמפּאָט און מיט כל מטעמים.

דער פייפנדיקער טשייניק

צי זענט איר שוין געבענטשט געוואָרן מיט אַ היינטצייטיקן טשייניק, אַ הערמעטיש פאַרמאַכטע כלי, וואָס צעפייפט זיך הויך און לאַנג און מיט ירגזון, בשעת דאָס וואַסער אין אים נעמט קאָכן און זידן?

און צי זענט איר אויך שוין מזכה געוואָרן מיט אַ סובלאַקאַטאָר, אַ בחור, וואָס גייט אויס נאָך אַ ספּודניצע?

משה מוזיקאַנט, וואָס שפּילט אויף די שענסטע חתונות איז באַגליקט געוואָרן מיט ביידע זאַכן.

משה מוזיקאַנט, געקליידט ווי עס פּאַסט פאַר אַ בעסערן קלעזמער, אין שוואַרצע אויסגעפּוצטע הויזן, מיט אַ שניי־ווייס העמד, פאַרבונדן מיט אַ זיידן שלייפעלע הינטערן קאָלנער, שטייט אין ראַבינאַט־שטוב אַן אַנגע־ברוגזטער און איז מוכן ומזומן אָפּצוגטן זיין ווייבל, די שוואַרץ־חנעוודיקע מלכה, וועלכע האָט אים מיאוס פאַרראַטן.

היות עס איז נאָך נישט געקומען די צייט גערופן צו ווערן אינעם בית־דין־שטיבל, צו די רבנים־דיינים, רעדט דערווייל משה מוזיקאַנט אויס אָסור לדבר אויף זיין ווייבל פאַרן ווינקל־אַדוואָקאַט, וואָס פירט זיין גט־משפּט. דער ווינקל־אַדוואָקאַט, אַ דיקער מענטש, מיט אַ גרוי פאַרשוירן קמץ־בערדל און מיט אַ גרויסן לעדערנעם טאַש אונטערן אָרעם, הערט אויס מיט איין אויער די רייד פון זיין קליענט, וועלכער גיט אים צו פאַרשטיין:

— איר פאַרשטייט, אַדון קאַדישזאָן, די גאַנצע שולד אין מיין אומ־גליק האָט דער פייפנדיקער טשייניק.

— פאַר וואָס עפּעס דער טשייניק? — פרעגט געלאַסן דער ווינקל־אַד־וואָקאַט קאַדישזאָן.

— דערפאַר, ווייל די געשיכטע הייבט זיך אָן מיטן מאָמענט, ווען מיך

ווייבל מלכה האָט געבראַכט די מציאה, דעם פּייפּנדיקן טשייניק אין שטוב אַריין.

און אַז דער גלעזערנער טשייניק, וואָס איז געווען פון גאָלד־קאָליר און האָט פאַרמאָגט בלויז אַ שמאָלע עפענונג, האָט זיך צעפּייפט, האָבן די שכנים, וואָס וווינען אַ טיר אין אַ טיר, זיך דערשראָקן, און אויפהערנדיק אויף אַ ווײַלע דעם קאָרטן־שפּיל, אַריינגעקומען צו לויפן.

— שכן, וואָס האָט פּאַסירט?

און שטעלט אייך פאָר, אַז צווישן די אַריינגעקומענע איז געווען דעם שכנס גאַסט, דער פערציק־יאָריקער בחור, דער פּריזירער פערנאַנד פון פּאַריז, וועלכער איז געקומען קיין מדינת ישראל אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, כדי צו טאָן דאָ אַ לייטישן שידוך. און ווי נאָר מיין ווײַבל האָט אים דערזען, האָט זי גלייך אָנגעפּאַרבט די ליפּן אויף רויט און איז צוגעטראָטן צום ענין.

— פון וואַנען איז אַ ייד?

— פון דער וועלט־שטאָט פּאַריז.

— איר זענט אַ באַווייבטער?

— איך בין נאָך אַ בחור.

און בעת די שכנים האָבן מיט באַוווּנדערונג באַטראַכט דעם פּייפּנדיקן טשייניק, האָט שוין מיין ווייבל מלכה, געהאַט זיך צונויפגערעדט מיטן פּאַריזער פּריזירער אַז ער ציט זיך אַריין צו איר אין שטוב אַלס סובלאָ־קאַטאָר און אַלס ליובאָווניק.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די לינקע ליבע צווישן מיין ווייבל מיטן סובלאָקאַטאָר, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די נעכט, ווען איך, משה מוזיקאַנט, האָב געשפּילט אויף חתונות.

— ווי אַזוי האָט איר זיי דערוויסט? — האָט זיך אָנגערופן אַ ייד, אַ גט־קאַנדידאַט, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן און האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך.

ענטפערט משה מוזיקאַנט:

— דערווישט האָב איך זיי טאַקע דורכן פּייפּנדיקן טשייניק. און געווען איז עס אַזוי:

— מיין חבר „פּאַ פּאַכו‟, איציקל דער סאַקסאָפאָניסט, וועלכער וווינט דאָס צווייטע הויז פון מיר, האָט פרי פאַרענדיקט דאָס שפּילן אויף דער חתונה און איז אַהיימגעגאַנגען שלאָפן. גייט ער אַדורך מיין שטוב, דער־הערט ער פלוצלינג ווי עס נעמט פייפן פון דאָרטן הויך און לאַנג און מיט ירגזון, מיינט ער, איציקל, מי יודע וואָס עס האָט פּאַסירט אין מיין שטוב, פון וואַנען עס פייפט כסדר. פוילט ער זיך נישט און לויפט אַוועק צוריק אין חתונה־זאַל, ווו איך בין געשטאַנען אויף דער בינע און אָנגעפירט מיטן אָרקעסטער.

„משה, שרייט אויס איציקל, לויף שוין אַהיים, וואָרעם עס איז דאָרט ביי דיר נישט היימלעך‟.

פרעג איך נישט קיין שאלות און לויף אַהיים אין איין אָטעם, און אַז איך גיב אַ שליס אויף די טיר, טרעף איךביידן אין דער אמתדיקער ליבע־פּאָזע, אונטער דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פונעם פייפנדיקן טשייניק, וואָס שטייט אין קיך אויף דער גאַז־מאַשינקע און פייפט אויף וואָס די וועלט שטייט.

משה מוזיקאַנט האָט פון גרויס כעס, וואָס איז אים באַפאַלן ביים דער־ציילן די דאָזיקע געשיכטע שיער זיך נישט פאַרקייכט. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט ערשט דעמאָלט, ווען דער בית־דין־שמש איז געגעבן אַ גיי אָן און אים, משהן, מיטן ווינקל־אַדוואָקאַט צוויסן געגעבן, אַז די רבנים־דיינים רופן זיי צו באַהאַנדלען דעם גט־משפט.

פרייטיק אויף דער נאַכט

פּיניע הינקעדיקער איז געווען אַ פּאַסטטרעגער, האָט אַריינגעטראָפן אין אַלע ענגע לעכער פון יפו און געקענט אויסנווייניק אַלע אלמנות, גרושות און עגונות.

האָט פּיניע הינקעדיקער אַריינגעהונקען אין אַ דירה מיט אַ הייפל, מיט אַ געצוימט פאַרשימלט שטיינער־מויערל. גלייך מיטן אויגנבליק האָט פּיניען אַרומגענומען אַ מאָדנע אויסטערלישע מחשבה. אינעם ענגן הייפל האָבן גע־קלעפּט צוויי שטיבלעך ווי קאַרטן־הייזלעך. דאָס הייפל איז געווען אויס־געפּלאַסטערט מיט געפאַרבטע שטיין־פּלאַטן, אויף די שטיין־פּלאַטן האָבן זיך געוואַלגערט הונדערט מאָל הונדערט קאָלירן שעניקעס פון וואַטע, אין די ווינקלען האָבן געשטעקט פאַרצייטישע ליימענע קרוגן, ערדענע טעפּ און ריזיקע קופּערנע שיסלען, טערקלטויבן האָבן געוואָרקעט אויפן פלאַכן דאַך, קעץ האָבן געמיאַוטשעט אין מיסט — און איבער אַלעמען האָט גע־קיניגט און געוועלטיקט אַן אשה, וואָס האָט פּיניען כהרף עין אָנגעטאָן אַ כישוף.

די אשה, וואָס האָט פּיניען אָנגעטאָן דעם כישוף, האָט געהאַט אַ הויט־קאָליר פון מאַנדלען, אויף די פּלייצעס זענען איר אַראָפּגעהאָנגען צוויי קויל־שוואַרצע פאַרפלאָכטענע צעפּ, די צעפּ האָבן געשטעקט אין מעשענע רינגען; דער מאַנדל־גוף האָט געשמעקט און געשיינט אונטער אַ פאַרביק קליידל. זי האָט געטראָגן הילצערנע שטעקשיך, וואָס האָבן געהילכט מיט קלעפּ, און האָבן פּיניען פאַרהילכט דעם רעיון.

פּיניע הינקעדיקער איז געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם מיטן פּאַק בריוו און געוואַרט, אַז די אשה זאָל אים אָפּטאָן דעם כישוף.

הקיצור, פּיניע הינקעדיקער איז דערגאַנגען אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. מעשה פלא, האָט ער דער אשה דערלאַנגט אין האַנט אַריין אַ בריוו, ער האָט דערביי לייטיש צוגעשמייכלט און באַקומען צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. גאָטס וווּנדער זענען געשען: די אשה האָט פּיניען נישט משלה געווען — להיפך, זי האָט אים מקרב געווען מיט אַלע ווייבערישע מיטלען. רגעס זענען אַוועק און פּיניע האָט דערווישט די

סודות פון חדר, דעם סוד פון איר אַלמנהשאַפט, דעם סוד פון איר בענקשאַפט.

זי האָט זיך געהייסן רופן מיטן נאָמען חמודה, און האָט פּיניען נישט דערציילט, אַז זי איז פאַרוואָרפן מיט זעקס בנים און אַן עודף אַ טאָכטער. אַליין האָט זי איצט אַרומגעפּויזעט אינעם ענגן געפלאַסטערטן הייפל, אַ האַלבער גוף איז ביי איר געווען מלא חן, די צווייטע העלפט איז געווען אויסגעפּילט מחוץ לדרך הטבע. חמודה האָט געבליצט מיט קאַצן־אויגן, מיט רינגען און רייפן אויף די הענט און פיס, חמודה האָט געחנדלט און געטענצלט מיט אַ טענצלדיק גענגל.

מיטן כוח פון דאָזיקן גענגל, אין וועלכן עס האָט געשטעקט דער כישוף פון מזרח, האָט חמודה פאַרשפּינט פּיניען אין אַ שפּינוועבס און אים אַריינגעפירט אין איר וועלט פון ליימענע קרוגן און קופּערנע שיסלען מיטן שלל פאַרביקע וואַטענע געלעגערס.

ווייטער איז אַלץ געגאַנגען כשורה: פּיניע איז געוואָרן אַ יוצא ונכנס אין חמודהס ענגן מזרח־גן־עדן. ער האָט שוין אַפילו באַקענט דעם בכור חמודהס, שמעון, דעם צווייטן זון, לוי, די איבעריקע בנים האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קיבוצים, מוסדות און מי יודע ווו.

פּיניע האָט צעטראָגן בריוו, האָט געהונקען אַריין און אַרויס פון שטובן און דערביי האָט אים רק געצויגן קיין מזרח אין הייפל אַריין, צו די וואַטענע שעניקעס, צו פאַרצייטישע ליימענע אוצרות, צו חמודהן מיטן גוף פון מאַנדל־קאַליר. אין פּיניען האָט געברענט דער אהבת־נפש. ער איז געווען פול מיט באַגער צו דער דאָזיקער אשה, וואָס איז נישט פון זיין סגאַל, וואָס שפּייזט זיך מיט אויסטערלישע מזרח־מאכלים און האָט אַנדערע דרכים, נישט ווי „אנשי שלומינו״. פּיניע, ווי גרויס הינקעדיק ער איז געווען, אַזוי גרויס האָט אין אים אונטערגעהונקען דער שכל. ער האָט געפילט, ווי ער הינקט אויסטערליש אַוועק ערגעץ ווו, דאָרט אַהין, ווו עס איז נישט בנמצא קיין פאָסט מיט בריוו, ווו מען זעט נישט אויף קיין רפואה קיין פאָסט־מאַרקע. און דאָ ווי צו להכעיס האָט אים חמודה פאַרבעטן צו קומען פּריוויטיק צו נאַכטס, אין דער נאַכט, ווען יעדער ייד איז אַ מלך. חמודה האָט אים פאַרבעטן מיט אַ צוזאָגנדיקן שמייכל, מיטן חנעוודיקן טענצלדיקן גענגל. זי האָט אים דערביי געוויזן די פריש־געוואַשענע

איבערגעצויגענע שעניקעס פון וואַטע, דאָס שבתדיקע קלייד פון טויזנט און איין קאָליר.

הקיצור, פיניע האָט פּריטיק צו נאַכטס אַוועקגעהינקט אַהין. חמודה האָט אים באַזעצט אויבן אָןביים טיש און אים מכבד געווען מיט די אויסטערלישע מזרח־מאכלים. זי האָט געגלאַנצט מיט מעשענע באַצירונ־גען, מיט פעטע אָנגעזאַלבטע האָר,ביידע קויל־שוואַרצע צעפּ האָבן זיך געבאַמבלט אויף חמודהס רונדיקע אַקסלען. פיניען איז באַפאַלן דער יצר־הרע, וואָס האָט אים צוגערעדט צו אַלדאָס בייז. חמודה האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון ליליתן, זי האָט געשטראַלט מיט כישוף, האָט פיניען באַצווינגען און באַרוישט ווי מיט בעכערס ווייַן. ווי אין נעפּל האָט פיניע אַ הינק געטאָן מיטן גאַנצן גוף און געפאַלן אויף חמודהן, ווי אַ שוואָם האָט ער זיך איינגעזויגן אין דער היפשער אשה און באַלד דערפילט, ווי שטאַרקע מאַנצבילישע הענט האָבן אים אָפּגעריסן, האָבן אים אַ שליידער געטאָן אין תהום. פיניע האָט זיך מאָמענטאַל אויסגעניכטערט, אַ קוק געטאָן, און עס איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. חמודהס ביידע בנים, שמעון ולוי, זענען געשטאַנען איבער אים און אים געוואָלט איינ־שלינגען. שמעון דער בכור און לוי דער משנה לבכור, האָבן פונקט ווי אין די צייטן פון יעקב אבינו, ווי אין דער מעשה מיט זיין טאָכטער דינה, אַ ריטשע געטאָן כהאי לישנא: „אַ נקבה ווילסטו מאַכן פון אונדזער מאַמען?" און אַזוי זאָגנדיק האָבן שמעון ולוי דערלאַנגט דעם צום טויט דערשראָקענעם פיניע, אַ בינטל פייערדיקע קלעפּ, האָבן אים דערצו געוואָלט ממיתן. אַ נס איז געשען, אַז דעם דאָזיקן פּריטיק צו נאַכטס איז פיניע געבליבן לעבן.

ער האָט זיך אָבער מתחייב געווען צו נעמען חמודהן פאַר אַ ווייב כדת משה וישראל. די גבורים שמעון ולוי אחים, האָבן פיניע דעם הינקעדיקן געשענקט דעם באַגאַנגענעם חטא בתנאי, ער זאָל זיך צוויילן און מאַכן שבת, דאָס הייסט, ער זאָל אַחת שתים חתונה האָבן, אַנישט וועט ער האָבן אַ מיאוסן סוף.

און אַזוי זענען פיניע מיט חמודהן אַוועק ממש ביחידות און אָנגעקו־מען אין ראַבינאַט פאַר נאַכט. פון ראַבינאַט זענען זיי אין דער באַגלייטונג פון אַ מסדר קידושין, אַ שמש און אַ הינטער־שמש, אַריבער אינעם חופּה־הויף, און פיניע האָט זי מקדש געווען כדת משה וישראל.

אַ יפהפיה פון תל־אביב

אַז עס איז באַשערט צרות — העלפט נישט קיין שמע קולינו. אַז מען האַקט האַלץ פאַלן שפּענער. אַז מען בריט זיך אויפן הייסן, בלאָזט מען אויפן קאַלטן. אַזוי זאָגט משה פּיערניק און ער וואָלט אייך דאָ געקענט אַוועקלייגן נאָך אַ שלל מיט גלייכווערטלעך, ווען נישט די צרה שלא תבוא, די יפהפיה אויף שטאָלצן מיטן נאָמען זלאַטע, וואָס האָט משהן געלייגט אויף די לאָפּאַטקעס און צעקוועטשט מיטן הויכן אָפּצאַס פון איר פּאַסאָנאָוון לעטשל.

משה פּיערניק, וואָס איז פון פאַך אַ צוקערבעקער און האָט גאָלדענע הענט, וואָס קען שאַרן רענדלעך אין אַ בראָט־אויוון, האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ דאַברע־מזל — דאָס הייסט, אַריינצופאַלן איבער די אויערן אין אַ געמויזעכץ און באין אופן נישט קענען אַרויסקריכן.

אַ גאַנץ לעבן כמעט האָט משה פּיערניק געאַרבעט און זיך קוים בדוחק איינגעשאַפּט אַ חדר מיט אַ קיך, אַ סאָפע מיט אַ שאַנק, אַ טיש מיט שטולן, אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און אַ פּריזשידער.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די קלאָפּאָטן, האָט משה פּיערניק איינגע־אָרדנט אַ חנוכת־הבית. מיט די גאָלדענע הענט האָט משה אויסגעבאַקן תרי״ג מינים געבעקסן, ראשית, אַ טאָרט אויף גאָלע אייער, מיט פּוטער, באַפּוצט און באַצירט מיט ניס, מיט מילך, מיט צוקער־זיסן קאַקאַאָ. משה האָט געמאַכט אַ ראָשטשינע פון טייג און האָט אויסגעקנעטן מאַרצעפּאַנעס, קרעם־טשאַסטעס, קרוכלע קיכלעך, האָניק־טייגלעך, און האָט פאַרבעטן אַלע פּשיאַטשעלעס פון פאַך, וואָס זענען געקומען מיט די נשים וטף און אַלץ אויפגעפרעסן.

כטוב לב המלך ביין, ווען דאָס געזינדל צוקערבעקערס האָבן לויז גע־מאַכט די פּאַסקעס פון די בייכער און שוין נישט געקענט מער שטופּן אין די מאָגנס אַריין, האָט זיך דעמאָלט במחילה אויפגעשטעלט משהס

פשיאַטשעל, דער צוקערבעקער אהרון טשאַפּניק, און אַרויפגעלייגט זיין בינטל פינגער אויף משהס אַן אַקסל און אַזוי געזאָגט:

— קום, משה, — און דערביי אַ ווייע געטאָן אויף משהן מיט ווינ־און בראָנפן־ריח, — קום מיט מיר, גוטער ברודער, וועל איך דיך באַקענען מיט מיין ווייבס שוועסטער, אַ יפהפיה, איינער אין דער מדינה, אַו אמתע טשאַסטע, נאָר די פינגער צו לעקן — און אהרון טשאַפּניק האָט משהן אַ שלעפּ געטאָן צום אַנדערן עק טיש און אים פאַרגעשטעלט: — דאָס איז זלאַטע, מיין ווייבס יינגערע שוועסטער, אַן אַלמנה נאָך אַ טבח, שהלך לעולמו בעבור אַ סירחה אין מאָגן, און האָט איר איבערגעלאָזט אַ ירושה אַ טריפהנע יאַטקע, וואָס האָט זיך משנה שם געווען אויף אַ מכולת. דער טבח, עליו השלום, איז געווען אַ בעל־חוב צום מכולתניק און האָט אים ביים לעבן נאָך, אַחוץ דער יאַטקע, פאַרמשכונט דאָס מעבל. אַזוי, גוטער ברודער, איז די מעשה — האָט אַהרון טשאַפּניק געדונערט און געשאָסן מיט ווערטלעך און בשעת מעשה באַזעצט משה פיערניק און זלאַטען אין ווינקל פון חדר אויף דער קאַנאַפּע, זיי צוגעווונטשן מזל און ברכה און זיך צוריק אַוועקגעקאַטשעט צו דער חברותא צוקערבעקערס.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון דער מעלאָדראַמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי משה פיערניק אין חדר און זיך אויסגעלאָזט אין רבנות הראשית אשר בק״ק תל־אביב.

משה פיערניק האָט דעמאָלט, זיצנדיק, מעשה בחור, מיט זלאַטע בראָטפּאַן אויף דער קאַנאַפּע, געטאָן אַ קוקט אויף זיין באַשערטער, און שיער נישט דערביי איינגענומען אַן אַפּאָפּלעקסיע. זלאַטע האָט אַרויסגע־שיינט מיטן גוף אונטער אַ דינער ניילאָן־בלוזקע. מעשה שטן האָט דער גוף געבלאָנקט מיט ראָזער הויט, מיט ברוסטיקייט. דאָס באַדעקעכץ, אַ קרוינ־האַלטער פון שניי־וויסן דינעם געוועב, באַזיימט מיט קונציקע ווענעציאַ־נער שפּיצן, האָט משהן צערייצט דאָס לעצטע ביסל בלוט. דערצו נאָך האָט זלאַטע אויפגעשאַרצט אַ ביסל די ספּודניצע און משה האָט דערזען צוויי אָפּגעטאָקטע פיסלעך, געראַמט אין דורכזיכטיקע ניילאָן־זאָקן. זלאַטעס געפאַרבטע נעגל פון די פיס, צוזאַמען מיט די פּיענטעס, האָבן געשטעקט אין אַ פּאָר קונציק אויסגעשניטענע לאַק־לעטשלעך אויף הויכע אָפּ־

צאָסן ווי שטאָלצן. קוקנדיק אויפֿן דאָזיקן גאָטס וווּנדער, איז משה פּיער־ניק געוואָרן אַ פּאַרטיקער און זיך גלייך אויפֿן אָרט דערקלערט אין ליבע. זלאַטע האָט נישט אָפּגעזאָגט און אַזוי אָרום זענען בײדע מיט מזל געוואָרן מאַן און ווייב, און דער צווייטער אַקט פֿון דער מעלאָדראַמע האָט זיך אָנגעהויבן.

און אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער אַקט אַזוי: בשעת משה פּיערניק האָט באַוויזן וווּנדער מיט זײַנע גאָלדענע הענט, האָט זלאַטע גע־הוליעט אין די קאָפּעען און באַרן און אין די מקומות, ווו אַ לײַטישער מענטש האָט נישט קיין דריסת הרגל. איז עס געווען ווייניק, האָט זי נאָך בפרהסיה שפּאַצירט אויף די גאַסן מיט כל־בו־יונגען, וועלכע משה פּיערניק האָט נישט אָנגעהויבן צו קענען. די צײַט איז געגאַנגען איר וועג. משהס אָפּגעשפּאַרט באַנק־ביכל האָט זיך אויסגעלאָזט ביז אײַן סימבאָלישן פֿונט.

זלאַטע איז געשטאַנען ווי אַ תּלין אין אַ רויט קליידל און געפּאָדערט: מזונות, הלבשה, פּאַרווײַלונג און אַלץ, וואָס אין דער קאָרט איז פֿאַראַן. אַנישט, האָט זי געסטראַשעט, וועט זי אַוועקגיין און חתונה האָבן מיט אַן עושר. משה האָט געשוויצט ביים באַק־אויוון. פֿון שוויצן האָט ער, ווי זלאַטעס גאָטזעליקער טבח, באַקומען אַ סירכה אין די סאַמע געדערים און אַ פּנים, אַז אַ שענערן לייגט מען אין קבר.

דער צווייטער אַקט האָט זיך אָפּגעשפּילט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע. משה פּיערניק איז אַהיימגעקומען אַ טויט־מידער און גע־טראָפֿן דאָס חדר אויסגעליידיקט פֿון תּכשיטי כּסף וזהב. אין חדר האָבן זיך געוואָלגערט שמות. אַ דרויסנדיקער ווינט האָט יאָמערלעך געפּייפֿט. אַ רעגן האָט געטריפֿט און ביטער איז געוואָרן משהן אויף דער נשמה.

אין די פֿאַרמעליקטע בגדים האָט זיך משה פּיערניק געוואָרפֿן אויף דער אויסגעליגענער סאָפֿע, ער האָט אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין ווייכן מאַטעריאַל איז שיעור נישט אײַנגעשלאָפֿן ווי חוני המעגל זיבעציק יאָר. ערשט ווען די הענער האָבן געקרייט שוין צום ווײַלטן מאָל, איז ער אויפֿגעשטאַנען און דערזען אַז זלאַטע איז ווי אין וואַסער אַרײַן, איז אויס־געראָנען.

ווי אַ געשלאָגענער הונט, האָט זיך משה פּיערניק אַרויסגעשלעפּט פון חדר און אַוועק ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

די צייט איז ווייטער געגאַנגען, און אין איינעם אַ טאָג איז משה פּיערניק געקומען אין ראַבינאַט. אין בית־דין־שטוב איז שוין געווען פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע דיינים, און מוזמנים, מיט זלאַטען בראש און מיט אהרון טשאַפּניק בתוכם. פּעדערס האָבן געריצט אויפן גלאַטיקן פּאַפּיר. די דיינים האָבן געפּסקנט, די רבנים האָבן אונטערגעצייכנט און דאָס בית־דין־סעקרעטאַרל, אַן איש תמים מיט אַ קאָזע־בערדל, האָט אויס־געציקלט אַ גט.

אהרון טשאַפּניק, משהס פּשיאַטשעל „פּאָ פּאַכו", וואָס האָט אין דאָזיקן שעת הכושר, ביי דער גט־פּראָצעדור, געהאַט גרויס האַרץ־קלעמעניש פאַרן געליטענעם חבר, האָט פאַר כעס אויסגעשפּיגן דעם רויכערדיקן סיגאַרעט. ער האָט אַ הוסט געטאָן און צוגעשפּרייזט צו משהן:

— משה — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע

— פּייף אויף אַלע ווייבער און קום, גוטער ברודער, ליבערשט מאַכן אַ שנעפּסל.

אַ כלב שבכלבים

צוליב אַ כלב שבכלבים איז אָפּגעלאָזט געוואָרן דער שידוך פון חתן־כלה שמריהו און די יפהפיה נורית, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט געקליבן צו זייער חתונה.

געהייסן האָט דער כלב שבכלבים „צעזאַר" — און אַלע מאָל, ווען דער חתן־בחור איז געקומען אַרויסוויזן זיין ליבשאַפט צו דער כלה, איז אים „צעזאַר" באַפאַלן. דאָס פירפיסיקע שוואַרצע באַשעפעניש מיט דער קאַנטיקער מאָרדע, מיט די בייזע אויגן און שאַרפע ציין, וואָס האָבן רק געזוכט די געלעגנהייט זיך איינצובייסן אין ווייכן פלייש פונעם חתן שמריהו.

ויהי ערב, איז זיך שמריהו אַן אויסגעסטראַיעטער געקומען צו גיין צו זיין כלה, וועלכע האָט געוווינט צוזאַמען מיט אירע עלטערן אין דער נייער ווילע מיטן גאָרטן אַרום, וואָס איז געווען פאַרצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן.

דער גליקלעכער חתן נעמט די קליאַמקע אין האַנט אַריין און עפנט דאָס גאָרטן־טירל און נאָכן מאַכן דעם ערשטן שפּרייז, ווערט ער גלייך באַפאַלן דורכן הונט „צעזאַר", וואָס גיט אַ שפרונג און אַ שטשירע מיט די שאַרפע ציין, און איידער־וואָס־און־ווען, האָט ער זיך שוין אַריינגעביסן אין חתנס פוס־שענקל, מיטרייסנדיק דערביי אַ שטיק פון די הויזן.

שמריהו לאָזט אַרויס אַ פאַרשטיקטן געשריי און לויפט אַריין מיט איין אָטעם צו דער כלה אין שטוב.

— זע, כלה מיינע, וואָס עס האָט מיר געטאָן דער כלב שבכלבים.

גיט די כלה אַ קוק מיט אירע שיינע אויגן אויפן חתנס צעריסענע הויזן און גיט אַ מאַך.

— נישקשה, וועסט דיר מאַכן אַנדערע הויזן.

— און דאָס וואָס איז? ווייזט שמריהו אויפן פאַרבלוטיקטן פוס.

— דאָס וועט זיך אויסהיילן.

דער חתן מאַכט אַן אומצופרידענע מינע.

— טרייב אַרויס דעם הונט.

— „צעזאַרן" וועל איך נישט פאַרטרייבן.

חתן־כלה האָבן זיך געקריגט און געבייזערט און לסוף זיך איבערגע־בעטן, זעצנדיק זיך אין אַ פאַרליבטער פאָזע אויף דער ווייכער קאַנאַפּע און האַלטנדיק זיך אַרומגענומען, ווי זיי וואָלטן געווען איין גוף און איין נשמה.

ווי נאָר דער חתן האָט זיך צוגעבויגן צו דער כלה, וועלנדיק איר געבן אַ ליידנשאַפטלעכן קוש אין פּנים, האָט אין דעם מאָמענט זיך באַוויזן „צעזאַר", וואָס איז אַריין דורך דער אָפענער טיר און מיט דער גרעס־טער געשווינדקייט אָנגעלאָפן אויף נוריתס צוקונפטיקן מאַן מיט אַ גרויס געבילעריי און געוואַי.

— האַוו־האַוו — האָט „צעזאַר" נישט אויפגעהערט בילן און זיך רייסן מיט די פּאָדערשטע לאַפּעס צום חתן שמריהו, וועלכער האָט פון גרויס כעס דערלאַנגט „צעזאַרן" אַזאַ שטויס מיטן פוס, אַז דער כלב האָט זיך איבערגעדרייט און גענומען היילן פון ווייטיק.

ווי נאָר נורית האָט דאָס דערזען, איז זי אויפגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע אַ צערייצטע.

— שמריהו, דו ביסט אַן אַכזר.

איז שמריהו אויך אויפגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע אַ צערייצטער און אויסגערופן:

— הייסט עס, אַז דער הונט איז דיר בילכער ווי איך?

און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין דערנעבן שטייענ־דיקן טישל און צעבראָכן די קרישטאָלענע וואַזע.

דעמאָלט האָט נורית, ווי נישט מיט איר קול, אויסגעשריגן:

— שמריהו, דו טויגסט נישט פאַר מיר, דו ביסט אַ צו בייזער מענטש.

— אויב דו זאָגסט אַזוי, טאָ האַלט זיך מיטן הונט.

אַזוי האָט אַ זאָג געטאָן דער חתן און איז האַסטיק אַרויס פון שטוב, וועדנדיק באַגלייט מיטן בייזן געבילעריי פונעם כלב שבכלבים „צעזאַר“, וואָס האָט דעם אַוועקגייענדיקן לאַנג נאָכגעבילט, האַלטנדיק די פאָדערשטע לאַפּעס אויף די אײַזערנע שטאַכעטן פון טיר־גערטנדל און שטשירענדיק מיט די שאַרפע ציין.

און עס איז נישט אַוועק קיין גאַנצער חודש, זענען שוין די געוועזענע חתן־כלה געהאַט געקומען אין דער ראַבינאַט־שטוב, ווו זיי האָבן צווישן געטאָן דעם פקיד, דעם פאַרשרייבער אויף זמן חתונה, אַז זיי האָבן שוין מיט זיך נישט קיין שום געמיינזאַמס.

אין דרויסן, פאַרן קהילה־בנין איז אין דער זעלביקער צייט געשטאַנען דער כלהס מוטער, אַמאַליע, און געהאַלטן דעם כלב „צעזאַר“ביים ציימל, ער זאָל נישט אַ מאָל באַפאַלן די דורכגייער.

ווי נאָר „צעזאַר“ האָט דערזען דעם אַרויסגייענדיקן שמריהו, אַזוי איז ער געוואָרן מלא רציחה און זיך צעבילט מיטן הינטישן געבייזער און דערביי האָט ער זיך געריסן פון אַמאַליעס הענט גרייט אײַנצובייסן זיך אין ווייכן פלייש פונעם חתן־בחור שמריהו.

קישקע־געלט

דער פרומער פּקיד, וואָס פאַרשרייבט די יונגע פּאָרלעך אויף אַ זמן חתונה, איז געוואָרן איין שטיק חידוש, אַנקוקנדיק קריינדלען מיטן פאַר־צייטיקן בגד, די „קרינאָלינע" און מיטן שטערנטיכל אויפן קאָפּ, וועלכע האָט אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— ר׳ ייד, זייט אַזוי העפלעך און פאַרשרייבט מיך אויף אַ זמן חתונה.

— און ווו האָט איר דעם חתן? — האָט דער פּקיד זיך נישט געקאָנט זאָט אָנחידושן מיט דער אַלטער כלה.

— כ׳ברענג אים שוין אַהער.

און קריינדל ברענגט צו פירן דעם חתן, וואָס איז אָנגעטאָן ווי אַ האָ־רעפּאַשניק אין שווערע שיך, אין פאַרפלעקטע הויזן, מיט אַ קאַפּטאָן און מיט אַ מאַטשעיווקע אויפן גרויען קאָפּ.

— ווי הייסט איר, חתן?

— מאַטעס הייס איך.

— איר זענט אַן אַלמן אָדער אַ גרוש?

—ביידע בין איך.

— ווי אַלט זענט איר?

מאַטעס שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַן אַלטע צעקנייטשטע תעודת־זהות און דערלאַנגט דעם פּקיד.

— קוקט אַריין, וועט איר וויסן ווי אַלט כ׳בין.

דער פּקיד קוקט און קוקט און קאָן בשום אופן נישט געפינען די דאַטע פון מאַטעס עלטער, מחמת דער שריפט איז אָפּגעריבן, נישט צו דער־קענען. דעמאָלט גיט קריינדל אַ מאַך:

— ר׳ ייד, ער איז עלטער פון מיר מיט צען יאָר.

— איך וועל אייך נישט פאַרשרייבן אויב כ׳וועל נישט וויסן גענוי.

קריינדל לאָזט שטיין דעם פּקיד און נעמט זיך צום חתן:

— וואָס האָסטו געמאַכט פון דער תעודת־זהות?

מאָטעס נעמט זיך פאַרענטפערן: ער האָט, זאָגט ער, אויסגעוואַשן די הויזן און די תעודת־זהות האָט ער פאַרגעסן אַרויסצונעמען פון דער קעשענע.

— אויב אַזוי, איז אויס חתונה, — האָט קריינדל אויסגערופן.

— קריינדל־קרוין, אָט לויף איך שוין אין משרד און מאַך מיר אַ נייע תעודת־זהות.

— ביז דו וועסט אַרויסבאַקומען אַ נייע תעודת־זהות, קאָן איך דער־ווייל חתונה האָבן מיט אַ צווייטן.

— קריינדל, וועסט מיט קיינעם נישט חתונה האָבן, נאָר מיט מיר.

— ווער וועט מיך צווינגען?

— איך.

— דו ביסט צו שוואַך.

— קריינדל, האָסט פאַרגעסן, אַז כ'האָב דיך אין דער האַנט.

— מיט וואָס האָסטו מיך אין דער האַנט?

— דיין געלט איז ביי מיר.

דערהערט אַזאַ זאַך, גיט קריינדל אַ געשריי:

— שוין זאָלסטו מיר אָפּגעבן דאָס געלט!

— קריינדל, יאָג זיך נישט אַזוי.

קריינדלען קומען די טרערן אין האַלדז אַריין און זי שלעפּט אַרויס דאָס נאָזטיכל און נעמט שנייצן און רעדן מיט תחנונים־לשון צו די אַרו־מיקע לייט, וועלכן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ רעדל אויסצוהערן די קריגעריי פון די צוויי אַלטע חתן־כלה.

— מענטשן, זעט, ער זאָל מיר אָפּגעבן דאָס געלט, וואָרעם דאָס איז קישקע־געלט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס קישקע־געלט? — פרעגט זיך איינער פון די אַרומשטייענדיקע, אַ יונגער חתונה־קאַנדידאַט, וועלכער איז אויך אַהערגעקומען זיך פאַרשרייבן.

דערציילט קריינדל אַזאַ מעשה: זי האָט געהאַט ליגן אַ קיימאַ־לן

פון הונדערט פונט, וואס זי האט אפגעשפארט פון מויל, לייגנדיק א גראשן צו א גראשן און וואס זי האט אוועקגעגעבן אים, דעם אלטן מאטעס, ער זאל זיך קאנען פארגרעסערן דעם האנדל מיט די ציגארעטן, שנורואוואד־לעס און קנעפלעך, וואס ער פארקויפט אויף דער גאס, שטייענדיק מיט א טיש־געשטעל.

אפגערעדט, נעמט קריינדל און פארלייגט די הענט אויפן הארץ.

— יידן — גיט זי א זאג — איך בעט אייך, זייט אזוי גוט און האלט אים צו ער זאל מיר נישט אוועקקומען, און איך וועל מיר ארייננגיין צו די רבנים, צו רופן אים אויף א דין־תורה.

און ווי דער אלטער מאטעס דערהערט, אז עס האלט שוין דערביי מען זאל אים רופן אויף א דין־תורה, אזוי ווערט ער גלייך נאכגיביק און גיט א רוף אויס:

— קריינדל, וויין נישט, דא האסטו דיין געלט. — און ער צעקנעפלט דעם קאפטאן זיינעם און שלעפט ארויס פון דער בוזעם־קעשענע אן אלטן צעקנייטשטן טייסטער מיט געלט.

— נא, נעם, און זאג נישט, אז כ׳בין א שלעכטער.

קריינדל גיט א כאפ דאס בינטל פארגעלטע באנקנאטן, ציילט איבער, צי עס פעלט נישט עפעס פון געלט און זעענדיק, אז עס שטימט, גיט זי א זאג:

— מאטעס, קוים וועסטו ווייטער וועלן, אז איך זאל זיין דיין ווייב — קאנסטו צוויסן טאן.

— גיי, גיי, כ׳וועל דיר שוין צוויסן טאן — האט דער אלטער מאטעס בייז געענטפערט און האט זיך געלאזט גיין ארויס פון דער ראבינאט־שטוב.

אַ נאַר אויפֿן מאַרק...

העשל וואַנוואַליצער, וועלכער האַלט זיך אויף ביים אַלטן לייזער דעם שניידער אין דער אָפּגעלאָזענער דירה אין שכונת שפּירא אין תל־אביב, ווערט געהאַלטן פֿאַר אַ נאַר און די מענטשן פֿון דער גאַס טרייבן שפּאַס מיט אים. אַליין איז העשל וואַנוואַליצער אַ מענטשל אָן אַ פּראָפֿעסיע, און אויף צו טאָן אַן אַרבעט איז ער פֿויל. ביי טאָג גייט העשל אַרום פּוסט און פּאַס איבער דער אַלענבי־גאַס, דאָרטן ווו עס טרעפֿן זיך אַלערליי סוחרימלעך מיט די מעקלערס, מיט די הענדלערס און די געקומענע יידן פֿון די קליינע שטעטלעך אַרום תל־אביב.

העשל דרייט זיך סתם אַזוי ביי דער הויפּט־פּאָסט־געביידע, ווו עס זאַמלען זיך מענטשן פֿון אַלע עקן שטאָט און אויך אַרום דער גרויסער סיני־שול, ווו עס לערנען באַרמהאַרציקע לייט. זיי שענקען אים אַן אַלט מלבוש, וואָס ער טראָגט אַוועק אויפֿן „בית־לחם"־מאַרק און פֿאַרקויפֿט עס צו לייזער דעם שניידער, וועלכער פֿאַרריכט אויס אַלטע בגדים.

ווי נאַר העשל באַווייזט זיך אויפֿן „בית־לחם"־מאַרק, אַזוי פֿרייען זיך די קרעמער פֿון אַלטוואַרג, וועלכע טוען אָפּ העשלען קאָמישע שפּיצלעך און לאַכן אין די פֿויסטן אַריין.

ויהי היום, קומט העשל צו גיין אויפֿן „בית־לחם"־מאַרק צו פֿאַרקויפֿן לייזערן אַן אַלט געשענקט מלבוש און ווי תמיד נעמען זיך מיט אים פֿרייען די קרעמער, רעדן אים אַ שידוך מיט עפּעס אַ ווייבל, קליין און דאַר און מיט אַן אויסטערלישן הוט אויפֿן קאָפּ, וואָס לויט ווי זי זאָגט, האָט זי זיך דעם דאָזיקן הוט געלאָזט מאַכן אין אַמעריקע.

דאָס ווייבל, וואָס הייסט זיך רופֿן תרצה, באַקוקט העשלען פֿון אויבן ביז אַראָפּ און מעשה פֿלא איז זי מסכים צום שידוך און זאָגט נאָך צו העשלען אַראָפּצונעמען קיין אַמעריקע. און די קרעמער פֿון אַלטוואַרג מיט לייזערן בראש קייכן פֿאַר געלעכטער, און זיי, דאָס פּאָרל העשל און תרצה,

קוקן זיך אָן ווי צוויי פאַרליבטע און צו אַלעמענס וווּנדער האָבן זיי טאַקע חתונה געהאַט כדת וכדין אין חתונה־שטיבל ביים תל־אביבער רב.

צו מאָרגנס נאָך דער חופה, האָט תרצה אָװעקגעפירט איר מאַן, העשלען, אין דער דירה צו איר אַלטן פאָטער זיינוול קיין בני־ברק, ווו זי האָט זיך מיט אים באַזעצט אויף צו פירן אַ פאַמיליע־לעבן.

ראשית, האָט תרצה געגעבן העשלען גוט אָפּצועסן און נאָכער האָט זי אים געהייסן גיין פאַרדינען אויף פּרנסה. דאָ האָט זיך העשל גענומען בונטעווען:

— תרצה, מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע?

— העשל, זיי ליבערשט אָן אויפטוער דאָ, אין לאַנד.

— דאָ קען איך גאָרנישט אויפטוען.

— פאַר וואָס קענסטו נישט!

— ווייל מיין מסחר גייט נישט דאָ.

— וואָס איז דיין מסחר?

— מיין מסחר איז געווען אין פּוילן, ווו איך האָב געהאַנדלט מיט געקוועטשטן אייל.

— ווער זשע דאָ אויך אָן אייל־קוועטשער.

— דאָ קוועטשט מען בוימל.

— קוועטש בוימל.

— האָב איך דאָך נישט קיין פאַבריק מיט מאַשינען.

— העשל, גיי פאַרדינען, אַנישט ווער איך אַ גרושה.

— תרצה, גיב מיר געלט, וועל איך גיין האַנדלען.

— האַנדל מיט דיין געלט.

— איך האָב נישט קיין געלט.

דער סוף איז געווען, אַז דאָס קליינע, דאַרע ווייבעלע, האָט פאַרטריבן העשלען צוריק אין שכונת שפּירא, צום אַלטן לייזער דעם שניידער, וועלכער האָט אים צוריקגעגעבן דאָס אָרעמע געלעגער אין דער אָפּגעלאָזענער דירה.

איז העשל גערופן געוואָרן אין תל־אביבער קהילה־שטיבל, ער זאָל

זיך צושטעלן צום בית־דין, וואָס האָט מיט דער הסכמה פון ביידע צדדים מכין געווען דעם גט.

אין חדר הסמוך צום בית־דין־שטיבל איז געווען שמח. עס איז פונקט געווען דעמאָלט אַ גראָטשקע. נשים וגברים האָבן זיך געדרענגט האַרט ביי דער טיר פון בית־דין. און צווישן זיי האָט זיך קוים אַרויסגעזען דאָס קליינע דאַרע װײַבל תרצה, מיט איר אַלטן טאַטן זיינוול, וועלכער איז געשטאַנען וואָס ווייטער אָפּגערוקט פון זיין איידעם העשלען.

ווען פרייט זיך אַ הויקער...

שימעלע הויקער איז אין אַ ביטערער צייט אויף דער וועלט געקו־מען — ממש פון דער מאַמעס טראַכט אַרויס איז ער אַריין אין פייער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אַ ים פון הונגער און נויט. דער בייזער קריג האָט דעמאָלט געבושעוועט איבער פוילן. די רוסישע חיילות, ליטער קאָזאַקן, קאַצאַפּן, טאַטאַרן, מאָנגאָלן און אַלערליי אַזיאַטן האָבן געווילדעוועט אין פוילנס מדינה.

דעמאָלט האָט שימעלעס מאַמע אין גרויס פּחד געבוירן שימעלען צו זיבן חדשים. שימעלע איז געבוירן געוואָרן אין אַ פרעמדער שטאָט צווישן היימלאָזע יידן, אין מוראדיקן דחקות.

גלייך איז געוואָרן אַ בהלה, און שוין האָבן דעם שונאס האַרמאַטן געדונערט פון דער ווייטנס און ווילדע קאָזאַקלעך אויף פערד האָבן מיט די בייטשן אַרויסגעטריבן די היימלאָזע פון שטעטל.

דער ניי־געבוירענער שימעלע איז אין בהלהדיקער איילעניש איינ־געפּאַקט געוואָרן ווי אַן אבן־טוב אין כל המינים געוואַנטן. טאַטע־מאַמע האָבן אים אַזוי איינגעפּאַקטערהייט געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, פון אָרט צו אָרט, אונטער אַ געקנאַלערײ פון ביקסן־שאָסן און שראַפּנעלן, אין מיטן פון גרויזאַמען קריג.

ווען שימעלע איז צוריק אויפגעפּאַקט געוואָרן, האָבן די טאַטע־מאַמע צו זייער גרויסן צער דערזען אַ האָרבל אויף שימעלעס פּלייצע.

און אַזוי איז שימעלען אָנגעוואַקסן דער הויקער. נאַראָנים מענטשן האָבן זיך לשם מזל אָנגעריבן אין שימעלען. די טאַטע־מאַמע האָבן שימע־לען געטרייסט: זון מיינער, וועסט פאַרשפּאָרן צו דינען אין מיליטער.

כך הווה: בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט שימעלע הויקער נישט געפילט דעם טעם פון אַ ביקס. במקום צו שיסן מיט קוילן, האָט ער

געשאָסן מיט אַרבעט. — די סאָוויעטן, צו וועמען שימעלע הויקער איז פאַרפאַרן איי דער מלחמה־צייט, האָבן דעם בעל־מום משלח געווען אין אַ מקום־עבודה, אין אַן אָרט, וווּ מען האָט רק געאַרבעט בגדים פאַר די פראָנטאָוויקעס.

שימעלע הויקער האָט נאָך דער מלחמה געטאָן דאָס, וואָס אַלע לעבן געבליבענע יידן האָבן געטאָן — ער האָט זיך געשמוגלט דורך גרענעצן, ער איז געזעסן אין אַ „די־פּי״־לאַגער, ער איז געווען אַן אויסגעוואָרצל־טער, ער האָט נישט געהאַט קיין היים.

ביז עס איז געקומען דער טאָג, ווען עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל.

דעמאָלט איז געוואָרן אַ שמחה ביי אַלע אויסגעוואָרצלטע יידן, דעמאָלט האָבן אַלע גענומען האַק און פּאַק און געקומען קיין מדינת ישראל. דע־מאָלט איז אויך שימעלע הויקער געקומען אין לאַנד אַריין.

די געקומענע יידן מעבר לים האָבן זיך באַזעצט אין די היגע מקו־מות — איש תחת גפנו ותחת תאנתו, וווּ ער אין אַ שיכון, ווער אין אַ בית־משותף. ווער עס האָט נישט געהאַט די אַפּותיקא איז געזעסן אין דער היים, אין דער מעברה פון געצעלטן, צריפים און פּחונים.

היות שימעלע הויקער האָט געהאַט די מטבע, האָט ער באַקומען די דעה. שימעלע האָט זיך געקויפט אַ דירה נאה, די דירה האָט ער אויסגע־מעבלירט און זיך דערפילט מעשה־מענטש.

ווי נאָר שימעלע הויקער האָט זיך אויסגעמענטשלט, האָט ער באַקו־מען יצר־הרע. ער האָט געקריגן גרויס חשק צו אַ ווייב. אויף זיין גאַס און אויף אַלע גאַסן אַרום אין תל־אביב האָט געשווינבלט מיט שיינע וויי־בער, וואָס האָבן ווי אַלע מענטשן, נאַראָנים, זיך בלויז אָנגעריבן, לשם מזל, אין שימעלען, זיי זאָלן האָבן מזל ביי אַנדערע מענער; אויף שימעלען, וואָס איז לעולם אַזאַ מאַן ווי אַלע מענער, האָבן די נשים לגמרי נישט גע־לייגט קיין אַכט.

האָט דאָס שימעלע הויקער שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט פון פאַרדרוס זיך גענומען עוסקן אין דער עבודה, און וואָס מער שימעלע האָט געניים — אַלץ מער איז געוואַקסן די אַפּותיקא, און וואָס מער עס

האט זיך געמערט דאס געלט, אלץ מער איז שימעלען דעם הויקער נמאס געוואָרן די וועלט.

ביז עס איז געקומען דער מאָמענט, און פאַר שימעלען האט אויפגע־שיינט די זון.

געווען איז עס אַ שיין ווייבל פון אַ ווייטער גאַס אין תל־אביב. דאָס שיינע ווייבל, וואָס האָט זיך ביי שימעלע דעם הויקער געניית אַ קאָסטיום, האָט מיט איר ווייבערישן חוש דערפילט אַ ריח פון עשירות, אַז אַ היפש פאַרמעגן שטעקט אין שימעלע הויקער.

האָט זי שימעלען גענומען אין דער אַרבעט אַריין. קודם כל האָט זי, בשעתן מעסטן דעם קאָסטיום, אַנטפּלעקט שטיקער פון איר שיינעם גוף, פון וואָס שימעלע הויקער איז שיער נישט פון דער הויט אַרויס.

דערזען, אַז דער יצר־הרע האָט אָנגעכאַפּט דעם שניידער, האָט דאָס שיינע ווייבל גענומען און זיך נאָר מער אַנטבלויזט. — בכוונה האָט זי געהייסן מעסטן אויף זיך דאָס מלבוש, דעם קאָסטיום, אַזוי לאַנג, ביז שימעלע הויקער האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס מיינט זי אים, איז אים דערפון אַזש וואַרעם געוואָרן אין אַלע איברים.

בקיצור, פונעם מעסטן דעם קאָסטיום איז אַרויסגעקומען אַ שידוך. דאָס שיינע ווייבל האָט צו וויסן געטאָן שימעלען, אַז זי איז אַ גרושה, און אַז עס מאַכט איר נישט אויס צו האָבן שימעלע הויקער פאַר אַ מאַן.

ווייטער איז אַלץ געגאַנגען כשורה: שימעלע הויקער האָט מיט מזל חתונה געהאַט און עס איז אים אָוועק אַ גוטער טאָג.

דאָס שיינע ווייבל האָט זיך געלאָזט באַקליידן און באַשיכן, זי האָט זיך גענומען פּוצן און צירן און אָנדולירן די שיינע האָר אויפן קאָפּ. זי איז געפאָרן אין די ארץ־ישראלדיקע וואַרעמבעדער און זיך געלאָזט וואויל־גיין פאַר אַלע צייטן.

דאָס שיינע ווייבל האָט זיך צוגעכאַפּט צו שימעלעס אַפּותיקא, צום געלט־אוצר, און אים אויסגעליידיקט עד לפ״ק.

און ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט, האָט דאָס שיינע ווייבל אַ זאָג געטאָן צו שימעלע הויקער — דיינו — גענוג, זי וויל מער נישט זיין אונטער איין דאַך מיט אַ בעל־מום און אַ קבצן דערצו. זי וויל אַ גט.

שוין איז דאָס פּאָרל דערשינען אין קהילה־הויז צו משפּטן זיך אויף אַ גט.

דער פּקיד מיטן קאַפּל, וואָס האָט ערשט נאָר וואָס ביידע פאַרשריבן אויף אַ חתונה, האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן:

— ס'טייטש — האָט ער געזאָגט און געגאַפט — איר האָט דאָך נאָר וואָס חתונה געהאַט און שוין ווילט איר זיך גטן?

האָט שימעלע הויקער אַראָפּגעלאָזט טרויעריק די נאָז, אָפּגעזיפצט און אַזוי געזאָגט:

— וואָס קען איך טאָן, אדוני, אַז איך געפעל איר נישט.

— וואָס הייסט, איר געפעלט איר נישט, — האָט דעם פּקיד אָנגע־כאַפּט אַ מיטלייד — און פאַר דער חתונה ביסטו איר יאָ געפעלן?

— דעמאָלט איז געווען מיין צייט.

— וואָס הייסט „דיין צייט"?

— עס הייסט, אַז איך, שימעלע בעל מום, האָב געהאַט אַ צייט, ווען עס האָט זיך ביי מיר נישט אָנגעזען דער מום.

— כ'בין נישט משיג די זאַך — האָט דער פּקיד מיטן קאַפּל גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— וואָס איז דאָ צו דיסקוטירן — האָט שימעלע הויקער אויף ס'ניי אָפּגעזיפצט — די זאַך איז פאַרביי. שרייבט ליבערשט אויס, אדוני, דעם גט.

— זאָל איך שרייבן דעם גט אָן שום התחייבותן?

— זאָל זיין אַזוי.

— פאַר וואָס עפּעס?

— ווייל בלית ברירה.

דער פּקיד מיטן קאַפּל אויפן קאָפּ האָט געשריבן, שימעלע הויקער האָט דערביי געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיך געפרייט, דערביי איז פון ווייטנס געשטאַנען דאָס שיינע ווייבל און געהאַט אַ קאַלטע און זויערע מינע אויפן פּנים.

עס האָט זי גאָרנישט געאַרט, אַפילו דאָס, וואָס עס האָט זיך, לפנים, געפרייט דער הויקער.

בין איך מיר געפאָרן קיין אָדעס...

די העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט לייבל גרין פון גאַליציע און מיט דער געלער בעטי פון אָדעס, האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער פאַרוואָרפענער רוסישער באַן־סטאַציע אוראַלסק, ערב דער ווייסטער מלחמה פון די סאָוויעטן מיט היטלער־דייטשלאַנד און זי האָט זיך בשלום פאַרענדיקט אין תל־אביבער קהילה־שטוב, ווו מען איז עוסק אין הלכות גיטין.

לייבל גרין, וואָס האָט אין גאַליציע זיך אויסגעלערנט צו פאַרריכטן ניימאַשינען, האָט נאָכן אַריינקומען פון די סאָוויעטן קיין גאַליציע זיך ווערבירט אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד, בתנאי צו פאַרריכטן דאָרט ניי־מאַשינען. די רוסן האָבן לייבלען אָוועקגעפירט קיין אוראַלסק. זיי האָבן אים בכבוד גדול אַריינגעזעצט אין אַן אייזערנער מאַשין, אַ ווינדע בלע״ז, וואָס האָט זיך טיף אַראָפּגעלאָזט אין דער ערד און האָבן אים געהייסן גראָבן קוילן. אין מיטן גראָבן זענען איינגעפאַלן די קוילן־גרובן און חוץ מזה איז געוואָרן אַ וואַסער־פאַרפלייצונג, און לייבל גרין האָט זיך, קוים אַ לעבעדיקער, אַרויסבאַקומען פון טיפן פינצטערן קבר. ציטערנדיק מיט אַלע זיינע אברים איז ער אַוועק צו די עלטסטע, וועמען ער האָט צווויסן געטאָן, אַז ער, לייבל גרין, איז געקומען אַהער נישט צו גראָבן קוילן, נאָר צו פאַרריכטן ניימאַשינען.

די עלטסטע האָבן לייבלען געענטפערט, אַז אין אוראַלסק איז נישט בנמצא אַזאַ פאַך. און אויב עס געפעלט אים נישט דאָס גראָבן קוילן, קאָן ער ביי זיי גלייך פועלן מען זאָל אים אַראָפּשיקן נאָך טיפער אין דער ערד אַריין און ער זאָל גראָבן די קוילן בעל כרחו, משמע שוין נישט אַלס פרייער „גראַזשדאַנין״, נאָר אַלס „זאַקלוטשאָני״.

דערהערט אַזעלכעס, איז לייבלען פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן און שווער אויף דער נשמה, און אַריינטראַכטנדיק אין דער זאַך איז לייבל

געקומען צום אויספיר, אַז די איינציקע רעטונג זיינע וועט זיין צו אַנטלויפן וואָס שנעלער פון אוראַלסק, און לייבל גרין האָט אַנגעהויבן אַנטלויפן צוריק אַהין, קיין גאַליציע. קודם כל איז ער געקומען צו לויפן אויפן אוראַל־סקער וואָקזאַל און אַזוי וואַרטנדיק אויף דעם אָנקום פון דער באַן, האָט ער באַקענט דאָס פּרויענצימער, די געלע בעטי, וואָס איז געפאָרן פון אוראַלסק קיין אָדעס און וואָס איז געווען געקליידט „פּאָ רוסקו״, אין אַ וואַטענער פופייקע.

די געלע בעטי, וואָס האָט געהאַט אַ יידיש האַרץ, האָט אויף לייבלען גלייך געוואָרפן אַן אויג און האָט אים צוגעצויגן מיט איר ווייבלעכן כוח, און ווען די באַן איז אָנגעקומען און זיי זענען ביידע איינגעשטיגן און אָפּ־געפאָרן, האָבן זיי שוין געהאַט פאַרקניפּט צווישן זיך אַ האַרציקן שמועס און דערביי האָט לייבל דערציילט פון זיינע איבערלעבענישן אין אוראַלסק.

די באַן האָט זיך דערוויל געטראָגן איבער וויסטע ערטער, איבער געדיכטע וועלדער. לייבל און בעטי האָבן דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט אויף גאָטס וועלטל און האָבן געזען ווי עס בייט זיך די נאַטור. די באַן איז געלאָפן און פאַר זייערע אויגן האָבן פאַרבייגעשוועבט גרינע פעלדער, דערפער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געביטן אויף קאַלכאָזן, סאָווכאָזן און שטעט און שטעטלעך מיט הייזער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטאַרט פאַבריק־קוימענס. די געלע בעטי האָט פּלוצלינג אָפּגעריסן איר בליק פון וואַגאָן־פענצטער און זיך געווענדט צום גאַליציאַנער בחור:

— טאָוואַרישטש לייבל — האָט זי געזאָגט — אפשר וואָלט איר מסכים געווען מיט מיר צו פאָרן קיין אָדעס?

— וואָס וועל איך טאָן אין אָדעס?

— וואָס האָט איר געטאָן אין גאַליציע?

— כ׳האָב פאַרריכט ניימאַשינען.

— מען וועט אייך אין אָדעס פאַרשיטן מיט קאַליעדיקע ניימאַשינען און איר וועט דאָרט שאַרן גאָלד.

אַזוי אַרום איז לייבל גרין אָנגעקומען קיין אָדעס און איז גלייך פאַר־פאָרן צו בעטיס עלטערן, וואָס זענען געווען שניידערס און האָבן געוווינט אויף דער סטאַליך־גאַס אין אַ שטוב מיט אַ קיך.

ווי נאר לייבל גרין האט איבערגענעכטיקט די ערשטע נאכט, אזוי האט אים בעטיס פאטער דער שניידער אונטערגערוקט צו פאררריכטן א שברי־כלי, די ניימאשין, און ווי נאר לייבל גרין האט פאררריכט די מאשין, אזוי האט בעטיס טאטע אנגעהויבן רעדן מיט לייבלען תכלית.

— הער אויס, לייבל, צו וואס און צו ווען זאלסטו זיך ארומדרייען סתם אזוי און זיין נע ונד? האב חתונה מיט מיין טאכטער, וועסטו וויסן פון א לעבן.

דערביי האט ער לייבלען צוגעפירט צום אייזערנעם קופערט און אים געוויזן בעטיס חתונה־אויסשטייער: שניי־ווייסע לייוונטן פאר בעטציייג, זיידענע שאלן, וואלענע קליידער און ווייסע שיך צו גיין אונטער דער חופה.

און ווי נאר לייבל גרין האט חתונה געהאט מיט דער געלער בעטי און האט געהאלטן אין פאררריכטן א ניימאשין, איז אויסגעבראכן די מלחמה מיט די היטלער־דייטשן, וואס האבן זיך מיט גרויס געאייל דערנענטערט צו אדעס. ווען די נאציס האבן זיך שוין געהאט דערנענטערט צו אדעס, האבן די רוסן מאביליזירט לייבלען אין מיליטער, און נאכן גיין אהין און אהער אין קאמף־מארש, איז לייבל צוזאמען מיט זיין איינהייט אנטלאפן קיין טיף רוסלאנד, נישט וויסנדיק וואס עס איז געווארן מיט זיין ווייבל די געלע בעטי.

די בלוטיקע מלחמה־צייט האט זיך מיט מזל געענדיקט, לייבל גרין איז בשלום ארויסגעקומען א גאנצער פון דעם מלחמה־גיהנום און איז אנגעקומען קיין מדינת ישראל. דא האט ער חתונה געהאט מיט א פרישׂ ווייב.

די געלע בעטי איז אויך נישט געזעסן ליידיק. זי האט זיך עוואקויִרט פון אדעס אין דער סאמער מלחמה, און ווען לייבל גרין האט נישט געלאזן פון זיך הערן, האט זי חתונה געהאט מיט א ווילן מאן פון פוילן, וועלכער האט בעטין אוועקגעפירט קיין מדינת ישראל צו וווינען צוזאמען מיט כל ישראל.

אין א הייסן ליכטיקן זומער־טאג, האט לייבל גרין, נאכן פאררריכטן א ניימאשין, פלוצלינג באגעגנט זיין ערשט ווייב, די געלע בעטי, אויף א

גאַס אין תל־אביב. פון איבעראַשונג זענען בײדע שיער נישט געפאַלן אין חלשות, שיער נישט פאַרלוירן ס׳לשון. ערשט ווען די איבעראַשונג איז אַריבער האָבן בײדע זיך צערעדט און בײדע האָבן זיך איבערגעגעבן, אַז זײ האָבן זיך פאַרבונדן — ער מיט אַן אַנדערע פרוי און זי מיט אַן אַנדערן מאַן.

אין אַ הײסן זומער־טאָג זענען לײבל גרין און די געלע בעטי דערשינען אין דער תל־אביבער קהילה־שטוב און האָבן זיך דערנענטערט צום פרומען פּקיד וואָס זיצט אין דער ראַבינאַט־אָפּטײלונג, ווו מען איז זיך מתעסק מיט גיטין וקדושין. בײדע האָבן זיך שואל עצה געווען מיטן פּקיד, דעם בקי אין הלכות גיטין, וואָס צו טאָן. דער פּקיד האָט זײ אויסגעהערט און לסוף פאַרשריבן למען ישמעו ויראו. ווען דער פרומער פּקיד האָט געהאַט פאַרענדיקט דאָס פאַרשרײבן און האָט געזאָגט: „בסדר גמור״, האָבן דעמאָלט לײבל גרין און די געלע בעטי זיך געגעבן די הענט און האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויפן זעלבן אָרט אין ראַבינאַט, געוויר צו ווערן דעם רעזולטאַט פון זײער בקשה אויף אַ גט.

אַ גליק האָט אים געטראָפן

זיינוול בלאַכאַזש, וואָס האָט אין פּוילן פאַר דער מלחמה געמאַכט אַ לעבן פון אויסאַרבעטן בלעכענע כלים, האָט אין מלחמה־צייט געטראָפן אַ גרויס גליק, וועגן וועלכן ער האָט אַפילו נישט געחלומט.

זיינוול בלאַכאַזש, וואָס איז בסך הכל געווען אַ פּראָסטער חי וקיים, אַ פּשוטער בעל־מלאכה, איז אין מלחמה־צייט פאַרטריבן געוואָרן אין דער רוסישער שטאָט טשעליאַבינסק. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט אַזש מיט אַ דאָקטאָרין, וואָס האָט געהייסן וויערא ראַבינאָוויטש. זי איז געווען אַ פרוי נישט צום פאַרזינדיקן, מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען, אַ שטאַלטנע פיגור און מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרייזלטע לאָקן, וואָס האָבן וויעראַן באַשיינט און באַקריינט.

געווען איז וויעראַ ראַבינאָוויטש אַ דאָקטאָרין אין טשעליאַבינסקער שפּיטאָל, ווו זיינוול בלאַכאַזש איז געלעגן קראַנק אויף דער אַלגעמיינער מחלה בשם „צינגאַ" — אַזאַ קרענק, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צו אַלע הונגעריקע און אויך צו זיינוול בלאַכאַזש, וועלכער איז געווען אַ הונגעריקער פּליט פון פּוילן און נישט געהאַט קיין העמד אויפן לייב. ווען עס איז געקומען די צייט פאַר זיינוולען צו פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל, האָט אַקוראַט דעמאָלט געבושעוועט אין דרויסן אַן אייזקאַלטער ווינט און אַ שניידיקע פראָסט. עס האָט געבראָטן און געבריט ווי אין אַ גיהנום. אין זיינוולען האָט אַזש געוויינט דאָס האַרץ, קוקנדיק אויפן ביטערן דרויסן. ער האָט גענומען קלאָגן פאַר דער דאָקטאָרין וויעראַ ראַבינאָוויטש.

— וווהין זאָל איך גיין אין אַזאַ ביטערן פראָסט?

האָט דער דאָקטאָרין אָנגענומען אַ רחמנות אויף זיינוולען:

— האָסט נישט קיין שטוב ווו אַריינצוגיין?

— כ'האָב נישט קיין שטוב און כ'האָב אַפילו נישט קיין וואַרעם

מלבוש אויפן לייב — האָט זיינוול אויסגעדריקט זיין פאַרצווייפלונג פאַר דער דאָקטאָרין וויערא.

— אויב אַזוי, קענסטו קומען צו מיר אַהיים.

און די דאָקטאָרין וויערא ראַבינאָוויטש האָט זיינוולען אַהיימגענומען צו זיך אין נידעריקן שטיבל, וואָס האָט געשטעקט אין עק שטאָט, דאָרטן, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וויסטער אוראַלער העק, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף.

ווי נאָר זיינוול בלאַכאַזש איז צו זיך געקומען נאָך דער הונגער־קרענק, אַזוי האָט פאַר אים אויפגעשיינט דאָס גליק אין געשטאַלט פון דער דאָקטאָרין וויערא ראַבינאָוויטש, וואָס האָט אין זיינוולען דערזען דעם מאַנצפאַרשוין מיט גוטע מידות.

און זיינוולס גליק איז געווען אין לשער. די דאָקטאָרין וויערא, וואָס איז געווען אַן אַלמנה, האָט זיינוולען מלבוש ערומים געווען, געקאָרמעט אים מיט גוטע מאַכלים, און מיט אַ מאָל האָט זי זיינוולען געלאָזט וויסן, אַז זי איז גרייט צו ווערן זיין ווייב. ווען זיינוול האָט דאָס דערהערט, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און חתונה געהאַט מיט דער דאָקטאָרין וויערא.

די חתונה האָט זיך אָפּגעשפּילט פּראָסט און פּשוט, אויפן פּראָלעטאַ־רישן שטייגער. דאָס פּאָרל איז אַוועק אין „זאַגס״ (ציווילער חתונה־אַמט) און זיך פאַרשריבן אַלס מאַן און ווייב. פאַרן דורכפירן דעם חתונה־אַקט האָט זיינוול, וואָס האָט אַפילו נישט געחלומט צו נעמען אַ דאָק־טאָרין פאַר אַ ווייב, געמאַכט זיך פולע באַוואָרענישן.

— וויערא דאָראָגאַיאַ, אפשר פּאַסט דיר דאָך נישט דער שידוך מיט זיינוול בלאַכאַזש?

— זיינוול, זיי נישט קיין נאַר און ברענג מיך נישט אין קיין פאַר־לעגנהייט.

— וויערא, דו ביסט נישט אַבי ווער.

— דו ביסט ווערט צו האָבן אַזאַ ווייב ווי איך.

דעמאָלט איז זיינוול בלאַכאַזש גערירט געוואָרן ביז טרערן און ער האָט געגעבן דער דאָקטאָרין וויערא ראַבינאָוויטש זיין הייליקע הבטחה:

— ווירא, כ׳בין דיר מבטיח ביי מיין לעבן, אַז פאַרן גוטס, וואָס דו טוסט מיט מיר, וועל איך פאַר דיר אָפּגעבן מיין לעצטן טראָפּן בלוט.

און ווייטער גייט די געשיכטע אַזוי:

די ביטערע מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, די היטלעריסטן זענען באַזיגט געוואָרן און די פּליטים האָבן זיך גענומען צוריקקערן אין זייערע היימען. אַזוי אַרום האָבן זיינוול בלאַכאַזש און ווירא ראַבינאָוויטש פאַר־לאָזט די וויסטע שטאָט טשעליאַבינסק און זיך געלאָזט אויפן וועג קיין פּוילן, דאָרט וווּ זיינוול איז געבוירן געוואָרן. בעתן פאָרן האָט זיינוול אָפּגעהיטן זיין ווייב ווירא ווי דאָס אויג פון קאָפּ. ער האָט געברענגט „קיפּיאַטאָק״ (הייס וואַסער) אין עשאַלאָן אַריין און האָט ווירען דערלאַנגט טיי מיט פאַרבייסעכץ. זיינוול האָט ווירען געמאַכט אַ געלעגער פון דעם געפּעק און זיך מיט איר געפּרייט, און בשעת מעשה האָבן זיך די באַן־רעדער געדרייט אַלץ נענטער קיין פּוילן און אַלץ ווייטער פון מקום אוראַל, וואָס ליגט ביי די טויערן פון סיביר.

ווען זיינוול בלאַכאַזש און ווירא ראַבינאָוויטש זענען אָנגעקומען קיין פּוילן און האָבן דערזען ווי יידן זענען דאָרט נישט זיכער מיטן מאָרגן, האָבן זיי ביי זיך געפּועלט צו פאַרלאָזן פּוילן און צוזאַמען מיט אַחינו בני ישראל זענען זיי געקומען קיין ישראל און האָבן זיך באַזעצט אין אַ שיכון, נאָענט פון תל־אביב. און ווי נאָר די געוועזענע בירגער פון קאַלטן טשעליאַבינסק האָבן זיך אָנגעוואַרעמט אין הייסן ישראל, האָט זיך זיינוול גלייך גענומען צו זיין מלאכה בלעכמאַכעריי און דערביי אַלעמען דערציילט, אַז זיין ווייב איז אַ דאָקטאָרין.

זיינוולס גרויסן זיך מיט זיין ווייב האָט אים טייער געקאָסט, וואָרעם ווירא ראַבינאָוויטש איז דערפון מפורסם געוואָרן אַלס אַ ספּעציאַליסטין, און איז פאַרבעטן געוואָרן צו פּראַקטיצירן אין אַ קופּת חולים. עס איז איר צוגעטיילט געוואָרן גרויס כבוד, און עס האָבן זיך אַרום ווירען גענומען שאַרן אַזעלכע פאַרערער, ווי דאָקטוירים, אַפּטייקער און אויך הויכע פּקידים, און עס האָט זיך איינער אַ רופא שיניים, אַ קאַוואַליער, ממש פאַר־ליבט אין ווירא ראַבינאָוויטש, וועמען די שוואַרצע געקרייזלטע האָר

האָבן באַשיינט און באַקריינט. היוצא לנו מזה, האָט וויעראַ חרטה באַקומען און האָט מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן צום מאַן זיינוול בלאַכאַזש:

— זיינוול, זיי נישט בייז ווען כ׳וועל דיר זאָגן, אַז עס איז געקומען די צייט, מיר זאָלן זיך צעשיידן.

— וויעראַ דאָראָגאַיאַ, פאַר וואָס עפּעס זאָלן מיר זיך צעשיידן, אַז מיר לעבן ביידע ווי אָדם וחוה אין גן־עדן?

— זיינוול, דו מוזט פאַרשטיין, אַז מיר ביידע זענען נישט קיין צוגע־פּאַסטע פּאָר.

האָט זיינוולען גענומען שטיקן די טרערן און ער האָט זיך גענומען ערגערן:

— וויעראַ, פאַר וואָס האָב איך אין טשעליאַבינסק געטויגט פאַר דיר און דאָ האָב איך אויפגעהערט צו טויגן.

— זיינוול, די צייט איז שולדיק אין דעם.

— וויעראַ, איז דאָס דיין לעצטער באַשלוס?

— זיינוול, מיר מוזן זיך גטן.

איז כדאי צו באַשרייבן, ווי אַזוי זיינוול בלאַכאַזש און די דאָקטאָרין וויעראַ ראַבינאָוויטש זענען געקומען אין ראַבינאַט און האָבן זיך אַוועק־געשטעלט אין עקסטרע חדר, צוגלייך מיט אַלע מענער, פרויען, קאַנדידאַטן אויף גטן זיך.

זיינוולען איז נישט געווען צו דערקענען. דאָס פּנים איז אים געוואָרן אויסגעבלייכט, ווי עס וואָלט אים ווער אויסגעזויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט. דערצו איז ער געווען אָנגעטאָן אין זיינע בגדי עבודה. די דאָק־טאָרין וויעראַ ראַבינאָוויטש איז, להיפך, געווען אויסגעסטראָיעט ווי אַ גראַנד־דאַמע אין היינטצייטיקע קליידער. איר שוואַרץ־געקרייזלטער קאָפּ האָר איז געווען פריש אָנדולירט און איר פּנים האָט געשיינט. זיינוול האָט נישט פּראָטעסטירט. ער איז געשטאַנען שאַ־שטיל אין דער ריי און גע־וואַרט אויפן גט.

מוינע פון בלוינע

דאָס ווייבל דבורה איז געווען אַ מאָל אַ וואַזשנע שטיקל סחורה. אין קליינעם שטעטל אין פּוילן האָט דבורה געפּירט אַ ליבע מיטן בחור מוינע פון בלוינע, וואָס האָט זיך געגרייט צו שטודירן און איז דערוויַיל אַרומ־געגאַנגען אין שיך אָן זוילן.

מיט מוינען האָט דבורה ראָמאַנסירט, מיט פישל בעקער האָט זי זיך אַרומגעפּירט, און פאַר הערשן דעם מאַנופאַקטור־אַנגעשטעלטן איז זי אַ כלה געוואָרן און האָט זיך געלאָזט נייען דעם התונה־אויסשטייער ביי דער שיינער מינדל דער נייטאָרין.

בינו לבינו האָבן פּאַסירט אַזעלכע זאַכן, פון וואָס עס האָט געלאַכט דאָס גאַנצע שטעטל. דבורהס חתן, הערשל, האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער מינדל דער נייטאָרין און האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך. פישל בעקער איז אַוועק צום מיליטער אויף מאַנעווורעס און פון דאָרטן קיין אַרגענטינע, און מוינע איז אָנשטאָט אַ סטודענט, גאָר געוואָרן אַ חלוצל אין לאָדזש.

אין שטעטל האָט מען געטייטלט אויף דבורהן, וועלכע איז אַרומגע־גאַנגען ווי אַ פאַרשעמטע כלה, און אַלע האָבן געוווּסט, אַז דבורה האָט זיך געגעבן אַ נדר, אַז קיין שום מאַנצפּאַרשוין זאָל מער נישט איבער־טרעטן די שוועל פון איר חדר.

היות די יאָרן שטייען נישט און די צייט רוקט זיך, איז דבורה געוואָרן אַ פאַרזעסענע מויד מיט אַ בויד ביליקע סחורות אויפן שטעטלשן מאַרק־פּלאַץ. און היות אין שטעטל האָבן נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטן, וועל־כע האָבן נישט פאַרגינען די יידן דעם ביסן ברויט און האָבן אַלעמען גע־הייסן גיין קיין פּאַלעסטינע, האָט דבורה באַשלאָסן צו פאָלגן די גויים, בפרט ווען זי האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון מוינען, אַז ער איז שוין אין ארץ־ישראל און אויב זי וויל, קען זי אויך קומען צו פאָרן צו אים אין

קיבוץ אַריין. ער איז דאָ, שרייבט ער, אַ גאַנצער מאַכער און ער קען איר אַרויסשיקן אַ סערטיפיקאַט.

דבורה האָט נישט לאַנג געטראַכט און אין אַ בריוו אָפּגעמאַכט מיט מוינען, אַז זי קומט קיין ארץ־ישראל, ווי נאָר זי וועט דערהאַלטן פון פּאַלעסטינע־אַמט די פּאַפּירן.

עס זאָגט זיך אָבער אַ ווערטל, אַז דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. איז אויסגעבראָכן די בייזע היטלער־מלחמה מיט פּוילן, און גלייך איז דאָס שטעטל געוואָרן אָפּגעשניטן פון דער גרויסער וועלט.

אין שטעטל האָבן אַריינמאַרשירט די היטלעריסטן. דבורה איז אין איינער פון די פינצטערע נעכט אַוועק פון שטעטל און האָט זיך געלאָזט גיין קיין מערב־אוקראַינע, וואָס אויף יענער זייט פון טייך בוג, ווו עס האָבן געוועלטיקט די סאָוויעטן. דבורה איז געגאַנגען פיל טעג און פיל נעכט. אויפן וועג האָט זי זיך געהיטן פאַר די בייזע רוחות, די נאַציס, וואָס האָבן מיט יידיש בלוט באַפּאַרבט די פּוילישע וועגן. אַזוי איז דבורה בשלום אַריבער דעם בוג און ווייטער איז זי שוין געפאָרן מיט באַנען קיין לעמ־בערג, קיין קיעוו, קיין כאַרקאָוו. דערנאָך איז זי מיט טויזנטער אַנדערע פּליטים אַנטלאָפן טיפער קיין רוסלאַנד און איז דורכגעפאָרן דורך גאָרקי, סאַראַטאָוו, טאַמבאָוו, קווּבישעוו, טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, בוכאַראַ — און אומעטום איז איר געווען שלעכט, ערגער ווי אין דער צייט, ווען איר חתן הערשל האָט זי פאַרלאָזט און פאַרשעמט פאַר לייטן.

הק צור, דבורה האָט מיט גרויס סכנות נפשות איבערגעלעבט די שווידערלעכע מלחמה און ווי אַלע אין איר מצב, זיך צוריקגעקערט צו ערשט קיין פּוילן, דערנאָך ווייטער קיין עסטרייך, דייטשלאַנד, ווו זי האָט דערווייל, אויס יאוש, חתונה געהאַט מיט אַ מאַן אַ טויגעניכטס, און דורכן פראַנצנלאַנד איז זי צוזאַמען מיט אים געקומען קיין ישראל. דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב.

איין מאָל, אין מיטן נאַכט, בשעת דבורה איז געלעגן אין טיפן שלאָף, האָט זיך איר געחלומט אַ גוטער חלום. עס האָט זיך פאַר איר באַוויזן איר מוינע פון בלוינע, אין בלאַנקעדיקע בגדים פון כאַקי־קאָליר, מיט אַ סער־טיפיקאַט אין האַנט און האָט געטאָן אַזוי זאָגן: — טייערע דבורה, געזונט

זאָלסטו זיין, היתכן, דבורה, ווי אַזוי האָסטו דאָס אין מיר געקאָנט פאַר־געסן, בעת איך, מוינע, טראַכט וועגן דיר טאָג און נאַכט...

האָט זיך דבורה פון אַט די זיסע רייד דערפילט אין זיבעטן הימל.

— טייערע מוינע — האָט זי געזאָגט, — ווי אַזוי זאָל איך דיך אין זינען האָבן, אַז כ'האָב שוין אַ מאַן.

— האָסט כאָטש אַ לייטישן מאַן, דבורה? — האָט מוינע טרויעריק געפרעגט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מוינע? מיין מאַן איז אין גאַנצן נישט קיין לייט און ער טויג זיך נישט אויס.

— אויב אַזוי, דבורה, וואָלט געווען אַ יושר אים צו גטן.

— ביסט גריילעך גערעכט, מוינע, נאָר איה אמצאך? ווו טוסטו זיך אויפהאַלטן, ווו איז דיין אַדרעס, מוינע, כ'זאָל נאָכן אָפּגטן מיין מאַן נישט בלייבן קיין אייביקע גרושה?

— מיך קענסטו געפינען אויפן אַקער־לאַנד, אַ תחום־שבת ווייטער פון תל־אביב.

דאָס זאָגנדיק, האָט מוינע אַ שאַרף געטאָן מיטן פּאַפּיר פון דעם סערטיפיקאַט, און האָט אַרויסגעשוועבט פון דבורהס חדר דורכן פענצ־טער, אויסהאַקנדיק דערביי אַ שויב. פונעם בראַזג פון גלאָז, האָט זיך דבורה אויפגעכאַפּט מיט אַ גרויס געשריי און האָט זיך גלייך דערכאַפּט דאָס אַנטלאָפענע האַרץ מיט אַ זיס גלאָז טיי. אין דרויסן איז שוין דעמאָלט געווען העלער טאָג און די פייגעלעך אויף די גרינע ביימלעך האָבן שוין געשפּילט און געפלויגן פון צווייג צו צווייג.

דער חלום מיט מוינע פון בלוינע איז דבורהן אַריין אין קאָפּ אַריין.

ווי אַ היינטיקע אשה וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אַ וועלט, האָט דבורה גענומען נאָכפרעגן ביי לייטן, צי זיי קענען נישט אַ מאָל אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען מוינע פון בלוינע, וואָס איז געקומען אַלס חלוצל פון פוילן קיין ארץ־ישראל און האָט זיך דערוואָרבן אַן אייגענע נחלה ביי תל־אביב. און אַז מען פרעגט דערפרעגט מען זיך. האָט דבורה אַזוי לאַנג געפרעגט ביי לייטן, ביז זי האָט מוינען דערוווּשט אין אייגענעם מושב

הינטער דער שטאָט, פּונקט דעמאָלט, ווען מוינע האָט אָנגעקאָרמעט די הינער אין לול, די בהמות אין שטאַל און די שאָף אויף דער לאָנקע.

ווי נאָר מוינע האָט דערזען דבורהן, איז ער שיער נישט משוגע געוואָרן פאַר גרויס שמחה. ער האָט געלאָזט שטיין די היימישע חיות און האָט דבורהן פאַרבעטן אין זיינע חדרים אַריין, האָט אויפגעשפּילט דעם ראַדיאָ, אויסגעמאַכט דעם פּריזשידער און האָט דבורהן געוויזן זיין גאַנץ עשירות, וואָס נייטיקט זיך נאָר אין אַ ווייבערישער האַנט.

— פאַר וואָס האָסטו נישט חתונה, מוינע? — האָט דבורה ליבלעך געפרעגט.

— ווייל איך קען דיך נישט פאַרגעסן.

— האָסט מיך נאָך אַלץ ליב?

— כ'וועל דיך אייביק ליב האָבן.

אַזוי האָט דבורה דערציילט פאַר די וואַרטנדיקע נשים אין ראַבינאַט־חדר, הסמוך צום בית־דין־שטיבל, בעתן וואַרטן אויפן גט, וואָס איז איר צוגעפּסקנט געוואָרן דורכן ראַבינאַט, מיט דער הסכמה פון איר מאַן, דעם שלימזל.

קול קורא במדבר

אין אַ טראַגישער צייט האָט אלתר וואַרשעווער חתונה געהאַט מיט ציפּע דער לאָדזשערין.

דאָס פּאָרל האָט נישט געהאַט קיין לייטיש מלבוש אויפן גוף. ביידע זענען אין דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט געווען טויט־הונגעריק.

אין דרויסן האָט דעמאָלט געבושעוועט דער בייזער סיבירער פראָסט און אין שטיבל איז געווען קאַלט.

אַלתר וואַרשעווערס אחים־לצרה, די פאַרשיקטע לייט פון פּאַשיאַלאָק זענען געווען עדות ביי דער חתונה־צערעמאָניע, וואָס איז פאָרגעקומען פּיקטיוו — אָן נוסח, אָן מסדר קידושין און אָן אַ כתובה.

אַלתר וואַרשעווער האָט אויף דער גיך געזאָגט דעם „הרי אַת", „בטבעת זו" האָט ער פאַרפעלט צו זאָגן, ווייל אַ פינגערל מקדש צו זיין, איז נישט געווען בנמצא אין וויסטן העק אין פּאַשיאַלאָק הסמוך צו דער אייזקאַלטער שטאָט אַרכאַנגעלסק.

די עדות האָבן צוגעיאָגט דעם קץ, די כמו־חתונה, מהאי טעמא, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן דאָס אַרויסגיין אין דער פרי אין פאַרשנייטן וואַלד אַריין מיט דער בריגאַדע, אָנצוהאַקן די נאָרמע, זיבן קובּ־מעטער האָלץ.

אַזוי אַרום זענען אלתר וואַרשעווער און ציפּע די לאָדזשערין געוואָרן מאַן און ווייב.

דער אל עליון האָט געהאָלפן, דער זמן איז געקומען. דאָס פּאָרל האָט זיך בשלום צוריקגעקערט אַהיים אין דער פּוילישער מדינה, ווו אַ קבר אויף אַ קבר זענען געלעגן אומגעקומענע יידן, ווו יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

ס'פּאָרל האָט געמאַכט אַ חשבון־הנפש, אַז אין פּוילן איז נישט כדאי צו זיצן, ווייל קיין פריינדשאַפט איז נישטאָ, און קיין שריד פון דער פאַמיליע איז נישט געבליבן.

אלתר וואַרשעווער מיט זיין ווייבל ציפּע, וואָס זענען נישט געשטאַנען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אונטער דער חופּה, האָבן זיך אָ לאָז געטאָן איבער ימים און יבשה און אָנגעקומען קיין ארץ־ישׂראל.

זיי האָבן זיך באַזעצט אין נייעם מושב אין נגב, וווּ אַ ביסל ווייטער מפּתח ביתו האָט זיך געשפּרייט אַ מדבר מיט דערנער, זאַמד און שטיינער.

און דער בורא עולם האָט דאָ, אין דאָזיקן מדבר, נישט פאַרלאָזט אלתרן מיט זיין ווייב ציפּע.

עס איז אַדורך אַ שטיקל זמן, האָט זיך אַלתרס גאָרטן צעבליט מיט ציבעלעס און מייערן, מיט קאַרטאָפל און ראש־חודש־רעטעכלעך, מיט טאָמאַטן, מיט סאַלאַטן, מיט כלערליי שאר ירקות. אין לול האָבן זיך גע־האָדעוועט ווייסע עופות מיט רויטע קאַמען ווי קרוינען, אין שטאַל האָט געמעקעט אַ קו, פאַר דער טיר האָט געריטשעט אַן אייזל און אויף דער שוועל האָט אַ הונט געהיטן דאָס האָב־און־גוטס.

אלתר וואַרשעווער האָט, פּונקט ווי אַ פּויער מיטן אַקעראייזן, געאַ־קערט און געזייט די בייטן אין פעלד, און זיין ווייב ציפּע, וואָס איז נישט געשטאַנען אונטער דער חופּה כמו שכתוב, האָט מיט איין מאָל באַקומען חרטה אויפן גאַנצן עסק.

ציפּע דער לאָדזשערין האָט נישט געשמעקט דער מושב, וואָס איז פון אַ מדבר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשלעך מקום, עס האָט איר צוריקגעצויגן אין שטאָט אַריין, קיין תל־אביב.

פּעם אחת האָט ציפּע אַ זאָג געטאָן:

— אלתר, לאָמיר זיך אַרויסציען.

— וווּהין?

— אין שטאָט אַריין.

— נאָך וואָס אין שטאָט אַריין?

— דאָ איז מיר קאַלאַמוטנע.

— כ׳וועל דיר קויפן אַ ראַדיאָ.

— כ׳דאַרף נישט קיין ראַדיאָ.

בפּעם השניה, האָט שוין ביי ציפּען געפּלאַצט דאָס געדולד.

— אלתר, דאָ וועל איך נישט זיין.

— ציפּע, פאַר וואָס געפעלט דיר נישט דאָס אָרט?
— כ'האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט.
— וועסט זיך צוגעוויינען.
— כ'וועל מיך נישט צוגעוויינען.
— איז נישט.

דערהערט אַזאַ ענטפער, איז ציפּע ברוגז געוואָרן אויף אַן אמת, און אין אַ הייסן טאָג, ווען דער מדבר אַרום מושב האָט געגליט מיט פייער, איז ציפּע אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין, איבערלאָזנדיק אלתרן אַליין אויפן פעלד.

ציפּעס אַנטלויפן האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער שטוב־ווירטשאַפט. די חדרים זענען געשטאַנען אָפּגעלאָזט, די הויז־חפצים האָבן זיך באַדעקט מיט שטויב, דאָס געשיר איז נישט געוואָרן געוואַשן, דער שומר בית, דער הונט, האָט יאָמערלעך געוואָיעט אין די נעכט, דאָס אייזעלע האָט געריטשעט, די עופות אין לול האָבן געקוויטשעט און אלתר איז געוואָרן אויס מענטש.

גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין מדבר, אַ שפּאַן ווייטער פון מושב. די מדבר־דערנער האָבן אים געשטאָכן דאָס לייב, זאַמד איז אים געקראָכן אין די אויגן און טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. אין גאַנג האָט ער געזען ציפּען אין וויזיע, אַ גרייטע אָפּצופאָרן פון דאַנען אין שטאָט אַריין צו זיין צווישן מענטשן. ציפּע האָט פּלוצלינג אַוועקגעשוועבט פון זיינע פאַרטרערטע אויגן, אַלתר האָט זי געוואָלט אָנכאַפּן פאַרן זוים פון קלייד, נאָר זי איז נישט געוואָרן.

האָט אלתר, ווי נישט מיט זיין קויל זיך צעשריגן אין דער מדבר־ווייטקייט אַריין:

— ציפּע, ווו ביסטו, ציפּע!...

אַ שמועה איז דערגאַנגען צו אלתרן: אַז ציפּע, זיין געוועזענע געטרייע צווייטע העלפט, וואָס האָט עוקר געווען אין דער עיר הגדולה תל־אביב, גרייט זיך חתונה האָבן מיט דעם לאָדזשער לאַנדסמאַן, אַ סוחר.

דערהערט אַזאַ מעשה, האָט אלתר זיך אַוועקגעזעצט אין אָפּגעלאָזענעם חדר און גענומען שרייבן.

דאָס ערשטע ידידי־בריוועלע האָט ער אָנגעשריבן צו ק״ק (קהילה קדושה) אין תל־אביב:

— ואלה הדברים, וואָס איך גיב צו וויסן די חשובע דיינים, די ממונים איבער גיטין וקידושין.

למען השם, איר זאָלט חס וחלילה נישט אַריינברענגען בברית נשואין די מרת ציפּע בשם המשפחה כך וכך... אַ געבוירענע אין לאָדזש.

מרת ציפּע איז מיין ווייב, איך האָב זי מקדש געווען פאַר יידישע עדות בערב זו וזו, אינעם ליימענעם שטיבל אין פּאָשיאַלאָק הקרוב צו דער באַוווסטער שטאָט אַרכאַנגעלסק.

בלא יודעים, נישט צו וויסן פון קיין זאַך, איז מיין ווייב, ציפּע, אַנט־לאָפן פון מיר און לצערי הרב גרייט זי זיך אויף ס׳ניי חתונה צו האָבן.

מעומק לבי טו איך אייך ווייטער מודיע זיין שאהבתי את אשתי, אַז איך האָב תמיד מיין ווייב ציפּע פאַרגעטערט, ונפשי קשורה בנפשה, אַז מיר זענען געווען איין לעבן, איין נשמה.

בלי לדעת, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט זי עוקר געווען, האָט פאַרלאָזט דאָס הויז און מיך, אלתרן, בתוכם.

ממני אלתר פון מושב הנ״ל.

וייטב הדבר בעיני הדיינים, אלתרס בריוול האָט נושא חן געווען אין דער קהילה, ויעשו כן, און די דיינים זענען אַנטקעגנגעקומען אלתרס בקשה. ואלה הדברים, דאָס איז געווען דער ענטפער פון קהילה־פּקיד אשר בתל־אביב, בשעת ציפּע די לאָדזשערין איז געקומען מיטן לאַנדסמאַן צו פאַרשרייבן זיך אויף אַ זמן חתונה:

— גברת, — האָט דער פּקיד הקהילה געפאָכעט מיט אלתרס בריוול פאַר ציפּעס אויגן, — לא ניתן יד לזה, מיר וועלן אייך נישט פאַרשרייבן, ווייל איר זענט אַן אשת־איש.

— וואָס הייסט? — איז ציפּע געוואָרן בלאַס ווי קאַלך — אלתר איז דאָך נישט מיין געזעצלעכער מאַן.

— ווייזט אויף מיט עדות, אַז דאָס, וואָס איר זאָגט איז אמת.

— כ׳האָב עדות.

— ברענגט זיי אַהער.

— זיי וווינען אין חוץ לארץ.

— דאָס איז נישט גענוג. ברענגט די עדות אַהער אָדער זאָלן זיי שיקן בכתב מה שראו ומה ששמעו במרחקים, אין יענעם אָוונט אין רוסישן פּאָשיאָלאָק...

אלה תולדות נח

אין די ראַבינאַט־חדרים און קאָרידאָרן איז אַ יאַריד, באַאַמטע, כּלי־קודש פֿון ק״ק (קהילה קדושה) תּל־אָביב, משגיחים, מנקרים, נאמנים, סדרנים, שוחטים און דיינים, חברה קדישא־לייט און געסט, שפּאַרן זיך דורך טיר און חדר, לויפֿן, רעשן, טומלען מיט פּאַפּירלעך אין די הענט.

אין ראַבינאַט איז אַגיל ואשמח, לעבעדיק און פֿריילעך, און יעמוד רב נח בן שלום־מנוח. דער העלד קומט אָן צו לויפֿן אין ראַבינאַט אַריין ווי, להבדיל, אַ שטורעם־ווינט פֿאַר אַ גאַס־רעגן. הינטער ר׳ נחן שפּרייזט מיט אַ כאַלאַיאַסטרע — אַן אשה, אַ פֿאַרהילטע אין אַ שאַל און אפֿשר אַ צוועלף בנים, בנות, קליינוואַרג, קנאַכיקע, דאַרע און ברוינע ווי שאָקאָלאַדקעס.

ר׳ נח בן שלום מנוח, מיט זיין אויבן־אויסגערעכנטער כאַליאַסטרע „פֿאַלן אַריין" ווי אַ פּלוצימדיקער דונער פֿון הימל, גלייך אין חדר הראשי פֿון ראַבינאַט, וואָס איז ערשט דער פּרוזדור אין טרקלין אַריין, צום אבֿ בית־דין, דעם פּוסק שבפּוסקים.

רב נח צעטיילט זיין כאַליאַסטרע אויף צוויי מחנות. איין מחנה צעזעצט ער אויף די שמאָלע לאַנגע גלאַטיק־געהובליעוועטע ראַבינאַט־בענק, די צווייטע העלפֿט פֿון דער מחנה צעשטעלט ער אין די פֿיר ווינקלען פֿון אַ חדר. רב נח שפּרייזט אַוועק צו דער סאַמע טיר פֿון אבֿ־בית־דין, קלאַפּט אָן מיט כּוונה, אָבער אין קול ואין עונה. נח פֿוילט זיך נישט און קלאַפּט אָן נאָך אַ מאָל, שוין מיטן גאַנצן בינטל פֿינגער. דעמאָלט עפֿנט זיך די טיר און דער שמש, אַ ייד אַ הדרת־פּנים, אַ בייכיקער און פּולער, מיט באָרד און פּאות, אַ יאַרמלקע און אַלפּאַגן כאַלאַט, גיט אַ זאָג צו נחן:

— רב ייד, איר זאָלט מיר געזונט זיין, וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

— דעם אב־בית־דין בכבודו ובעצמו — ענטפערט ר׳ נח מיט אַ כיטרן שמייכעלע, ווייזנדיק דערביי אַ מויל מיט געלע ציין. — איך האָב אַ וואַזשנעם ענין צום בית־דין.

— ער איז נישטאָ אין דער היים. קומט צו גיין אין אַ וואָך אַרום — טוט זיך דער שמש אַ צעבייזער און האַקט צו די טיר מיט אַ טראַסק.

ווערט נח בן שלום מנוח מלא חימה. מיט פאַרשעמטע דראָבנע טריט שאַרט ער זיך אַוועק פון דער טיר און לאָזט זיך לויפן הין און צוריק אין חדר הראשי, ציפּנדיק די האָר פון שיטערן בערדל, און פון צייט צו צייט רייסט זיך פון נחן אַרויס אַ בייזער ברום.

פלוצלינג באַווייזט זיך אין קאָרידאָר איינער פון די ראַבינאַט־זיצער, אַ געל, דאַר יידל מיט נאָכהענגענדיקע ארבע־כנפות.

— מה רעש, וואָס זענט איר אַזוי אין כעס אויפן שמש? וואָס טוט איך אַזוי וויי?

נח איז צום געלן יידן צוגעפאַלן ווי פּוטער צו אַ הייס ברויט, און נישט וואַרטנדיק קיין איבעריקע מינוט, גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס עס ליגט אים אויפן האַרצן.

— מיין אשה, לא עליכם, איז מיר־נישט־דיר־נישט אַנטלאָפן פון שטוב און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט דער כאַליאַסטרע.

דער געלער ייד שטעלט אויף מויל און אויערן.

— איז דאָס נישט אייער אשה? — און ווייזט אָן אויף דער געהיל־טער פרוי, וועלכע זיצט מיט די קינדער אויף דער לאַנגער געהובליע־וועטער באַנק.

— זי איז מיין שוויגער, און די אמתע אשה, די מופקרת, וויל נישט איבערטרעטן די שוועל פון ראַבינאַט.

— ווי אַלט איז אייער פרוי? — גיט דער געלער ייד אַ פרעג כלאחר יד.

נח צופּט דאָס שיטערע בערדל:

— כ׳ווייס? זי וועט אַלט ווערן דעם חנוכה צוואַנציק יאָר.

— אלוקים שבשמים — גיט זיך דער געלער ייד אַ כאַפּ — צוואַנציק יאָר און זי האָט אייך שוין אָנגעבראַכט אַ טוץ קינדער?

— איך זע שוין, אַז איר זענט דער ריכטיקער חכם. די קינדער, ווי איר זעט זײ, זענען פון פיר פריערדיקע װײבער. די אַנטלאָפענע איז בײ מיר די פינפטע. מײנט נישט, אַז איך בין בלויז פון גלות בבל. איך בין אַ ייד פון די לובלינער קאַנטן, אַ פּולאַוװער.

— ס׳טײטש — נעמט דער געלער ייד לערנען פשט — אויב איר זענט אַ ייד פון פּוילן, ווי זשע קומט איר קיין גלות בבל?

— דער ענין איז פשוט. קיין באַגדאַד בין איך געקומען אַלס קלײן ײנגל. איך בין מיר געוואָרן אַ ייד פון בבל און איך האָב קיין עין־הרע צוועלף קינדער. די עטלעכע ווײבער זענען מיר אַוועק אויפן עולם האמת. אין דעם בין איך נישט שולדיק, פּונקט ווי איך בין נישט שולדיק, וואָס די איצטיקע אשה איז אַנטלאָפן. וואָס זשע טוט מען, ר׳ ייד? גיט אַן עצה.

דער געלער ייד האָט געקוועטשט מיט די פּלײצעס:

— אין עצה ואין בינה נגד די הײנטיקע נשים, וועלכע נעמען איבער די אַפּיקורסישע גענג, האַלטן נישט פון גײן אין מקווה, היטן נישט אָפּ טהרת המשפחה, פאַרלאָזן די מענער, לויפן צום שטן און טוען אָפּ כל עבירות שבעולם — ער האָט זיך אַזש צעקרעכצט — הײנטיקע נשים זענען מחלל שבת, קאָכן און באַקן אין די שבתים און היטן נישט קײן מצוות. היות, איך זע, ר׳ נח, אַז איר זענט אַ ייד אַ ירא שמים, וועט איך בזכות זה צוגעשיקט ווערן דער אמתער זיווג, אָמן...

דער געלער ייד האָט פאַרלאָזט דעם חדר הראשי פון ראַבינאַט. נח בן שלום המנוח האָט צוריק אײנגעזאַמלט זײנע בײדע מחנות מיט דער פאַר־הילטער שוויגער בתוכם און האָט אַרויסמאַרשירט פון ראַבינאַט.

אויס מענטש...

— רעדט איך אַראָפּ פון האַרצן וועט איך ווערן גרינגער — האָט אַ זאָג געטאָן דער רב, מיט דער ברייטער צעקעמטער באָרד, צום פאַר־צווייפלטן יונגנמאַן בשם לוי זויערקרויט, וועלכער איז געקומען זיך גטן מיט זיין ווייבל אירענע.

נעמט לוי זויערקרויט אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַרן פרומען רב.

„אַזוי און אַזוי רבי: ווען כ׳האָב חתונה געהאַט מיט אירענען, איז זי געוועזן אין מיינע אויגן די שענסטע און די בעסטע, און פאַר איר טובה וועגן בין איך גרייט געווען צו טאָן אַלץ אין דער וועלט. איז אָבער באַ־שערט אַן אומגליק, קומט עס אַליין אין שטוב אַריין. האָט פּאַסירט אין איינעם אַ טאָג, קומט זי, מיין ווייבל, צו לויפן צו מיר אין איין שרעק:

— לוי, — שרייט זי אויס, ווי נישט מיט איר קול — אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן, כ׳ווער דיקער פון טאָג צו טאָג.

נעם איך און באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס. — אירענע, — זאָג איך צו איר — עס איז טאַקע אמת, אַז דו ביסט דיקער געוואָרן, אָבער מיר מאַכט עס נישט אויס.

דערהערט דאָס, ווערט מיינע אויפגעקאָכט:

— גיי, — זאָגט זי צו מיר — דו ביסט נישט ווערט, אַז איך זאָל מיט דיר רעדן.

מילא, בין איך אַוועקגעגאַנגען אין גאַס צו מיינע געשעפטן און אַז כ׳בין צוריקגעקומען אַהיים, איז מיר דאָס ווייב אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ שמחה און אַ גדולה.

— לוי — רופט זי אויס מיט פרייד — כ׳בין נאָר וואָס געווען ביים דאָקטאָר, האָט ער מיך געהייסן פּראָווען אַ דיעטע פון היינט אָן.

— זאָל דיר זיין מיט מזל — האָב איך איר אָפּגעענטפערט און זיך

געהייסן דערלאַנגען דאָס מיטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון מיינע באַליבטע מאכלים: געפּרעגלטע הינערישע לעבערלעך מיט ציבעלעס, לאָקשן מיט יויך, קאָטלעטן פון אינדיק־פליש און אַן עפּל־קאָמפּאָט, מיט אַ גלעזל שוואַרצער קאַווע — אויף גוטער פאַרדייונג.

אויפן דריטן טאָג, ווען איך זיץ אַזוי ביים טיש און עס מיר מיינע באַליבטע מאכלים, דערזע איך, ווי מיין ווייב שטייט דערנעבן און שלינגט דאָס שפּייעכץ. פאַרשטיי איך גליך אין וואָס עס גייט און גיב אַ מאַך:

— אירענע, פאָלג מיך און וואַרף אַוועק די דיעטע.

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, ווערט זי אין שטיק כעס:

— ווילסט מיך אומגליקלעך מאַכן. — און זי נעמט זיך עסן די דיעטע־מאכלם, וואָס באַשטייען פון אויסטרינקען אַ גלאָז לימאָן־זאַפט מיט וואַסער, און פאַרבייסן מיט צוויי עפּל און דריי זויערע פלוימען.

איז אַוועק אַ וואָך און איך זיץ מיר ווייטער אַזוי ביים מיטאָג און האַק אַ סעודה. דערהער איך מיט אַ מאָל אַ געשריי פון מיין ווייב:

— לוי, דיינע זיבן גוטע יאָר האָבן זיך געענדיקט.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, מיין ווייב?

— וואָס מיינסטו דיר, דו וועסט עסן פון שענסטן און פון בעסטן, און איך וועל קוקן און דריקן?

און זי האָט אויפגעהערט צו קאָכן מיינע באַליבטע מיטאָגן, וואָס אַן זיי בין איך אויס מענטש.

אויסגעהערט די דאָזיקע געשיכטע, האָט דער רב, מיט דער ברייטער צעקעמטער באָרד, אַ טיפן שמייכל געטאָן און באַפוילן אַריינצורופן די אשה אירענע.

איז אַריינגעקומען אַן אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט ווייבל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

— איר האָט מיך גערופן, רבי?

— איך האָב אייך אַריינגערופן אַהער, כדי אייך אַריינצוזאָגן אַ פאַרציע מוסר — האָט אַ זאָג געטאָן דער רב און בעת מעשה זיך געגלעט די ברייטע צעקעמטע באָרד.

— וואָס ווילט איר זאָגן, רבי?

— הער אויס, אשה. איך, דער ממונה איבער די גטן בין איך מתרה, אַז מהיום והלאה זאָלט איר צוריק ווערן אַ געטרייע פרוי צום מאַן, ואם לאַ, וועל איך זיין געצוווּנגען צוצופּסקנען אַ גט.

האָבן די דאָזיקע רייד אַזוי שטאַרק געווירקט אויף אירענען, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט.

— רבי, זאָגט אים, דעם מאַן מיינעם, אַז כ׳בין דערמיט אויסן בלויז זיין טובה.

— וואָס זאָלן באַדייטן די דאָזיקע רייד?

— דאָס באַדייט — האָט זי נישט אויפגעהערט וויינען, — אַז ער, מיין מאַן, זאָל זיך נישט באַדאַרפן שעמען מיט מיר, אויב כ׳וועל זיין אַ דיקע.

— איך שעם זיך נישט מיט איר, אַפילו זי וועט זיין דיק — האָט לוי זויערקרויט זיך אָנגערופן.

דער רב האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן אויפן אָרט:

— מאַכט שלום.

— איך בין גרייט צו מאַכן שלום — האָט לוי אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום ווייב.

און זי האָט די אויסגעשטרעקטע האַנט אָנגענומען מיט פרייד.

סודות פון שלאָפצימער

די רבנים און דיינים, די עוסקים אין הלכות גיטין וקידושין, זענען געוואָרן נבהל ונשתומם נאָכן אויסהערן די טענות ומענות פון פייוול פיאָנטקאָווסקי, וואָס איז געקומען אין ראַבינאַט זיך גטן מיט זיין פלוניתטע יוכבד.

פייוול פיאָנטקאָווסקי פאַרלאַנגט פון זיין ווייב, אַז זי זאָל אָנטאָן, נישט אַנדערש, נאָר זיידענע שלאָפהעמדער, וואָס שאַרכן ביי יעדן בייג פון קערפּער, גלאַנצן און שעמערירן און דערוועקן תאווה לעיניים. און זי, זאָגט ער, טוט זיך אָן צום שלאָפנגיין אַן פּראָסטע באַרכאַטענע העמדער, וואָס רויבן צו פון איר, יוכבדן, די פּרויען־שיינקייט און גיבן איר דעם אויסזען פון אַ דאָרפישער פּויערטע.

אַזוי האָט געטענהט פייוול פיאָנטקאָווסקי צו די רבנים בשעת דעם גט־משפּט, ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז זיי, דאָס רבנישע בית־דין, זאָל בטל ומבוטל מאַכן דעם ענין גט מחמת דעם מאַנגל אין באַווייזן. דעמאָלט האָט זיך פייוול אָנגעשטייפט ווי אַ סטרונע און אויסגערופן:

— אויב עס איז יאָ אַזוי, וועל איך זיין געצוווּנגען אויסצוזאָגן סודות פון שלאָפצימער. — און ער האָט גענומען דערציילן פאַר די כלי קודש פון אַזאַ מין זאַך, ווי עס איז אויבן באַשריבן געוואָרן.

און זיי, די רבנים, וועלכע האָבן שוין געהאַט צו טאָן מיט פאַרשידענע גט־משפּטים, זענען, אויסהערנדיק פייוולס אויסטערלישע טענה, געוואָרן אויסער זיך.

— אַדוני הנכבד, — האָבן זיי זיך אָנגערופן צום בעל דבר, — בלויז פאַר אַזאַ זאַך גט מען זיך נישט ביי אונדז יידן.

פייוול פיאָנטקאָווסקי האָט זיך אויף ס׳ניי אָנגעשטייפט און גענומען דער־ציילן אַ פרישע געשיכטע פון זיין ווייב יוכבד:

— ווי איר קוקט זי אָן, איז זי נישט אַזאַ נעבעכל ווי זי מאַכט זיך, ווארעם נישט איין מאָל האָט זי מיר אָפּגעטאָן אויף טערקיש.

— וואָס האָט זי אייך אַזוינס געטאָן? — איז געפאַלן אַ פראַגע.

— זי האָט אַריינגענומען אַ קרובה אין שטוב אַרייך, וועלכע האָט זיך נישט מער און נישט ווייניקער אויסגעבעטט איר געלעגער אין שלאָפצימער, צווינגענדיק מיך אַזוי אַרום צו שלאָפן אין עסצימער.

— און וואָס ווייטער?

— ווייטער האָט זי גענומען און אויפגעהערט צו קאָכן פאַר מיר דאָס מיטאָג און גלייכצייטיק האָט זי אויפגעהערט מיר צו דערלאַנגען דאָס פרישטיק און דאָס אָונטברויט.

— זעט איר, ר׳ ייד, דאָס איז שוין אַן ענין — האָט דער רב אויסגע־רופן און האָט זיך גענומען צום צווייטן צד, צו יוכבדן:

— אשה, וואָס וועסטו זאָגן דערויף?

— כ׳קען אייך זאָגן אָט וואָס: אַלץ, וואָס מיין מאַן האָט דאָ אָנגע־רעדט אויף מיר איז שקר וכזב.

און כדי אויסצוּווייזן דעם אמת, האָט זי געהייסן דעם בית־דין־שמש אַריינרופן איר קרובה, וואָס האָט געוואַרט פאַר דער טיר.

די קרובה, אַ ווייבל אין די יאָרן, מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגע־דריקט טרויער נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, האָט גענומען שילדערן פאַר די רבנים די „מעשים טובים” פון פייוול פיאָנטקאָווסקי.

— קודם כל — האָט זי איבערגעגעבן — האָט ער, פייוול, געהאַט אַ טבע זיך אַרומצוקריגן מיטן ווייב און זי שלאָגן. דערפאַר האָט זי טאַקע אויס מורא, מיך אַריינגענומען צו איר אין שטוב. שנית, איז ער געווען אַ גרוי־סער איבערקלייבער אין עסן, ס׳הייסט, אַז וואָס יוכבד האָט נישט געקאָכט, איז אים אַלץ נישט געפעלן. דערפאַר האָט זי אויפגעהערט צו קאָכן. און וואָס שייך דער געשיכטע מיט די שלאָפּהעמדער, מוז איך זאָגן אָט וואָס: ער, פייוול, איז, אויב איר ווילט וויסן, אַ ייד אַ קמצן און זשאַלעוועט דעם ווייב דעם גראָשן. היוצא מזה, איז זי, יוכבד זיין ווייב, ממש געצוווּנגען צו שלאָפן אין ברייטן באַרכאַטענעם שלאָפהעמד, וואָס איז גוט אויף ווינטער.

אַזוי האָט איבערגעגעבן די קרובה, און זיי, די פּוסקים בדבר, האָבן

אויפן סמך פון איר עדות־זאָגן, בטל געמאַכט דעם גט־משפּט, הייסנדיק דעם פּאָרפּאָלק אַהיימגיין ווייטער פירן דאָס פאַמיליע־לעבן.

זענען זיי אַרויס פון בית־דין־שטוב און זיך גלייך גענומען קריגן אויפן הויכן קול:

— יוכבד, זיי וויסן, אַז מער קריגסטו נישט פון מיר קיין געלט אויף צו לעבן.

— און איך זאָג דיר, אַז דו מעגסט שוין פּאַרגעסן, אַז איך זאָל דיר אָפּקאָכן אַ ביסל געקעכטס.

— אויב אַזוי, וועל איך עסן אין רעסטאָראַן.

— און איך וועל מיר אַזוי אויך פּאַרדינען מיין געלט, וואָס איך ברויך אויף צו לעבן.

ביידע האָבן זיך אַזוי לאַנג געקריגט, ביז דער באַוואָפנטער שומר פון ועד הקהילה, האָט דערהערט זייער קריגעריי און איז געקומען צו לויפן אַ בייזער.

— גייט אייך פון דאַנען, דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר קריגערייען.

און ער האָט זיי אַרויסגעפירט בכבוד גדול פון דער ראַבינאַט־שטוב.

אַז מען האָט זיבן טעכטער...

קיין מדינת ישראל איז יחיא געקומען פון תימן מיטן גרויסן שטאָלע־נעם פויגל (עראָפּלאַן), האָבנדיק לעבן זיך דאָס ווײַב מחלה מיט די זיבן טעכטער: שרה, רבקה, רחל, לאה, מרים, צפורה און מיטן ייִנגסטן טעכ־טערל אביגיל, וועלכע איז געוואַקסן אַ יפהפיה שביפהפיה.

חוץ דעם האָט יחיא געפירט מיט זיך אין געהיים דעם אוצר זײַנעם, דאָס זעקל מיט די גרויסע גאָלדענע אימפּעריאַלן, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך די צורה פון דער פאַרצײַטישער עסטרײַכישער קעניגין מאַריאַ טערעזאַ און האָבן געווויגן קרוב פערציק גראַם יעדער.

אָנגעקומען אין הייליקן לאַנד, האָט יחיא מיט זײַן בני־בית גענומען די מטלטלין און זיך באַזעצט אין איינער פון די מעברות, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט פון תל־אביב.

האָט זיך געמאַכט, אַז צו יחיא איז געקומען דער חתן נתן און געזאָגט, אַז ער וויל זײַן עלטסטע טאָכטער פאַר אַ ווײַב, איז יחיא, פון גרויס שמחה, צו צום באַהאַלטענעם אוצר און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַזש צען גאָלדענע אימפּעריאַלן.

— נאָט אײַך, מײַנע ליבע קינדער, נדן, און ווייסט פון אַ לעבן צו זאָגן.

גלײַך איז אין די פיר מעברות באַוווּסט געוואָרן די מעשה מיט די צען גאָלדענע אימפּעריאַלן, און היוצא מזה, איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש אויף יחיאס טעכטער: רבקה, רחל, לאה און מרים, וועלכע האָבן מיט מזל און ברכה חתונה געהאַט, ווײַנענדיק לעת־עתה אין די מעברה־געצעלטן און וואַרטנדיק, אַז דער שווער יחיא זאָל זיי געבן אַלס נדן די גאָלדענע אימפּעריאַלן.

נאָר דאָס מאָל האָט זיך יחיא נישט געאײַלט צוצוגיין צום באַהאַל־טענעם אוצר זײַנעם, מחמת באותו זמן האָט די ממשלה געהאַט שוין שטיין

לעבן די פיר מעברות געמויערטע שיכונים, וווּהין די מעברה־איינוווינער, מיט יחיא בתוכם, האָבן זיך אַריינגעצויגן.

און אָט איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקומען צו יחיאן דער גאַסן־הענדלער פרכיה מיט אַ בשורה טובה, אַז ער איז גרייט חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער צפורה און ער פאַרלאַנגט בלויז אַ שטוב צו וווינען.

איז יחיא דאָס מאָל אַהין צום באַהעלטעניש, אַרויסגענומען פון דאָרטן צען גאָלדענע אימפּעריאַלן, און זיי דערלאַנגט פרכיהן.

— דאָ האָסטו, מיין איידעם, נדן און ווייס ווער יחיא איז.

נאָר פרכיה האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון און האָט אַזוי געזאָגט צום צוקונפטיקן שווער:

— מחותן, מיט דעם געלט, וואָס איר גיט מיר, וועט מיר אַפילו נישט סטייען אויף אויפצובויען איין וואַנט.

דער סוף איז געווען, אַז פרכיה האָט חתונה געהאַט מיט צפורהן אָן צו נעמען אַ פרוטה נדן און אָן אַרויסצווייזן גרויס פריינדשאַפט זיין שווער יחיא, מיט וועמען ער איז ברוגז געוואָרן און אויף וועמען ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אויסצולאָזן דעם כעס.

און די געלעגנהייט איז געקומען נאָך דעם, ווי צו יחיאן איז געקומען דער יונגער חתן־בחור נחמיה, וועלכער איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ רואה־חשבון און האָט געקשבונט פאַר דער אַנגעזעענער תל־אביבער באַנק.

נחמיה האָט זיך באַוויזן פאַר יחיא, זייענדיק אויסגעסטראָיעט אין נייעם אָנצוג מיט די נייע גלאַנציקע שיך, און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען דאָס דערלאַנגען דעם צוקונפטיקן שווער אַ גאָלדענעם טאַשן־זייגער מיט צוויי אויסגראַווירטע דעקלעך, פון וועלכע עס האָט אַראָפּגעשיינט דער באַרג מאָן־בלאַן.

נאָכן דערלאַנגען יחיאן די מתנה, האָט דער חתן־בחור זיך שוין אַוועקגעזעצט ביים טיש און דערקלערט, אַז ער ווינטשט זיך צו האָבן יחיאס יינגסטע טאָכטער, אביגיל, די יפהפיה שביפהפיה פאַר אַ ווייב.

דעריבער האָט יחיא גענומען און, ראשית, געלאָזט מאַכן פאַר דער כלה אַביגיל אַ האַלדזבאַנד פון צוואַנציק גאָלדענע אימפּעריאַלן, והשנית,

האָט ער פונעם געלט, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביים אויסטוישן די פאַרצייטישע גאָלדענע מטבעות ביים גאָלד־הענדלער, געלאָזט צובויען אַ שטוב צו זיין וווינונג, און דאָרטן האָט ער באַזעצט דאָס יונגע פּאָר, פאַר וועלכע ער האָט אויך געפּראַוועט אַ וואַזשנע חתונה אין דער שול מיט דער באַטייליקונג פון די חשובע געסט, די באַנק־אָנגעשטעלטע.

און פרכיה, דער גאַסנהענדלער, האָט נישט געקענט צוזען ווי יחיא, טיילט צו גרויס כבוד דעם יינגסטן איידעם נחמיה, און ער האָט דעריבער געמאַכט יד־אחת מיט זיינע שוואָגערס, די מענער פון רבקה, רחל, לאה און מרים, און אַלע צוזאַמען האָבן פאַרפירט קעגן יחיאן אַ דין תורה, וואָס איז פאָרגעקומען אין ראַבינאַט.

בראש פון זיינע שוואָגערס, האָט זיך פרכיה געשטעלט פאַר די רבנים, אַרויסלייגנדיק פאַר זיי איין טענה נאָך דער צווייטער.

— הלמאי ער און זיינע שוואָגערס האָבן נישט באַקומען אין נדן אַריין קיין גאָלדענע אימפּעריאַלן און אַנדערע שוואָגערס האָבן יאָ באַקומען ?

— הלמאי יחיאס יינגסטער איידעם האָט באַקומען אַחוץ די גאָלדענע רענדלעך, אויך אַ וואַזשנע שטוב צום וווינען, און זיי וווינען נאָך עד היום אין ענגע שטיבלעך ?

נאָכן אויסהערן די טענות, האָבן די רבנים געהייסן די צדדים אַרויסגיין אויף אַ ווײַלע, כדי זיך צו באַראַטן וועגן פּסק־דין, און זיי, דאָס הייסט, פרכיה מיט דעם רעשט דין־תורה־מאַנער, האָבן דערווייל אויסגענוצט די געלעגנהייט און פאַרפירט צווישן זיך אַ קריגעריי אויף טויט און אויף לעבן. האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג אַרומגעקריגט, ביז דער בית־דין־שמש האָט זיך באַוויזן אין פאַרהויז און זיי געהייסן אַריינגיין צוריק אין בית־דין־שטוב אויסצוהערן דעם פּסק־דין.

זענען אַלע ווי איינער אַריין אַהין אין בית־דין־שטוב און האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן און אויסגעהערט דעם פּסק־דין, וואָס האָט געהייסן יחיאן, ער זאָל זיך אַ ביסל אונטערגאַרטלען, דאָס הייסט, ער זאָל נישט זיין קיין קאַרגער צו זיינע איידעמס, און זיי באַשענקען מיט „נדן", וואָס ער האָלט אָנגעגרייט פאַר זיך און פאַר זיינע קינדס־קינדער.

געקומען צום גרייטן

צו זיין אַזוי אש להבה אויף אַ ווייב, ווי עס איז געווען פישל טאַפּע־צירער אויף זיין ווייבל דפנה, בעתן גטן זיך, איז נאָך נישט געווען קיינער פון די גט־קאַנדידאַטן, וועלכע פילן אויס די בית־דין־שטיבלעך אויף דער דוד־המלך־גאַס אין תל־אביב.

איידער פישל טאַפּעצירער איז אָפּגעגט געוואָרן פון זיין ווייב, איז ער געשטאַנען אין פּאַדערהויז און שיער נישט געוויינט פון גרויס צער און עגמת־נפש פאַר די צוהערער, די אינטערעסאַנטן, וועלכע זענען אַהער־געקומען אויספועלן ישועות ונחמות ביי די פּני פון דער ועד הקהילה.

— רבותי, — האָט פישל טאַפּעצירער אויסגערופן מיט אַ וויינענדיקער שטימע, — שטעלט איך פאַר מיינע יסורים, וואָס כ׳בין אויסגעשטאַנען ביי די היטלעריסטן, אין מלחמה־צייט, פון וואָס כ׳בין געוואָרן אַ קראַנקער מענטש.

און שטעלט איך פאַר מיין פרייד, וואָס כ׳האָב געהאַט, ווען די פאַר־שאָלטענע מלחמה האָט זיך געענדיקט און כ׳בין בשלום אַוועקגעפאָרן פון פוילן קיין ארץ־ישראל, ווו איך האָב געהאָלפן באַפרייען דאָס לאַנד פון די אַראַבער, און ווו כ׳האָב געהאַט די זכיה צו באַקענען מיין ווייבל, וועלכע איז דאָס אמתדיקע שטיקל סחורה.

ווייטער מוז איך איך דערציילן, ווי אַזוי איך האָב פאַרשאַרצט די אַרבל און זיך גענומען אַרבעטן אויף וואָס די וועלט שטייט. און אַז איר ווילט אייך איבערצייגן, אַז איך זאָג דעם אמת, טאָ כאַפּט אַ קוק אויף די דאָזיקע הענט, וואָס האָבן שוין געמאַכט הונדערטער פאָטעלן, קאַנאַפּעס און אַנ־דערע מינים געבעטע מעבל־שטיקער.

און ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך באַוויזן אַ קונצשטיק אָנצוזאַמלען אין משך פון אַ פּאָר יאָר אַזוי פיל געלט, אַז עס האָט מיר געסטייעט צו קויפן אַ נייע דירה פון דריי צימערן אין אַ בית־משותף אין תל־אביב און

אויך אויסצוקליידן מיין ווייבל מיט די שענסטע און בעסטע קליידער.

פישל טאפּעצירער ווישט זיך די אויגן מיטן נאָזטיכל און דערציילט ווייטער פאַר די אינטערעסאַנטן די געשיכטע פון ליבע און פאַרראַט, ווי אַזוי זיין ווייבל, וועלכע ער האָט אין גאָלד געצירט, האָט אים אָפּגעדינט מיט שלעכטס פאַר גוטס, איינליבנדיק זיך אין אַ יונג פון נתניה, מיט וועלכן זי האָט גענומען לעבן אַ גוטן טאָג, לאָזנדיק אים, פישלען, שטיין איינעם אַליין ביי נאַכט ביי די פענצטער פון שטוב, ווו ער האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן נאָר איר. לסוף איז זי געקומען צו גיין מיט אַזאַ פּראָפּאָזיציע:

— פישל — האָט זי מיר פאַרגעלייגט — דאָס בעסטע וועט פאַר אונדז זיין, אַז מיר וועלן זיך צעשיידן און פטור ווערן איינער פון אַנדערן.

— מיך וועסטו אַזוי גיך נישט פטרן.

— וועל איך לעבן ווי איך פאַרשטיי.

און זי איז אַוועק צום יונג קיין נתניה און זיך געזוימט דאָרט אַזוי לאַנג, ביז מיר איז נמאס געוואָרן דאָס וואַרטן און כ׳האָב איר געלאָזט וויסן, אַז כ׳בין גרייט אויסצופירן איר פאַרלאַנג און פטור אַן עסק.

האָט זי מיר געלאָזט וויסן, אַז זי איז גרייט זיך צו גטן, בתנאי כ׳זאָל איר איבערלאָזן די דירה.

— דאָס וועסטו ביי מיר נישט פועלן — האָב איך איר געענטפערט.

— ווילסט נישט, דאַרף מען נישט — האָט זי דערויף געענטפערט און איז זיך, מיר אויף צעפּיקעניש, אַוועקגעפאָרן קיין חוץ־לארץ מיטן געליבטן, זיך צו פאַרווילן אין די דאָרטיקע פאַרוויילונגס־ערטער.

הכלל יידן, כ׳האָב מיך קוים דערוואַרט, אַז זי זאָל צוריקקומען, כדי כ׳זאָל קאָנען וואָס גיכער פטור ווערן פון איר, וואָרעם, דעם אמת געזאָגט, מאַכט זיך מיר צו טאָן אַ שידוך מיט אַ וווּיל ווייבל.

נאָר איינס מוז איך זאָגן, רבותי, אַז עס הערט מיך נישט אויף צו קרענקן אַזאַ זאַך ווי דאָס, וואָס איך, פישל, האָב אַזוי שווער געאַרבעט ביז כ׳בין געקומען צו דער דירה, קומט ער, דער יונג, צום גרייטן, נישט האָבנדיק אַפילו זיך צוגערירט מיט אַ פינגער.

פישל טאַפּעצירער פאַרענדיקט זיין געשיכטע און בלייבט שטיין פאַר־

די צוהערער ווי אַן אָבל וחפוי ראש. ער שטייט אַזוי לאַנג, לאַנג, פאַר־טיפט אין די טרויעריקע רעיונות און וועקט זיך אויף פון אַ לייכטן שטויס, וואָס עס גיט אים דער בית־דין־שמש אין דער פּלייצע, זאָגנדיק פישלען דערביי, אַז ער זאָל זיך מכין זיין אָט באַלד אַריינצוגיין אין בית־דין־שטיבל און זיך גטן מיט זיין ווייבל, וואָס איז דאָס אמתדיקע שטיקל סחורה.

דאָס טעלערל פון הימל

היות דאָס יונגע פּאָרל, וואָס איז געקומען אין ראַבינאַט זיך גטן, האָט באַלד דערוועקט די קנאה פון די וואַרטנדיקע אַלמנות, גרושות און עגונות, איז דעריבער כדאי, איידער־וואָס־ווען, צו שילדערן דאָס דאָזיקע פּאָרל.

הכלל, זי איז פון מיטעלן וווּקס, דאָס נעזל איז ביי איר אָפּגעטאָקט, גלאַטיק; די שאַטין־האָר קורץ געשוירן און געכוואַליעט אויפן מאָדערנ־סטן אופן. זי האָט טויזנט חנען. איצט די לאַנגע ברייטע געקעסטלטע ספּודניצע, און על אחת כמה וכמה, די זיידענע בלוזקע און די נידעריקע לעטשלעך אויף די שלאַנקע פיס איז גורם, אַז אַלע אָן אויסנאַם, בפרט די חתנים־קאַנדידאַטן, וועלכע זענען געקומען זיך פאַרשרייבן אויף חתונות, זאָלן אָנשפּיזן אויגן און אויערן, צו זען און הערן די שטים פון דאָזיקן רייצנדיקן באַשעפעניש.

אים דערקענט מען גלייך פון דער הלבשה, אַז ער איז נהג, אַ מיוחס שבמיוחס. ראשית, דאָס „אגד״־היטל ליגט ווילעריש אויף זיין באַטשור־פּרינטן קאָפּ. והשנית, אין די געלע וואָנסעס, פיין צוגעשוירן, מעשה־פּראַנט.

ביידע שטייען אויף אַריינצוגיין אינעם בית־דין־שטיבל ברוגזע, מיט די פּלייצעס צו זיך און די שמשים, חברה־קדישא־לייט און פרויען מכל המינים עגבערן זיי דורך מיט די אויגן.

דער ראַבינאַט־שמש, אַ ייד אַ גרויסבייכיקער מיט אַ שיינער באָרד, לאָזט זיי אַריין אין די קדשי־קדשים און בעט זיי, במחילה, זיך זעצן אויף דער לאַנגער בית־דין־באַנק. די רבנים זיצן שווה בשווה, זענען מעיין אין ספרים, ביז דער מיוחס, דער נהג, האַלט נישט אויס און פּראַלט אַרויס: „אַני מבקש, מיך נישט אויפהאַלטן, איך בין אַ פאַרנומענער מענטש מיט ווייניק צייט״.

ווערן די פוסקים פון הלכות גיטין, ווי אויפגעוועקטע פון האַלבן דרעמל, און דער מיטלסטער פון די פוסקים, שיינט צו זיין דער פוסק אַחרון, טוט אַ פרעג:

— נו, וואָס דהיינו ווערט איר זאָגן, יונגערמאַן?

דער נהג שטעלט זיך אויף, שטייפט זיך אָן, שפּיזט זיך אָן:

— רבי — זאָגט ער — אָט־אָ די, וואָס שטייט דאָ דערנעבן וויל איך אָפּגטן.

— רבי, — גלעקלט זי אויס מיט דער שטים, — לויטן יושר וואָלט כדאי געווען אים אָפּצוגטן. אָבער לאַנג וואַרטן וועט ער ביי מיר, דער גזלן, דער רוצח, ער האָט מיך, אָן בושה, געשלאָגן.

— היתכן? — גיט איינער פון די פוסקים אַ פרעג דעם נהג — שלאָגן אַן אשה איז אַ לאַוו, אַן עבירה.

— רבי, גלייבט איר נישט — שפּרינגט אויף דער נהג אַ צעקאַכטער — כ׳בין נישט קיין שלעגער און כ׳האָב איר בלויז אָפּגעמאָסטן די פּאַ־טעלניע פון אייער־שפּיז אויפן קאָפּ. דערפאַר, וואָס זי האָט מיך אַרויס־געברענגט פון די כלים.

אַלע פוסקים, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט, פאַרטיפן זיך אויף אַ ווײַלע אין די אָפענע ספרים, און דער מיטלסטער, דער פוסק אחרון, וואָס גלעט זיך די שפּיץ־באָרד, גיט כלאחר־יד אַ פרעג:

— צד ראשון, ווי איז אייער נאָמען?

— יאיר — פּראַלט אַרויס דער שאָפער.

— און איר, אשה — פאַלט נאָך אַ פראַגע.

— זהבה הייס איך — גלעקלט די שטימע.

— בכן זאָלן די צדדים אַרויסלייגן באַריכות זייערע טענות.

דער נהג לאָזט זיך נישט בעטן. „אַזוי און אַזוי, רבי, כ׳האָב באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָט דאָס מאַשינדל, וואָס איז קאַליע געוואָרן (ווייזט אָן אויף איר) צוריקשטעלן אין „גאַראַזש”, זי זאָל צוריקגיין פון וואַנען כ׳האָב זי גענומען. פּשוט גערעדט: צו די עלטערן. בעת מיר האָבן זיך באַקענט איז זי געווען אַן אָרעמע מאַשיניסטקע און איך האָב צען מאָל מער פאַרדינט ווי זי. כ׳האָב זי באַשיכט און באַקליידט. אַן

אופנוע האָב איך געקויפט און מיט איר אַרומגעפאָרן איבער אַלע מקומות. נאָך דער חתונה, בעת איך האָב רק געטראַכט וועגן תכלית, האָט זי מיך געשלעפּט טאַנצן אין די קאַפעען, מיטאָגן האָט זי נישט געקאָכט, נאָר מיך רק געשפּייזט מיט אייער־שפּייז און סאַלאַט, דערפאַר, וואָס דאָס פאַר־נעמט וויִיניק צייט. די הוצאות זענען געוואַקסן און די הכנסות זענען מיר איינגעשרומפּן געוואָרן. דעם אופנוע האָב איך פאַרקויפט און פון איר האָב איך פאַרלאַנגט בלויז אייִן קלייניקייט: זי זאָל נישט פטרן דאָס געלט, און מיטאָגן זאָל זי מיר קאָכן, ווי אין אַלע לייטישע שטובן. האָט זי מיך נישט געפאָלגט און ווייטער געטאַנצט. דאָס געלט צעפּטרט און מיך ווייטער געשפּייזט מיט אייער־שפּייז און סאַלאַט. הכלל, רבי, ס׳געדולד האָט ביי מיר געפּלאַצט, און איך האָב איר אַנגעטאָן די פאַטעלניע פון אייער־שפּייז אויפן קאָפּ און זי געבראַכט אַהער.

— וואָס וועט זאָגן דער צווייטער צד? — רופט אויס פון דאָס ניי דער רב.

גלעקלט זי, זהבה, אויס אַ דערצאַרנטע:

— איך, רבי, קאָן נאָר דאָס איינע זאָגן, אַז אַן בושה, האָט ער, דער רוצח, מיך געשלאָגן, און איך וועל אים דאָס קיין מאָל נישט מוחל זיין.

פאַרטיפן זיך די רבנים, די פוסקים, אין די ספרים אויף אַ שטיקל צייט, הייבן אויף די קעפּ:

— צדדים, דער בית־דין וועט מהרהר בדבר זיין אין אייער ענין. אַ גט קומט נישט אחת־שתים. מיר וועלן זיך מיישב זיין און קומט, אם ירצה השם, אין אַ חודש.

איז דאָס פּאָרל אַוועק ווי געווייגלעך ברוגז, אַנגעדראָדלט, און אַלע אַלמנות, גרושות, עגונות מיט די חתנים מכל המינים, האָבן זיי מיט קנאה באַגלייט ביז אַראָפּ די שטיגן.

שניים אוחזין בטלית...

די זעלטענע פּאַסירונג מיט אַ טליתל, וואָס איז כל ימיו געלעגן אין אַ טלית־זעקל און זעלטן אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, האָט פּאַסירט אין אַ לייטישער שטוב אין תל־אביב, מיט אַ ייד, וואָס האָט געמסחרט מיט גאָלדענע אימפּעריאַלן.

דער ייד, וואָס האָט געמסחרט מיט די אימפּעריאַלן נעבן אַ קאַפע־הייזל, אויף בן־יהודה־גאַס אין תל־אביב, האָט זיין אייגנס נישט פאַרמאָגט קיין שווה פּרוטה, שוין אָפּגערעדט פון אַ גאָלדן רענדל.

אַ נאָמען האָט דער ייד געהאַט נאָך אַ טויטן זיידן פון פּוילן, וואָס איז געווען אַ שמאַטע־הענדלער. דער דאָזיקער זיידע האָט געהייסן יאָשע־בער, מיטן צונאָמען „נישט אַהין און נישט אַהער".

אונדזער יאָשע־בער האָט געהאַט אַ ווייב אַ שטיק חפץ, אַ פאַרשווינטע, צו זוכן מיט ליכט, צו מאַכן אַ ברכה „ברוך שפטרנו", געהייסן האָט זי ראַשקע, און פּלאַי־פּלאַים, עס האָט איר מעשה מאַנצפאַרשוין, געוואַקסן אַ קמץ־בערדל אויף דער גאָמבע.

פאַר אונדזער יאָשע־בערן וואָלט שוין ראַשקעס קמץ־בערדל נישט געווען קיין מניעה און וואָלט נישט געשטערט דעם שלום־בית, דער מדובר איז געווען אַזעלכער: ראַשקע איז געווען אַ געשטראָפטע פון דער נאַטור, עס האָט איר געפעלט דער וויבערישער „סעקסאַפּיל" — האָר אויפן קאָפּ, און אַ שראַם פון הינטערן אויער־לעפל ביזן ווייטן האַלדז אַריין האָט ראַשקען פאַרוואַנדלט אין אַן אמתדיק פאַרזעעניש.

אונדזער יאָשע־בער, וואָס איז אַקעגן איר געווען אַ קיסר, האָט נישט געערוט, ביז דער כביכול האָט צוגעזען זיין צער און אים צוגעשיקט אַ פּילגש, — אַ געליבטע, — וואָס האָט געהאַט אַ מאַן אַ כניאַק, אַ בטלן פון הינטערן בית־מדרש־אויוון — אַ פּרוש, וואָס האָט זיך צוליב עבודת הבורא אָפּגעשיידט פון דער אשה און אַוועק פראַווען פּרישות אין אַלטן בית־מדרש אשר בתל־אביב.

די זעלטענע באַקאַנטשאַפט פון אונדזער יאַשע־בער מיט דער פּילגש איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: יאַשע־בער איז בין מנחה למעריב גע־שטאַנען פאַרן קאַפע־הייזל אויף דער בן־יהודה־גאַס און געהאַנדלט אויף דער בערזע מיט גאָלדענע אימפּעריאַלן.

מיט יאַשע־בערן האָבן מיטגעהאַנדלט צוויי מנינים „אימפּעריאַליסטן" — נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע סוחרים מיט פּנימער ווי די מדינים און ישמעאלים, וואָס האָבן פאַרקויפט יוסף הצדיק קיין מצרים.

ביידע מנינים סוחרים האָבן זיך געדרענגט אין אַ קופּע, אויפן סאַמאָ־ראָדנעם טראָטואַר, האָבן געהאַנדלט אויף וואָס די וועלט שטייט, און קיין גאָלדן רענדל איז נישט געווען צו זען אויף אַ רפואה.

בין מסחר למסחר האָבן די בערזעניקעס געטרינקען סאָדעוואַסער ביים בעל־הקאַפע, האָבן זיך געשנעלט אין די אויערן, געקנייפּט אין די לידקעס, געקראַצט אונטער די פּאַכוועס און קיין רענדל איז אַלץ נישט געווען צו זען אויף אַ רפואה.

פון צייט צו צייט האָט איינער פון די אויסטערלישע בערזעניקעס, אַ ייד אַ תלמיד חכם מיט אַן „אייזערנעם מוח", גענומען טרייבן האַסע מיט אַ לשון, וואָס קיין איינער פון די גאַסן־דורכגייער האָט נישט פאַר־שטאַנען דעם טייטש — דער „אייזערנער מוח" האָט זיך געריסן דעם גאָרגל און פאַרקויפט די אימפּעריאַלן ווי, להבדיל, מען פאַרקויפט „מפטיר יונה" אין שמחת־תורה — 22 מיט אַ צענטל צום ערשטן מאָל... 22 מיט אַ פונקטל אַן עודף צום צווייטן מאָל... און פלאי פלאים, מיט איין מאָל איז געוואָרן אויף דער בערזע אַן אינפלאַציע און דער ייד דער „אייזערנער מוח" האָט אויסגערופן: 21 מיט ניין צענטל צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל, און צום דריטן מאָל. יידן, סוחרים פונעם „רעדל" האָבן בינו לבינו געקויפט און פאַרקויפט, און קיין לעבעדיק רענדל איז נישט געווען צו זען אויף אַ רפואה.

אין אָט דער בהלהדיקער צייט, איז אונדזער יאַשע־בער, וואָס האָט געשטעקט אין מיטן דער האַסע, מיט דער אינפלאַציע, אויפגעריכט געוואָרן מיט דער כשרער מציאה, מיט דער פּילגש. אין מיטן מסחר האָט זיך געיאָוועט אַ יידענע אַ שטיק חידוש און אָנגעטראָפן אויף אונדזער יאַשע־

בערן. די יידענע האָט געמאַכט אַ תמעוואַטע פּנים און יאָלדיש אַ פרעג געטאָן יאָשע־בערן: „אדון, מה זאת?" און אָנגעוויזן מיט וויזפינגער אויף דער בערזע מיט די סוחרים. האָט איר יאָשע־בער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז לעולם איז דאָס אַ בערזע ווי אַלע בערזעס שבעולם, אלא מה, דאָס גאָלדענע רענדל איז אַ „ממזר" און די צייט איז אַ „ממזירת" און אחינו בני ישראל צריכים פּרנסה.

האָט די יידענע גלייך געזען, אַז יאָשע־בער איז אַ לייטישער ייד, האָט זי אים איינגערוימט אַ סוד, אַז זי האָט „ממזרים" און וויל זיי פאַר־קויפן לשם פּרנסה. מער האָט אונדזער יאָשע־בער נישט באַדאַרפט. אויף מער האָט ער זיך נישט געריכט. ער איז געוואָרן אַ יוצא ונכנס ביי דער יידענע, און לאָ־די, וואָס ער האָט אָפּגעלעקט אַ ביינדל, האָט ער נאָך נושא חן געווען ביי דער יידענע, וואָס האָט אים אָוועקגעשענקט דאָס „חצי המלכות".

פאַר אונדזער יאָשע־בערן האָט זיך אויפגעעפנט אַ נייע וועלט. היות דער יידענעס מאַן איז אין די שבתים פאַרפאַלן געוואָרן אין אַלטן בית־המדרש, האָט יאָשע־בער שבת אין דער פרי זיך מקדים געווען צו דער תפילה און בכדי ראַשקע, זיין ווייב, זאָל זיך נישט כאַפּן און אים אָנטאָן אַ מעשה שטות, האָט יאָשע־בער לפנים גענומען דעם טלית און געזאָגט, אַז ער גייט דאַווענען. ראַשקע איז אָבער נישט געווען פון די נעכטיקע, בפרט, ווען איר יאָשע־בער, איז מיר־נישט־דיר־נישט, ראַפּטעם, פון דער העלער הויט געוואָרן אַ פרומער ייד. האָט זי גענומען חוקר ודורש זיין די דאָזיקע מעשה פלא, און איז דערגאַנגען דעם טרויעריקן אמת.

ראַשקען איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן, די זון איז איר אונטער־געגאַנגען און האָט נישט געוואָלט מער אויפשיינען. פון גרויס כעס, האָט ראַשקע גענומען הוילן פשוט ווי אַ וועלפיכע און פון עגמת־נפש זיך אַזש געשלאָגן מיטן קאָפּ אין קישן — אַ תוהו ובוהו, אַ כאַאָס, האָט ראַשקען אַרומגעכאַפּט און זי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס:

ווען יאָשע־בער האָט שבת אין דער פרי גענומען דעם טלית און געזאָגט, אַז ער גייט דאַווענען, האָט ראַשקע אָנגעכאַפּט אַ שטיק טלית און זיך צעשריגן:

— יאָשע־בער, כאַלאַס, געענדיקט. מהיום והלאה וועסטו מער נישט גיין דאַוו‏ֽענען מיט יענער מכשפה, הערסט, יאָשע־בער, אַנישט וועל איך מיר אַ מעשה אָנטאָן, כ׳וועל שפּרינגען פון דאַך, כ׳וועל איינגעמען אַרשע־ניק, כ׳וועל מיר דאָס טאָן און יענץ טאָן — און ראַשקע האָט זיך שרעק־לעך צעוויינט, האָט זיך געגומען קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט און געהאַט האָט זי אין דער מחשבה איין זאַך: צוריקקריגן דאָס חפץ, יאָשע־בערן, וואָס ווערט איר פאַרלוירן פון אונטער דער האַנט. און למען האמת, האָט ראַשקע געלעבט אין אַ טעות: אויף יאָשע־בערן האָט נישט געווירקט קיין וויינען און קיין שרייען. יענע יידענע איז, להיפוך צו ראַשקען, געווען שיער נישט אַ יפת־תואר, דערצו האָט זי געהאַט „ממזרים״ (גאָלדשטיקלעך), וואָס האָבן געבלישטשעט ווי די זון אין מיטן העלן טאָג, און יאָשע־בער האָט גענומען און געמאַכט קאַפּויער ווי אין דער גמרא שטייט געשריבן. „שניים אוחזין בטלית, זה אומר כולו שלי וזה אומר כולו שלי״, מאַכט רש״י, יחלוקו. יאָשע־בער האָט, צו איר שטוינונג איבערגעלאָזט ראַשקען דעם טלית און אַליין איז ער אַוועק צו דער פּילגש.

און אַזוי איז נולד געוואָרן אַ גט, וואָס איז פאַרפיקסירט געוואָרן אין ״אַבינאַט, אשר בתל־אביב.

ביידע צדדים, דאָס הייסט, אונדזער יאָשע־בער און זיין ערשט וויב ראַשקע, זענען פון אַלע אַרומרייסעניש און קריגעניש, דערשעפּט געוואָרן, ועגען געוואָרן אויס מענטש און געלאָזט אַלץ טאָן די רבנים. האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. די פּוסקים זענען געזעסן און גע־קראַצט מיט די פעדערס, געשאַרט מיט די פּאַפּירן, ביז מען האָט אויסגע־פּאַרטיקט דאָס חשובע פּאַפּיר, אַ גט, כמו שכתוב בתורה.

צו די גוטע־פריינד יאָשע־בערס, די מחותנים פון דער בערזע, וואָס האָבן בייגעוווינט דעם גאַנצן אַקט, האָט יאָשע־בער לאחר המעשה אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— לעולם האָבן איך דאָ, אין דער דאָזיקער אינפלאַציע, אָנגעוווירן איין אימפּעריאַל, אַ „ליפּע״, וואָס גייט נישט אַפילו אין האָסע־צייט...

יאָשע בערס חברים פון דער גאָלד־בערזע האָבן אָנגעקוואָלן פונעם וויץ און אַלע זענען אַוועק אין שטאָט אַריין טאַפּן דעם דופק פון די „אימ־פּעריאַליסטן״...

מבין כל בשר...

ווי נאָר עס ווערט אַ גערודער און אַ געטומל אין דער ראַבינאַט־שטוב, אַזוי וואַקסט גלייך אויס, ווי פון אונטער דער ערד, שימעלע חכם, דער מבין כל דיבור, וועלכער ציט זיין חיונה פון די קאַנדידאַטן אויף גטן און חתונות, ווען ער איז מזכה מיט עצות טובות, פּאַר אַ פּאָר פּיאַסטער.

שימעלע חכם, וועלכער איז בקי אין די הלכות גיטין וקידושין, דרייט זיך אַרום אין די רחבותדיקע שטובן אין נייעם קהילה־בנין אויף דער דוד־המלך־גאַס אין תל־אביב, און אַז ער דערהערט נאָר דאָס געשריי פונעם צעקריגטן פּאָרל, וואָס האַלט אַט־אַט ביים גטן זיך, קומט ער צו לויפן און שטעלט זיך אַוועק אונטערהערן.

דערהערט ער, אַז די אשה, די קאַנדידאַטין אויפן גט, איז נישט אַזוי באַגייסטערט פון דער צעשיידונג און אַז זי וואָלט נעבעך געוואָלט צוריקגיין ווינען מיטן מאַן, נאָר זי ווייסט נישט ווי אַזוי מיט אים שלום צו מאַכן, נעמט ער זי דעמאָלט אַוועק אין אַ זייט און הייבט אָן איר צו געבן עצות טובות, ווי אַזוי צוריקצוגעווינען דעם מאַן.

און גלייך דערויף ווערט אין דער ראַבינאַט־שטוב, ווו עס געפינען זיך די בית־דין־שטיבלעך, אַ גערודער און אַ געטומל. מענטשן לויפן אָן און דערזעען די אשה, וועלכע איז נאָר וואָס געשטאַנען אין דער זייט און גערעדט מיט שימעלע חכם — אַ פאַרחלשטע, און דער וואָס מינטערט זי, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער מאַן, וועלכער האָט נאָר וואָס געשריגן הויך, אַלע זאָלן הערן — אַז ער דאַנקט דעם בורא עולם, וואָס ער ווערט שוין פּטור פונעם ווייב, די מרשעת.

שפּעטער אַ ביסל, ווען דאָס צעקריגטע פּאָרפּאָלק האָט זיך שוין מיט מזל געהאַט צוריק איבערגעבעטן און ביידע האָבן שוין געהאַט צוריקגע־צויגן זייערע תביעות אויפן גט, איז ערשט קאַפּויער געקומען שימעלע חכם און האָט אַזוי אַ זאָג געטאָן צו דער גליקלעכער פּרוי:

— איך האָב געוויזן וואָס איך קען, און איצט ווייזט, וואָס איר קענט.

און שימעלע חכם באַקומט דעמאָלט אַריינגעשטופּט אין יד אַרייך

אַ היפּשע מטבע, און שוין זעט מען אים ווידער זיך דרייען אַרום די בית־דין־שטיבלעך, צווישן די קאַנדידאַטן אויף גיטין וקידושין, ווו ער טרעפט זיך דאָס מאָל אָן אויף אַ פאַרשוין, וועמען די פרוי זיינע וויל גטן פאַר יעדן פּרייז און די צעשיידונג איז שוין, ווי מען זאָגט, „אויף אַ דרך".

שימעלע טראַכט נישט לאַנג און פאַרבעט דעם גט־קאַנדידאַט אויף אַ פאַרטרוילעכן שמועס, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

— ר' ייד, הערט אויס, וואָס כ'גיי אייך דאָ זאָגן: היות כ'זע, אַז עס גייט אייך בנפשו, נישט צו ווערן קיין גרוש, האָב איך דעריבער פאַר אייך אַן עצה.

— אדרבא, לאָמיר הערן אייער עצה.

נעמט שימעלע הכם און רוימט אים אייך אַ וואָזשנעם סוד אין אויער אַריין — און באַלד דערויף נעמט דער גט־קאַנדידאַט און גיט אַזוי אַ זאָג צום צעקריגטן וייב:

— גוטשע, וויסט כאָטש וואָס פאַר אַ טאָג עס איז היינט?

— היינט איז מיטוואָך.

— אַז דו ווילסט וויסן, איז היינט דער יאָרצייט נאָך דיין זיידן עליו השלום, פון דער מאָמעס צד.

— איז וואָס זשע?

— עס איז אַ גרויסע זינד זיך צו גטן אין אַ יאָרצייט־טאָג.

— מען באַדאַרף פרעגן ביי די פרומע יידן, צי עס איז אמת, וואָס דו זאָגסט.

מער האָט שימעלע נישט באַדאַרפט, וואָרעם ער האָט זיך גלייך צוגערוקט צום אָרט, ווו גוטשע איז געשטאַנען, אַז אַז זי האָט אים, שימעלען, דערזען אָן אָנגעטועגעם אין דער זיידענער קאַפּאָטע מיטן חסידישן קאַפּעלוש, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, צי איז טאַקע אַ זינד זיך צו גטן אין טאָג פון מיין זיידנס יאָרצייט?

— אַוודאי איז אַ גרויסע זינד זיך צו גטן אין אַזאַ טאָג.

און גוטשע נעמט גלייך און הייסט מעלדן דאָרטן, אין בית־דין־שטיבל, צו די רבנים, אַז זי לייגט אָפּ דעם גט אויף אַן אַנדער טערמין.

האָט אַ יאָלד אַ קאַפּעלוש

הנני מוכן ומזומן צו דערציילן די געשיכטע פון מוליע, אַ ייד אַ יאָלד אין אַ קאַפּעלוש, וואָס איז שוין דווקא נישט קיין יאָלד און האָלט אַנדערע פאַר יאָלדן.

מוליע איז אַ פאַרשווינדל, וואָס מען קען טרעפן אין מיטן העלן טאָג אַרומגייך פוסט און פּאַס איבער די גאַסן, זיצן אין די אַלעען, שטופּן זיך ווו מען דאַרף נישט און זיין אַן עדות ביי אַלע געשעעניש פון טאָג. איז נישט קיין ווונדער, אַז מוליע, וואָס לעבט פון שפּינגע דגינגע, זאָל זיך אַריינדרייען אין אַן עסק, וואָס האָט דווקא צו טאָן מיט הויכע גדולות — מיט אַ שלאַפּצימער.

און דרך אגב וויל איך צוגעבן, אַז קיינער טראָגט נישט אזוי פיל די שולד אין דעם דאָזיקן טראַגי־קאָמישן פּאַרס, ווי מוליעס פאַרפעצטער קאַפּעלוש, וועלכער זיצט אויף מוליעס קאָפּ, זינט דער קאָפּ איז צום שכל געקומען...

מוליען דינט דער פאַרפעצטער קאַפּעלוש צוליב כמה וכמה טעמים; ראשית, צו פאַרדעקן זיין גלאַטן שאַרבן, צו דערוועקן צוטרוי ביי מלכות, ווי אויך אַריינצוכאַפּן אַ מנחה־ומעריב, אַ קדושה אין דער גרויסער סיני־שול אין תל־אביב, ווי מוליע רוט אויס די ביינער בשעת הדחק, ווען עס רעגנט.

ויהי היום, שטייט זיך מוליע אין גאַס, שלינגט דאָס שפּייעכץ, קוקט אויס די אויגן אויף עפּעס אַ פאַרדינסטל. געשעט אַקוראַט אַ נס מן השמים און לעבן מוליען בלייבט שטייך אַ יונגערמאַן מיט אַ לייטיש פּנים, לייטישער הלבשה, מיט אַ פראַגע אַקוראַט צו מוליען.

— ר' ייד — גיט דער לייטישער יונגערמאַן אַ זאָג — איר זענט גרייט צו פאַרדינען אַ פּאָר פּיאַסטער?

מוליעס פאַרחושכט געזיכט צעשיינט זיך אין אויגנבליק:

— אַוודאי בין איך גרייט צו פאַרדינען, זאָגט נאָר אין וואָס עס גייט.

— קיין גרויסע זיבן זאַכן, בלויז איר זאָלט זיין אַן עדות אין רבנות הראשית.

— מהיכא תיתי, מיטן גרעסטן כבוד וועל איך זיין אַן עדות.

און מוליע האָט אַ שפּריז געטאָן פאָרויס און דער יונגערמאַן הינטער אים, אוןביידע זענען אַריין אין רבנות הראשית און זיך געשטעלט פאַרן ראַבינאַט־באַאַמטן. מוליע האָט עדות געזאָגט. בשעת מעשה, האָט דער פאַרפעצטער קאַפּעלוש ביי מוליען אויפן קאָפּ געגלאַנצט פון שמחה, ווען דער לייטישער יונגערמאַן האָט אים פאַר דער טרחה אַריינגערוקט אין האַנט אַריין אַ קנאַקעדיקן באַנקנאָט.

דער קנאַקעדיקער באַנקנאָט, וואָס האָט מוליען ממש געראַטעוועט דאָס לעבן, האָט זיך אויסגעלאָזט, און מוליע, איז, ווי יענץ מאָל אַזוי אויך דאָס מאָל, געשטאַנען אויף דער תל־אביבער גאַס און שיער נישט אַוועק־געפאַלן, אויסקוקנדיק אַ פאַרדינסטל. קוט ער אַזוי, מוליע, אויף דער גאַס, וואָס איז פול מיט בריאים, דורכגייער, כלי־רכב, אויטאָבוסן, טעקסיס, רייטוועגעלעך, מאָטאָציקלען, מיט גאַסנהענדלער, שרייערס, מיט קונים פרייערס. מיט איין וואָרט: עס איז ליהודים אויף דער גאַס, נאָר אים, מוליען, איז ביטער אויף דער נשמה און ער איז גרייט אויפצועסן אַן אָקס מיט קאָפּיטעס.

ווי ער שטייט אַזוי, מוליע, אין גאַנצן אַן איינגעטונקענער אין מחשבות זרות, האָבנדיק אין זין דעם פּרעס, געשעט ווידער אַ מאָל אַ נס, און דער זעלבער לייטישער יונגערמאַן בלייבט שטיין פּונקט אַקעגן איבער מו־ליען, אַקוראַט פּנים אל פּנים.

— ר׳ ייד — האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטאָן בדרך הלצה — זייט וויסן, אַז נאָר צוליב אייער בכבודיקן קאַפּעלוש, וועלכן איר טראָגט אויפן קאָפּ, האָב איך אייך דערקענט. און דערפאַר לייג איך אייך פאַר אַ גרינג פאַרדינסטל.

— אדרבא ואדרבא, — האָט זיך מוליע דערפרייט און די אויגן האָבן אים אויפגעלויכטן.

— איז העדט זשע מיט קאָפּ — האָט אים דער יונגערמאַן אַוועקגע־פּירט אין אַ זייט און אים אָנגעהויבן געבן אויפקלערונגען. — היות איר זענט געווען אַן עדות ביי מיין ערב חתונה וועט איר איצט זיי אַן עדות, ווען איך וועל מיין ליכטיק ווייבל אָפּשפּילן אַ חתונה. און ביידע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי און פאַרפאָרן אין אַ דירה מפוארת, און דער יונגערמאַן האָט מוליען, צו זיין גרעסטער שטוינונג, באַזעצט אינעם שלאָפּצימער און אים געהייסן זיצן און גאָרנישט טאָן.

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר פון שלאָפצימער און עס איז אַריינ־געקומען אַ יידענע אַ מאַזעפּע, מיט אַ פאַרפעצט מיאוס פּנים, מיט מעשענע צוואַנגען אין די האָר, מיט צוויי קרומע פיס ווי האַלבע בייגל. די יידענע, דערזעענדיק מוליען מיטן פאַרחושכטן פּנים, מיט דער בעטלערישער הלבשה, האָט גלייך אויפגעהויבן אַ ויצעקו מיט קולות און ברקים. אויף די קולות זענען זיך אָנגעלאָפן שכנים, עס איז פונעם זייטיקן צימער אָנגעלאָפן דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער מאַן פון דער יידענע. און הלמאי זיך שעמען? דער יונגערמאַן האָט גלייך אויפן אָרט, בפני אַלע שכנים, געמאַכט אַ ווילסטע סצענע זיין ווייבל, ער האָט איר פאַרגעוואָרפן עסקים, באַציונגען מיטן דאָזיקן שלעפּער.

העיקר, דער פאַראַטענער יונגערמאַן האָט דעם געליבטן שלעפּער אַרויסגעיאָגט פון דער דירה. ער האָט אים אַזש פאַריאָגט ביז אין דער ווייטער גאַס אַריין און אים דאָרטן אַריינגעשטופּט אַ קנאַקעדיקן באַנקנאָט אין דער האַנט אַריין.

נחת און פרייד

נישט תמיד גט מען זיך אין די בית־דין־שטיבלעך, וואָס אין ועד הקהילה, ווו עס אַמטירן די רבנים, די פּוסקים אין הלכות גיטין וקידושין. און נישט אַלע מאָל ווערן אין די דאָזיקע קהלישע שטיבלעך אָפּגעהאַלטן שטורמישע דין־תורהס, וואָס לאָזן זיך על פּי רוב אויס מיט גאָרנישט, אָדער פאַרענדיקן זיך מיט משפּטים, וואָס עס פאַרפירן די צדדים, איינער קעגן אַנדערן.

פאַראַן אויך נחת און פרייד אין די בית־דין־שטיבלעך, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם לעבעדיקן נערוו פון דער אַלגעמיינער קהילה־שטוב אין תל־אביב, די גרעסטע שטאָט אין ישראל, ווו עס פּאַסירן כלערליי פּאַסי־רונגען און עס טרעפן זיך כל המינים טרעפעכצן.

וועגן איינער אַזאַ פּאַסירונג וועל איך דאָ דערציילן.

דאָס איז געווען אין אַ וואָכעדיקן טאָג, ווען דער תל־אביבער איינוווי־נער מיטן נאָמען שמעיה איז זיך געגאַנגען געשעפטלעך איבער דער הערצל־גאַס, וואָס איז כידוע מלא מיט געשעפטן, ביוראָס, בענק און קאָפעהייזער.

און ווי ער גייט אַזוי איבערן טראָטואַר, גיט אים ווער אַ נעם אָן ביים אַרבל פון רעקל. ווען ער כאַפּט אַ קוק, דערזעט ער נעבן זיך נישט קיינעם, נאָר ווי זיין אייגן ווייב קריינדל, פון וועלכער ער, שמעיה, איז אַנטלאָפן אַהער אַזש פון דרום־אַמעריקע.

קריינדל, וואָס איז אָנגעטאָן אין שרייענדיקע מלבושים און באַהאָנגען מיט גאָלדענע קייטעלעך און פינגערלעך, האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלד, פון וואָס די דורכגייער האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט און אויפגעשטעלט מויל און אויערן פון גרויס נייגיר.

— זעט נאָר, מענטשן, — האָט זיך קריינדל געווענדט צו די אַרומ־

שטייענדיקע, — ווי דאָס וווּנדערט זיך דערזעענדיק מיך. דאָס איז, זייט וויסן, מיין אַנטלאָפּענער מאַן.

און קריינדל נעמט שרייען הויך, אַז אַלע זאָלן הערן.

— איר הערט, מענטשן, דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז איך וועל אים דאָ טרעפן.

און אַז שמעיה נעמט זיך פאַרענטפערן, לאָזט אים נישט קריינדל,

— וועסט זיך שוין — זאָגט זי — פאַרענטפערן אין בית־דין־שטיבל.

און שוין זיצן מאַן און ווייב אין אַ טעקסי־„ספעשיל״, וואָס פירט זיי שנעל איבער די גאַסן צום גרויסאַרטיקן בנין פון ועד הקהילה, אויף דער דוד־המלך־גאַס, ווו קריינדל פירט אַריין שמעיהן אין בית־דין־שטיבל אַריין.

— דאָס איז ער, דער אַנטלאָפענער תכשיט.

אַזוי זאָגט קריינדל צו די רבנים, וועלכע זיצן דאָ ביי די אָפענע גמראָס און זענען מוכן ומזומן אויסצוגלייכן די סכסוכים בין אדם לחברו.

גלייך ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט אויף שמעיהן, נעמען זיך די רבנים אויספרעגן:

— זאָגט מיר, פאַר וואָס זענט איר אַנטלאָפן פון ווייב?

— מיר האָבן זיך נישט געהאַט פאַרשטאַנען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— און פאַר וואָס האָט איר נישט צו וויסן געגעבן אייער ווייב, אַז איר געפינט זיך אין ישראל?

— איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט מיך אָפּגעפינען.

— און וואָס וועט איצטער זיין?

— איצט וועט זיין גוט.

— וואָס איז דאָס גוטקייט?

שמעיה נעמט אויפקלערן די זאַך אויף זיין שטייגער:

— איר פאַרשטייט, רבי, איצט, אַז מיר האָבן זיך צוריק געטראָפן נאָך אַ פּאָר יאָר זיין צעשיידט, וועט שוין מיין ווייב וויסן ווי אַזוי מיך אָפּצושאַצן ווי געהעריק.

די רבנים, די אויספרעגער, נעמען זיך צום צווייטן צד.

— וואָס זאָגט איר צו אייער מאַנס רייד?

— אַ ביסל איז ער גערעכט — איך בין אים נישט איין מאָל דערגאַנ־גען די יאָרן.

זעען די רבנים, אַז עס גייט כשורה, נעמען זיי ווינטשן דעם פאָרפאָלק.

— מיר ווינטשן אייך, אַז פון איצט אָן זאָלט איר לעבן אין נחת און אין פרייד.

— אמן!

אַזוי ענטפערן שמעיה און קריינדל און פאַרלאָזן דאָס בית־דין־שטיבל מיט צעשמייכלטע פנימער.

געגט זיך און צוריק חתונה געהאַט

זיידל און זיין ווייב פריידל האָבן אין אַ שיינעם העלן טאָג איבער־געריסן זייער צוזאַמענלעבן און זענען זיך צעגאַנגען דער אַהין און דער אַהער, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך קיין מאָל נישט געקענט.

דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט, ווען די ראַבינאַט־שטוב האָט זיך געפונען אין אַלטן הויז אויף יבנה־גאַס אין תל־אביב, דאָרט, וווּ זיידל און פריידל האָבן שפּעטער געהאַט אויף ס׳נייַ זיך פאַרשריבן אויף אַ זמן חתונה ביים פּקיד הנ״ל, וועלכער האָט שוין בעת זיין זיצן דאָ פאַרשריבן טויזנטער פאַרלעך צוליב חתונה־צוועקן.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז זיידל מיט פריידלען, וועמענס שידוכים האָבן נישט עולה יפה געווען, האָבן זיך די דאָזיקע טעג אָפּגעגט ממש אין איין טאָג און אין איין שעה — און אַרויסגייענדיק פון בית־דין־שטיבל, וואָס אין נייעם גרויסן בנין פון דעם ועד הקהילה, האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן, מעשה פלא, פּנים אל פּנים.

דער ערשטער האָבן אָנגעהויבן זיידל:

— וואָס הערט זיך ביי דיר, פריידל?

— זעסט דאָך, איך האָב זיך נאָר וואָס אָפּגעגט פון מיין מאַן דעם שלימזל.

— און איך האָב זיך אויכעט נאָר וואָס אָפּגעגט פון מיין אומלייטיש ווייב.

אין מיטן רעדן כאַפּט זיידל אַ קוק אויף פריידלס צעפלאַמטע באַקן און אויף איר היינטצייטיקע פריזור, וואָס מאַכט זי אויסזען ווי אַ יונגע פריילין, און עס כאַפּט אים אָן אַ בענקשאַפט צום געוועזענעם ווײַב.

— ווייסט וואָס, פריידל, עס איז מיר איינגעפאַלן אַזאַ מחשבה, אַז מיר זאָלן זיך צוריק נעמען.

פריידל קוקט אים אָן מיט פאַרוווּנדערונג.

— מיינסט עס ערנסט ?

— איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט.

— און דו וועסט נישט חרטה האָבן ?

— זאָל איך אַזוי לעבן און געזונט זיין, ווי איך וועל נישט חרטה האָבן.

— אויב אַזוי קום זשע זיך פאַרשרייבן אויף אַ זמן חתונה.

און ביידע זענען אַוועק אַהין צום פקיד הנ״ל, וואָס האָט זיי, נישט פרעגנדיק קיין איבעריקע שאלות, פאַרשריבן אויף אַ זמן חתונה.

נאַר בלייבט נאַר און מקח בלייבט מקח

אַליין איז הערשל טשאַפּ אַ שוסטער, און אויפגעהאַלטן האָט ער זיך אין איינעם פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, ווו ער האָט אָפּגעשפּאָרט שיין געלט.

אַזוי ווי הערשל טשאַפּ איז נאָך געווען אַ בחור און זיין האַרץ האָט געלעכצט נאָך פאַמיליע־לעבן, איז ער דעריבער געפאַלן אויף דער המצאה צו זוכן דעם זיווג אין מדינת ישראל, וואָס איז דאָס לאַנד פון די אָבות אבותינו.

אומר ועושה: הערשל טשאַפּ האָט אין איין שיינעם העלן טאָג גענו־מען און פאַרלאָזט דרום־אַמעריקע און איז אָנגעקומען בשלום אין יידישן לאַנד אַריין, ווו ער האָט זיינע ערשטע טריט געשטעלט אין דער עיר ואם בישראל — תל־אביב.

און הערשל טשאַפּ, וואָס זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרריכטן טשאַפּעס (אַלטע שיך), האָט דאָ, אין כרך, גלייך זיך פאַרלייגט אַ שוסטער־געוועלב, און דרך־אגב, האָט ער זיך געדונגען אויף שליסל־געלט אויך אַ דירה.

און דאָ קומט דעם עצם סיפּור־המעשה:

נאָכן אַריינשטעלן דאָס נייע בעט מיט דער שאַנק און מיטן טיש אין דער דירה אַריין, האָט הערשל טשאַפּ זיך איינגעשאַפט פאַר אַ ספּאָנדזשע־מאַכערין דאָס שוואַרץ באַחנטע פּרויענצימער בשם מזל, וועלכע איז אַהערגעקומען פון תימן מיטן „פליענדיקן טעפּיך".

צו הערשלס מזל, איז די תימנער ספּאָנדזשע־מאַכערין מיט די פלינקע הענטלעך און מיטן דאַרן פּנימל, געווען נאָך אַ גט, און זי האָט געזוכט אַ שידוך ווי מיט ליכט.

אַזוי אַרום האָט זיך געמאַכט, אַז הערשל טשאַפּ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער באַחנטער גרושה מזל, ווען ער האָט אַרויסגענומען מעבדות לחירות — דאָס הייסט, געמאַכט זי במקום זה פאַר זיין כלה.

אויף דער חתונה, וואָס איז פאַרגעקומען אין איינעם פון די חתונה־

זאָלן אין ועד־הקהילה, האָבן זיך צונויפגענומען אַלע איינגעלאַדנטע געסט פון דער כלהס צד און האָבן הערשלס באַשערטע אַריינגענומען אין קרענצל, בכדי צו גיין מיט איר אַ טענצל.

אָפּגעטאַנצט, האָבן די געסט אַזוי געזאָגט צום חתן:

— חתן, מיר זענען מכריז ומודיע, אַז דו האָסט אונדז צוגעשטעלן מיד דעם עקסטרע וויין, וואָס זאָל דערפרייען דאָס האַרץ. אויב נישט, גיבן מיר דיר נישט אָפּ די כלה.

האָט דער חתן הערשל דערויף אויסגערופן בזה הלשון:

— מקח בלייבט מקח.

און ער האָט געהייסן ברענגען אויף זיין חשבון עטלעכע פלאַשן שאַמ־פּאַניער מתוצרת הארץ, וואָס רופט זיך „הנשיא".

ערשט נאָכן אויסטרינקען די דאָזיקע משקה, האָט דער חתן געפירט די כלה אונטער די חופה־שטאַנגען, זייענדיק אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט די בגילופנדיקע געסט פון דער כלהס צד.

מאַכט זיך אַ מעשה און אין דער ראַבינאַט־שטוב, הסמוך צו די אַכט בית־דין־שטיבלעך, דאָרט, ווו עס זיצן די רבנים און דיינים און פּסקנען שאלות און טיילן גטן די צעקריגטע פּאָרפעלקער, דערשיינען מיט אַ מאָל אונדזערע אויבן באַשריבענע העלדן, הערשל טשאָפּ און זיין ווייבל מזל.

ביידע זענען געווען בייז אָנגעדראָדלט און געקוקט האָבן זיי איינער אויפן אַנדערן מיט אויגן מלא כעס, גרייט זיך איינצושלינגען.

אַריינקומענדיק אין בית־דין־שטיבל, איז הערשל טשאָפּ דער ערשטער אַרויס מיט לשון:

— רבי, איך פאָדער אַ גט, זי איז נישט ראוי צו זיין מיין ווייב.

נעמט דער רב זיך גלעטן די ברייט־צעקעמטע באָרד:

מה פשעי ומה חטאתי, מיט וואָס האָט זי זיך דאָס אַזוי פאַרזינ־דיקט?

הייבט אָן הערשל טשאָפּ צו דערציילן אַזאַ מעשה: ער, זאָגט ער, איז אַ מענטש, וואָס האָט ליב צו טאָן אַן עס כדבעי, דהיינו, צו עסן אַ מיטאָג, מיט איינגעריישטע לעבערלעך, מיט לאָקשן אין דער יויך, מיט געהאַקטע קאָטלעטן און מיט געקאָכטן עפּל־קאָמפּאָט.

אויף אָונטבּרויט האָט ער ליב צו עסן אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ־

הערינג, מיט אַ ציבעלע אַריינגעהאַקט און מיט אַ ביסל געגדזן־שמאַלץ באַשמאַלצן.

קומט צו גיין זיין ווייב און דערלאַנג אים צום מיטאָג אַ טעלער סאַ־לאַט, וואָס באַשטייט פון גרינע אוגערקעס, רויטע פּאָמידאָרן און ווייסע רעטעכלעך. דאָס אַלץ איז באַפּעפּערט און באַזאַלצן מיט אָן אַ שיעור זאַלץ און פּעפּער, פון וואָס עס רייסט אים אין האַלדז און עס ברענט אים אין די קישקעס. דאָס זעלבע מאכל גיט זי אים צו עסן אין דער פרי און אויף דער נאַכט און אַ גאַנץ יאָר — און „דערפאַר, רבי — זאָגט ער — איז מיר דאָס עסן אירס נמאס געוואָרן".

— פאַר וואָס הייסטו נישט דעם ווייב קאָכן אַזוי ווי דו האָסט ליב? — גיט אַ פרעג דער רב מן הצד.

— שוין געהייסן און עס העלפט נישט.

— אם כן, ווילסטו, הייסט עס, אַ גט?

— דאָס וויל איך טאַקע.

דער רב ווערט שטרענג און זיין פּנים נעמט זיך קנייטשן.

— ר' ייד — גיט ער אַ זאָג — פאַר אַזאַ זאַך גט מען זיך נישט און גייט אייך געזונטערהייט.

הערשל טשאַפּ נעמט זיך אַזש קראַצן אין קאָפּ פון גרויס עגמת נפש.

— רבי — גיט ער אַ מאַך — זאָגט איר כאָטש, זי זאָל מיך האָרכן און קאָכן פאַר מיר מיינע געליבטע מאכלים.

— דאָס, זעט איר, האָט איר ביי מיר יאָ געפּועלט — און דער רב האָט אַ נעם געטאָן זיין ברייט־צעקעמטע באָרד אין דער האַנט אַריין און האָט אַזוי געזאָגט צום קליינעם דאַרן ווייבל, מזל:

— זיי וויסן, אשה, אַז אַ מאַנס אַ וואָרט באַדאַרף זיין אַ וואָרט און וואָס ער זאָגט איז געזאָגט.

מזל האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און זי האָט דעם רב צוריק דערלאַנגט אַזאַ ענטפער:

— רבי, מהיום והלאה וועל איך אים קאָכן און באַקן אַזוי ווי ער וויל.

און דער רב, דערהערנדיק די דאָזיקע הבטחה, האָט זיך אַ נעם געטאָן און אויף דער גיך שלום געמאַכט צווישן צעקריגטן פּאָרפאָלק.

פייגעביילע וויל נישט קיין שוסטער

הכל תלוי במזל. וואָלט קיווע ראַשפּייל פון שיכון־שטעטל הדר יוסף, נישט געווען פון פאַך אַ שוסטער, נאָר אַ סוחר אָדער אַן אונטערנעמער פון איידעלע זאַכן, וואָלט פייגע־ביילע זיין ווייבל, מיט וועמען קיווע האָט שוין אָפּגעטראָסקעט אַ קיימאַ־לן פון אַכט יאָר צייט, זיך אַזוי נישט געוואָרפן איבער אַלע שבעה ימים אַרויסצוקריגן פון אים אַ גט. איז אָבער קיווע נישט קיין נאַר און גיט איר אַ פייג, נישט קיין גט. ער טענהט צו די ראַבינאַט־רבנים: לעולם האָט ער, קיווע, גאָרנישט צו פייגע־ביילען, וועמען עס געפעלט נישט צו האָבן אַ שוסטער פאַר אַ מאַן. ער וויל נאָר, זי זאָל אים זיין אַ ווייב כדת וכדין און אַ מאַמע צו זייער זעקס־יאָריק קינד, וואָס וואַלגערט זיך נעבעך אין אַ מוסד און ווערט פאַרשוואַרצט.

שטייען זיי ביידע, קיווע און פייגע־ביילע, האַלב־פאַרשעמטע און אָנגעברוגזטע פאַר די רבנים, אַרומגערינגלט מיט ווינקל־אַדוואָקאַטן, שמשים און כלי־קודש פון בית־דין־שטיבל און זענען מרעיש עולמות. קיווע חלשט שיער נישט אַוועק פון כעס און זגר־יזאַטע. פייגע־ביילע רייסט זיך צו אים מיט צעשפּרייטע הענט:

— זאָג, גזלן, אַז דו גיסט מיר אויף חיונה בסך־הכל פופציק פּיאַסטער אַ טאָג, אַז דו שלאָגסט מיך, אַז דו האָסט מיך פיינט און ווילסט מיט מיר נישט ווינען.

צופּט קיווע די נישט־ראַזירטע גאָמבע, ציט רויך פון ברענענדיקן סיגאַרעט און צערעווועט זיך קעגן פייגע־ביילען:

— פייגע־ביילעלע, ווילסט אַ גט? אַ פייג קען איך דיר געבן! ווילסט מיך אַרויסברענגען פון די כלים, האַ? כ׳זאָל דיך צעשלאָגן און מ׳זאָל דיר דערפאַר צופּסקנען דעם גט? קענסטו לאַנג וואַרטן!

ליגט זיך אויפן בית־דין־טיש דאָס פאַרטיקע גט־פּאַפּיר און וואַרט, אַז די צדדים זאָלן זיך צעפּאַטשן. וואַרטן אויך אויף אַ שטיקל געשלעג די

ווינקל־אַדוואָקאַטן, די שמשים און דאָס גאַנצע כלי־קודש־געזינדל, וואָס איילן זיך אָנצוהייבן די גט־מלאכה. קיווע איז אָבער אויף צו להכעיס טויב און שטום, ער זיצט און עס קאָכט אין אים דער כעס, זינט דעם ענטפער, וואָס ער האָט דאָ איצט דערלאַנגט פייגע־ביילען.

קראַצן זיך דערווייל די רבנים ביי די בערד און די ווינקל־אַדוואָקאַטן סקריפּען מיט די שטייפע פּאַפּירן. שטייט אויף דער טיר־שמש, אַ ברייט־צעוואָקסענער ייד, מיט אַ כפל־שמונה־בערדל און גענעצט מיט אַ ברייט צעעפנט מויל, האַלטנדיק פעסט די טיר־קלאַמקע.

איינער פון די ווינקל־אַדוואָקאַטן, אַ יידל מיט אַ טונקעלן גאַרניטור, אין אַ קאַפּל און קמץ־בערדל, האַלט נישט אויס די דאָזיקע אָנגעשפּיצטע שטילקייט.

— הכלל, צדדים — גיט ער אַ זאָג — וואָס וועט זיין?

— חושך וועט זיין — גיט זיך קיווע אַ צערעווע מיט אַ קול ווי אַ לייב — כ'זאָג אייך, חושך וועט זיין אייך אַלעמען. וואָס האָט איר זיך פאַר־לייגט אויף מיינע יאָרן? כ'על זי נישט גטן! כ'זאָל וויסן צו קראַפּירן, וועל איך נישט אונטערשרייבן אויף אַ גט. — פייגע־ביילעלע, — ווענדט ער זיך צום ווייב, — דיין וואַרטן איז אומזיסט. קענסט צוריקגיין צו דיין פריינטל, צו דער טויבער יאַשקיכע, וועלכע רייצט דיך אָן אויף מיר און צעברעכט דיר דאָס לעבן.

קיווע פאַלט אַריין אין חימה און נעמט גיין גלייך אויף פייגע־ביילען:

— פאַר מיין אויסגעפּראַצעוועט געלט האָסטו דיר געדונגען אַדוואָקאַט־לעך, האַ? ס'פּאַסט דיר נישט קיווע? אַ סוחרל פאַרגלוסט זיך דיר?

קיווע פאַלט אַזש אַריין אין אַ פוריע:

— פאַר אַט די גט־שפּיצלעך און דריידלעך וועל איך אייך אַלע פאַרן משפט אָנגעבן, איז מיין נאָמען נישט קיווע, אויב כ'וועל נישט אַזוי טאָן — פאַרכלינעט ער זיך אַזש.

די רבנים, ווינקל־אַדוואָקאַטן און דאָס גאַנצע כלי־קודש, שאַרט זיך דערווייל אַרויס פון בית־דין־שטיבל און לאָזן אים, קיווען, אַליין. שרייט קיווע, און דער אַלטער בית־דין־סעקרעטאַר, אַ גריז־גרויער, אַ צעקנייטש־טער, וואָס זיצט און סקריפּעט מיט דער פעדער אַרום אַ באַרג פּאַפּירן,

ער הייסט דעם שמש אַריינרופן עובדיהן, דעם באַוואָפנטן ראַבינאַט־שומר, וועמענס עבודה איז, צו באַזייטיקן און איינשטילן אַלע שרייענדיקע גט־קאַנדידאַטן פון בית־דין של מטה. איז אָבער עובדיה אַליין אַ ייד אַ חלוש, מיט אָן אַ שיעוּר מיחוּשן, וואָס קען קיין פּליג אויף דער וואַנט נישט טשעפּען. מאַכט ער עס דעריבער, אַט דער עובדיה שומר, מיט שכל, און שטילט איין די שרייענדיקע שמשון הגיבורס מיט אַ וויצל וכדומה. אַריינ־קומענדיק אין בית־דין־שטיבל און אָנקוקנדיק דעם מוסקולירטן קיווע, איז עובדיהן שיער נישט איינגעפאַלן דאָס שוואַכע האַרץ. דאָך האָט ער זיך געמאַכט קוראַזש און אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף קיוועס פּליי־צעס:

— ר׳ ייד — האָט אים עובדיה איינגעשטילט — איר רעדט דאָך אל העצים ואל האבנים. קוקט אייך אַרום, אַלע זענען זיך צעלאָפן און איר רעדט פאַר די פיר ווענט...

גייט קיווע אַרויס פון בית־דין־שטיבל. גייט אים נאָך עובדיה. זעצט זיך קיווע אַוועק אין פּאָדערהויז אויף דער באַנק און טוט זיך אַליין אַ פרעג: „וואָס טוט מען?״.

שפּרייזן דערווייל פאַרביי קיווען ווייבער און מענער, אַלטע און מיטליאָריקע, אַלע קאַנדידאַטן אויף חתונות, בריתן, פּדיון־הבנס און גטן. און איינער פון זיי גיט קיווען אַזאַ מין ענטפער אויף זיין געשטעלטער פראַגע:

— ר׳ ייד, איר ווייסט נישט, וואָס מען טוט? מען גייט אַהיים און מען הייסט מאַכן דעם ווייב אַ לאָקשן־קוגל.

צעשמייכלט זיך קיווע מיט ביטערניש:

— איר זענט גערעכט, ר׳ ייד, אָבער ווי איז דער דין, אַז איך האָב נישט קיין היים און נישט קיין ווייב?

— איז טאַקע נישט גוט — ענטפערט דער ייד און לאָזט זיך גיין אַראָפּ מיט די שטיגן. גייט קיווע נאָך אין הוילער קרעכצעניש. לאַכט דער ייד. פרעגט אים קיווע:

— ר׳ ייד, וואָס לאַכט איר?

פרעגט צוריק דער ייד:

— פאַר וואָס קרעכצט איר?

— דאָס ווייב איז פון מיר אַנטלאָפן...

— אַזוי? — לאַכט ווייטער דער ייד, — און איך גיי די טעג חתונה האָבן...

פון גאַס

רויטע רויזן

די צייט לויפט שנעל. שוין צען יאָר, ווי עס האָט אין דער טיר פון דער יונגער שיינער אַלמנה מרים, אָנגעקלאַפּט דער שטיין־רייכער סוחר פון בוי־מאַטעריאַלן, דער בכבודיקער גרוש אַבראַשע, וועלכער האָט גע־בראַכט אַ בינט רויטע רויזן.

די יונגע אַלמנה, וואָס האָט לאַנג געטרויערט נאָך איר פאַרשטאָר־בענעם מאַן, האָט זיך זייער דערפרייט.

— וואָסערע שיינע בלומען!

— דו ביסט אַליין ווי אַ בלום — האָט אויסגערופן דער פאַרליבטער אַבראַשע און האָט אַרומגענומען זיין געליבטע כלה. — נאָך איין וואָך און מיר וועלן זיין מאַן און ווייב.

דערנאָך איז דער שטיין־רייכער סוחר אַוועק צו זיינע געשעפטן און איז מער נישט צוריקגעקומען צו זיין באַשערטער, וועלכע האָט זיך צו מאָרגנס דערוווּסט די פינצטערע בשורה, אַז איר אויסדערוויילטער איז אומגעקומען אויף דער רוישיקער גאַס אין תל־אביב.

די יונגע און שיינע אַלמנה האָט זיך געזעצט טרויערן נאָך איר אומ־געקומענעם ליבן פריינד, נעבן טישל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען די קרישטאָלענע וואַזע מיט די רויטע רויזן. דאָס וואָסער אין דער קרישטאָ־לענער וואַזע האָט אויסגעטריקנט, די רויטע רויזן זענען פאַרוועלקט גע־וואָרן און די אין טרויער איינגעהילטע מרים האָט פאַרלאָזט די שטוב, איז אַוועק אין די מרחקים, כדי צו שטילן אין דער פרעמד דעם גרויסן ווייטיק, וואָס האָט געשטעקט טיף אין איר האַרצן.

אין דער צייט, וואָס מרים די אַלמנה האָט זיך געפונען אין דער פרעמד, האָט זיך אין דער פאַרלאָזטער שטוב געלייגט איין שיכט שטויב נאָך דער צווייטער, האָט פאַרדעקט די ווענט מיט די מעבל־שטיק און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אינעווייניק.

די בוי־אונטערנעמער האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי די אַרומיקע שכנים וועגן דער שטוב, וואָס שטייט שוין יאָרן ליידיק, מיט פאַרמאַכטע לאָדנס

און פאַרשלאָסענע טירן און וועגן דער אַלמנה מרים, וואָס זיצט אין דער פרעמד און לאָזט נישט פון זיך הערן קיין וואָרט.

די בוי־אונטערנעמער, וועלכע האָבן זיך געגרייט אומצוּוואַרפן דאָס פאַרטער־הייזל, ווו עס האָט זיך אין איר שטוב אויפגעהאַלטן אַ מאָל די אַלמנה, האָבן נאָך לאַנגע אויספאַרשונגען זיך דערוווּסט איר אויסלענדישן אַדרעס און האָבן מיט איר דורכגעפירט די קויף־טראַנזאַקציע און זענען צוגעטראָטן צו צעלייגן די שטוב מיט האַמערס, העק און אַנדערע מינים ברעך־אייזנס.

און אָט האָט עמעצער פון די צעשטערער געזומען און אַרויסגעוואָרפן פון דער אַלמנה מרימס שטוב די קרישטאָלענע וואַזע, וואָס איז געווען האַלב צעבראָכן, און עס האָבן נאָך אין איר געשטעקט די פאַרוועלקטע רויטע רויזן, וואָס געבראַכט אַהער האָט זיי דער פאַרליבטער שטיין־רייכער סוחר אַבראַשע.

און אַז עס גייט אַדורך דער אַלטער הערמאַן, דער לאַנגיאָריקער איינוווינער פון געסל, וועלכער האָט גוט געקענט די שיינע אַלמנה מרים און דערזעט ווי צווישן די ברוך־שטיקער וואַלגערט זיך די האַלב־צעבראָ־כענע וואַזע מיט די פאַרוועלקטע רויטע רויזן, ווי אויך די דערנעבן ליגנ־דיקע פאַרשטויבטע פאָטאָגראַפיע פון מרימס אומגעקומענעם חתן אַבראַ־שע, ווערט ער אויפגעציטערט און רופט אויס צו די דורכגייער:

— זעטס, יידן, די טראַגעדיע פון מרים דער אַלמנה שרייט אַרויס פון צווישן די ברוך־שטיקער!...

דערויף ענטפערט איינער פון די אַרומשטייענדיקע:

— אַזאַ זאַך איז ווערט צו באַשרייבן.

— דאָ, נישט ווייט פון דאַנען, וווינט אַ צייטונגס־שרייבער.

— לאָמיר אים אַהעררופן.

אַזוי אַרום איז די געשיכטע פון דער שיינער אַלמנה מרים מיט איר אומגעקומענעם רייכן חתן אַבראַשע באַשריבן געוואָרן אין דער צייטונג מיט אַלע איינצלהייטן, און עס קען זיין, אַז די דאָזיקע באַשריבענע שורות וועלן דערגיין אַהין צו דער אַלמנה מרים, וואָס זיצט ערגעץ אין דער פרעמד און וועט איר דערמאָנען אין איר טרויעריקן שיקזאַל.

דאָס קופּערטל פון ששת ימי בראשית

אַ נײַע מאָדע איז אױפגעקומען בײַ די אױפגעקומענע גבירים פון צפון תל־אביב.

אַרױסצוװאַרפן פון שטוב די אַלטע מעבל־שטיקער, װאָס האָבן שױן זײערס אָפּגעדינט און באַדאַרפן פרײ מאַכן דעם פּלאַץ פאַרן נײַעם העכסט מאָדערנעם מעבל.

אַזױ אָבער װי די הענדלער פון אַלטװאַרג װילן מער נישט קױפן קײן מעבל — מחמת עס פעלט זײ נישט די דאָזיקע סחורה, זענען דערײַבער די אױפגעקומענע גבירים פון צפון תל־אביב געפאַלן אױף דער המצאה צו באַזײטיקן דאָס אַלטע מעבל פון שטוב אַרױס.

און זײ טוען עס אױף אַזאַ אופן:

זײ שטעלן עס אַרױס אין די פרימאָרגנס פאַר דער הױזטיר אױף הפקר, און װער עס װיל קען עס נעמען.

מהאי טעמא, האָט דער אױפגעקומענער גביר נחשוני, פון דער שפּאָגל־נײַער דירה פון פינף צימערן, אױף דער נײַער גאַס אין צפון תל־אביב, גענומען אין אײנעם אַ פרימאָרגן און „עקסמיסירט" פון דער שטוב אַרױס דאָס קופּערטל פון ששת ימי בראשית.

דאָס איז געװען אַ פּירקאַנטיק קופּערטל, אַ באַשלאָגנס מיט שטאָלענע רײפן און געמאַכט פון אַזאַ אײַזערנע בלעך, װאָס האָט נישט צוגעלאָזט קײן זשאַװער.

אַחוץ דעם, װאָס דאָס קופּערטל איז געװען באַקלעפּט מיט אָן אַ שיעור צעטלען, װאָס האָבן געשטאַמט פון אַלטע צײַטן און פון װײַטע לענדער, האָט עס נאָך פאַרמאָגט קונציקע שלעסער, װאָס אַזעלכע זענען הײַנט נישט בנמצא.

מיט אײן װאָרט, דאָס קופּערטל איז געװען ראױ אַרײַנגעגעבן צו װערן אין היגן מוזײ, װוּ עס געפינען זיך פאַרשידענע אַלטע אַנטיקן.

פונקט אין דער צייט, ווען דער אדון נחשוני האָט דאָס קופּערטל אַרויסגעשמיסן פון זיין שטוב,, בין איך, דער שרייבער פון די שורות, געהאַט אַדורכגעגאַנגען דאָרט און געכאַפּט מיט אים אַ שמועס כהאי לישנא:

— היתכן, ווי קען מען נעמען און אַרויסוואַרפן אַזאַ אַנטיק?

ענטפערט ער:

— כ׳האָב עס נישט ווו צו האַלטן.

— עס פעלט אייך פּלאַץ?

— ווו איז היינט דאָ פּלאַץ פאַר אַזעלכע זאַכן? נישט די הייזער פאַרמאָגן ביידעמס און קעלערס און נישט די מענטשן זענען די זעלבע וואָס אַ מאָל.

און דער מענטש הייבט מיר אָן צו דערציילן די געשיכטע פון אַנטיקישן קופּערטל:

— איר זאָלט וויסן, אַז דאָס קופּערטל שטאַמט נאָך פון „ששת ימי בראשית״. עס איז מיר געקומען בירושה פון אַן עלטער־עלטער־זיידן, וועלכער האָט נאָך געדענקט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן.

נדנים פון אָרעמע כלות זענען געהאַלטן געוואָרן אין דאָזיקן קופּערטל און דאָס קופּערטל האָט אויך אויפגעהיטן דאָס משפחה־צירונג מיט די כל המינים ווערטפולע פּאַפּירן, וואָס זענען געווען גילטיק איןביידע וועלט־מלחמות.

מיטגעוואַנדערט האָט דאָס קופּערטל פון איין לאַנד אין צווייטן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס האָט, ווי איר זעט, אַריינגעוואַנדערט קיין ישראל.

און מיר שטייען אַזוי און שמועסן מכוח דעם קופּערטל, פאַרפאַרט זיך אין צווישן אויף זיין דריי־רעדלדיק וועגעלע אַן אַלטוואַרג־הענדלער, און דערזעענדיק דאָס אַנטיקל זיך וואַלגערן הפקר פאַרן הויז, גיט ער עס אויף דער גיך אַ נעם אַרויף צו זיך אין וועגעלע — און היידאַ — ווייטער געפאָרן.

אַ טאַטנס אַ קינד

נטע, וואָס האָט אַ „תנובה"־געווּעלבל אין דער זייטיקער גאַס אין תל־אביב, האָט זייענדיק נאָך אַ בחור אין פּוילן, אָפּגעטאָן אַ שפּיצל זיין טאַטן הערש־איטשע דעם מילנער, וואָס האָט געהאַלטן אַ פּריצישע מיל ביים טייך „וויעפּש".

דער יונגער בחור נטע, וואָס איז געשטאַנען אין שידוכים מיט באַלע־באַטישע טעכטער, האָט געברענגט צו פירן דעם טאַטן אין שטוב אַריין אַ מויד מיט אונטערגעפּאַרבטע אויגן. דאָס פּנים געשמינקט, די ליפּן גע־פאַרבט אויף רויט, דאָס קלייד דעקאָלטירט, און פרעך געשמייכלט האָט די מויד, און געקוקט עזותדיק האָט זי הערש־איטשען אין פּנים אַריין.

— טאַטע — האָט נטע געטאָן אַזוי צו זאָגן — זיי באַקאַנט מיט רוזשקע, מיין כלה, וואָס איז געקומען פאַרצושטעלן זיך פאַר דיר.

הערש־איטשע, וואָס איז געווען אויסגעמעליקט, האָט רוזשקען אָפּ־געמאָסטן מיט אַן אייז־קאַלטן בליק, פּונקט אַזוי ווי אַ מילנער מעסט אַ זאַק געמאָלענע רעטשענע קאַשע.

— נטע — האָט הערש־איטשע געמאָלן מיט כעס — נעם דיר די מויד און גיי מיט איר דאָרטן אַהין, פון וואַנען דו האָסט זי גענומען.

— טאַטע, אַזוי רעדט מען נישט צו אַן אייגן קינד.

— נטע, לערן מיך נישט ווי אַזוי צו רעדן.

— אַזוי צי אַזוי, וועל איך מיט איר חתונה האָבן.

און טראָץ אַלעמען האָט נטע גענומען רוזשקען פאַר אַ ווייב און צו דער צייט האָט זי אים געבוירן אַ זון, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן אַנשל. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר, איז רוזשקע אַנטלאָפן פון נטען מיט אַ געליבטן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין.

ווען אַנשל איז אַלט געוואָרן אַ פּאָר יאָר, האָט נטע אָפּגעגט דאָס אַנטלאָפענע ווייב און איז מיט אַנשלען אַנגעקומען צוריק צום טאַטן

הערש־איטשע דעם מילנער, וואָס האָט געמאָלן מעל פאַר די פויערים אַרום טייך „וויעפּש".

איין מאָל זומער, אין שניט־צייט, בשעת די תבואות אויף די פעלדער זענען געווען צום דרעשן און צום מאָלן צו הערש־איטשען אין מיל אַריין, איז אויסגעבראָכן די שרעקלעכע מלחמה. עס זענען אָנגעקומען היטלער־דייטשן מיט כלי־זיין און האָבן נעבן הערש־איטשעס מיל געשאָפן אַ פראָנט קעגן די פּאָליאַקן. ווען די האַרמאַטן האָבן גענומען קראַכן מיט וויסטן אַליאַרם, זענען הערש־איטשע, נטע און אַנשל אַנטלאָפן פון טייך וויעפּש צום טייך בוג, און זענען אָנגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אַנטלאָפענע יידן אינעם באַפרייטן אוקראַינע.

ווען אַנשל איז עלטער געוואָרן, האָט נטע, זיין פאָטער, אים אויסגעזאָגט דעם סוד וועגן זיין מוטער רוזשקע, וואָס האָט געהאַט אַ שטיינערן האַרץ און וואָס האָט אים, אַנשלען, אַן אייגן קינד, אַוועקגענומען די מוטער־ליבע און צעשטערט אַ פאַמיליע־לעבן. נטע האָט אויך דערציילט אַנשלען, אַז זיין מאַמע איז אַנטלאָפן זיך ליבן מיט אַ צווייטן מאַנצפּאַרשוין, און אַנשל, פון זיין זייט, האָט פייערלעך צוגעזאָגט זיין טאַטן, אַז ווען ער וועט זיין גרויס און שטאַרק, וועט ער נעמען נקמה אין זיין שטיפטאַטן.

אַזוי זענען יאָרן אַנטלאָפן, און אַנשל, וואָס איז גרויס און שטאַרק געוואָרן, איז מיט זיין טאַטן נטע און מיטן זיידן הערש־איטשע דעם מילנער, געקומען קיין מדינת ישראל, ווו אַלע דריי דורות האָבן זיך באַזעצט אין תל־אביב, ווו עס פּאַסירן אויסטערלישע געשיכטעס.

האָט פּאַסירט, און עס איז, כרגיל, אין אַ הייסן זומערטאָג, געקומען צו נטען אין דער „תנובה" אַריין רוזשקע מיט איר געליבטן מאַן — רוזשקע איז ווי דעמאָלט, בשעת זי איז אַ כלה געוואָרן פאַר נטען, געווען אָנגעטאָן אין אַ קלייד מיט אַ טיפן דעקאָלט. די אויגן אונטערגעפאַרבט, דאָס פּנים געשמינקט, די ליפּן באַשמירט רויט און ווי אַ מאָל אַזוי האָט אויך איצט רוזשקע פרעך געשמייכלט נטען און דעם אַלטן הערש־איטשע אין פּנים אַריין.

רוזשקע האָט, האָבנדיק ביי איר זייט דעם געליבטן מאַנצפּאַרשוין,

נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, זי האָט כדרך הנשים געמאַכט אַ חנדל און האָט זיך גלייך געווענדט צום געוועזענעם מאַן:

— נטע, איך וויל זען מייך זון אַנשל.

— רוזשקע, דו האָסט זיך צו שפּעט דערמאָנט אין דיין זון.

— איך האָב די גאַנצע צייט נישט געוווסט ווו איר זענט.

— אַזוי ווי דו האָסט נישט געוווסט ביז איצט, אַזוי דאַרפסטו אויך ווייטער נישט וויסן.

— נטע, איך בין געזעצלעך באַרעכטיקט צו זען מיין קינד.

— ווען דו האָסט איבערגעלאָזט אַן אַ מאַמען אין יינגסטן עלטער, — האָט זיך אַריינגעמישט דער אַלטער הערש־איטשע.

— נטע, צום לעצטן מאָל זאָג איך דיר. אויב דו וועסט מיר שטערן זיך צו זען מיט מיין קינד, וועל איך מיך ווענדן צום געריכט.

די דאָזיקע עזותדיקע דיבורים פון רוזשקען האָבן איבערצייגט נטען, וואָס האָט געעפנט א טיר אין דער תנובה, ווו הינטער דער טיר איז געווען די דירה און נטע, דער טאַטע האָט פון דאָרטן גענומען רופן זיין זון אַנשל — אַנשל, קום אַהער.

באַלד איז אַריינגעקומען אַנשל, אַ בחור כהלכה, הויך און ברייט־פּלייציק, מיט וואָנסעס.

— אַנשל — האָט נטע אָנגעוויזן אויף רוזשקען מיט איר געליבטן מאַן — די פרוי איז דיין אַנטלאָפענע מאַמע, וואָס וויל דיך זען, און דער איז איר געליבטער.

האָט אַנשל, ווי אַ מאָל זיין זיידע, הערש־איטשע, אָפּגעמאָסטן זיין מאַמע רוזשקען מיט אַן אייז־קאַלטן קוק און נאָך דעם איז ער האַרט אָנ־געגאַנגען אויף דער מאַמעס געליבטן.

— אדון, גייט אַרויס פון מיין טאַטנס געוועלב.

— אַנשל, זאָלסט נישט באַליידיקן דיין מאַמע — האָט רוזשקע אַ זאָג געטאָן פאַרשטעלנדיק מיט איר קערפּער איר געליבטן מאַן.

נאָר דער צעקאָכטער אַנשל האָט שוין נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. אַנשל האָט ברייט אַן עפן געטאָן די טיר און אַ געשריי געטאָן:

— אַרויס פון דאַנען!!!

אין מעקלערישן קאַפעהויז

תל־אביבער איינוווינער קענען גוט דאָס מעקלערישע קאַפעהויז, וואָס געפינט זיך אין סאַמאַראַדנעם צענטער פון שטאָט. אויף די ווינקל־גאַסן אַלענבי און שדרות ראָטשילד, דאָרט ווו עס רעשט און זידט מיט מסחר און מיט מענטשן־געגייעריי.

אַ גאַנצן פאַרמיטאָג איז דאָס מעקלערישע קאַפעהויז געדיכט באַזעצט מיט געסט, צווישן זיי סוחרים, סתם שטאָט־לייט — און ועל כולם, מיט כל המינים מעקלערס, וועלכע ווייסן צו פאַרקויפן פון האַנט צו האַנט אַלערליי אַקציעס, מגרשים און אַנדערע סחורות עובר לסוחר.

זיצן אַרום די טישלעך מעקלערס און סוחרים, קויפער און פאַרקויפער און טרינקען קאַכעדיקע גלעזלעך טיי, שעלעכלעך קאַווע, קאַלטע, זיסע געטראַנקען — און צווישן איין זופּ און צווייטן טוט מען אויסקאַמבינירן אַ געשעפטל, וואָס איז כולו ריווח און מען מאַכט חשבונות אויף פּיצלעך בלאַנקעטן, אויף סערוועט־פּאַפּיר און אויף די טעוועלעך פון די סיגאַרעטן־שאַכטלען.

פון צייט צו צייט ברעכט אויס אַ שאַרפע מחלוקת צווישן אַ מעקלער מיט אַ סוחרל, וועלכע קאָנען נישט שליסן די טראַנזאַקציע, וואָרעם עס שטייט איינעם אַנצוווערן געלט. — דעמאָלט מישן זיך אַריין דער באַלע־באָס פון קאַפעהויז בכבודו ובעצמו, אַ יידל אַ בעל־גוף, מיט אַ היפש בייכל און מיט פעטע גלאַנציקע אייגעלעך.

— רבותי, — גיט ער אַ זאָג אַזוי, אַז מען זאָל מיינען, אַז ער רעדט צו אַלע אַרום — דאָ ביי מיר אין קאַפעהויז, רעדט מען געלאַסן, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר סוחרים. געשעפט — איז געשעפט!...

דרייט זיך אַרום אין מעקלערישן קאַפעהויז אַ מענטשל, אַ פלאַם־פייער און „געריבן אויף אַלע זייטן" — לויטן סוחרישן לשון. די סתם־געסט רופן אים „בענדעט כל־בוניק" — און למען האמת, האָט ער זיך

דעם נאָמען כשר פאַרדינט. ביי בענדעטן אין די טאַשן, קאָנט איר געפינען אַלע אַדרעסן פון די סוחרים און מעקלערס, וועלכע זיצן אין די גרויסע שטעט אין ישראל. חוץ דעם קאָן מען ביי בענדעטן זיך דערוויסן וועגן אַלע מגרשים, וואָס ליגן אין תל־אביב און אין דער סביבה און וואָס זע־נען צום פאַרקויפן אָדער צום פאַרדינגען. בענדעט כל־בוניק קאָן אייך פאַרקויפן אַלץ, וואָס עס איז נאָר פאַראַן אויף דער וועלט. מען באַדאַרף אים נאָר געבן אַ זאָג — און שוין בעסערט ער זיך אויס די הויזן, וואָס פאַלן אים אַרונטער, און די ברילן, וואָס רוקן זיך אים אַראָפּ אויף דער שפּיץ נאָז — און כהרף עין לאָזט ער זיך אַוועק איבער דער שטאָט און קומט גיך צוריק מיט דער פאַרטיקער טראַנזאַקציע.

אין דעם טאָג, ווען בענדעט איז שיער נישט אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, איז ער זיך ווי קיין מאָל גאָרנישט אַרומגעגאַנגען אין קאַפע־הויז צווישן די זיצנדיקע געסט, האָבנדיק אויף דער האַנטפּלאַך בלויז אַ ווייץ־קערנדל, וואָס ער האָט אַנגעבאָטן די אַרומיקע.

— ווער קויפט אַ וואָגאָן ווייץ?

— איך — רופט אויס איינער אַ פּאַרשוין, וועלכער זיצט איינער אַליין ביי אַ טישל, טרינקט קאַווע און פאַרבייסט מיט זיס געבעקס.

בענדעט גייט צו צום קויפער און שטעקט אים אָפּ אַ ברייטן שלום עליכם.

— שלום עליכם אַ ייד.

— עליכם שלום.

— וואָס קויפט אַ ייד?

— וואָס האָט איר צו פאַרקויפן?

— אַלץ קאָנט איר ביי מיר קויפן פאַר שווה כסף.

— אויב אַזוי פאַרקויפט מיר אייער לאַנגע נאָז.

האָט זיך בענדעט דערפילט געטראָפן פון דעם פאַרשווינדלס ווייץ, פון וואָס עס האָט זיך אַרויסגעפילט חוזק, און ער האָט אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— ר׳ ייד, כ׳האָב פאַר אייך אַן אַרטיקל, פון וואָס איר וועט זיין העכסט צופרידן.

— וואָס אַזוינס?

— כ׳קאָן אייך פאַרקויפן אַ חלק יקנה״ז.

— לאָמיר עס זען.

האָט בענדעט געזען, אַז דער פאַרשוין איז נעבעך געהרגעט אויף דער עברי, האָט ער אים אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט אים צוגעפירט צום ערשטן בעסטן מעקלער פון דעם קאַפּעהויז.

— ביי אים קאָנט איר אָפּקויפן מיין חלק יקנה״ז.

האָט זיך דאָס פאַרשוינדל גענומען צום מעקלער.

— ר׳ ייד, וויפל פאַרלאַנגט איר פאַרן חלק יקנה״ז?

— אַ הונדערטער, — האָט זיך גענומען וויצלען דער מעקלער, און האָט זיך דערביי צעלאַכט מיט אַזאַ הויכן געלעכטער, אַז אַלע מעקלערס און סוחרים האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, און דערוויסנדיק זיך אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָבן זיי זיך אַלע ווי איינער גענומען אַזש קאַטשען פון געלעכטער.

הקיצור, דער פאַרשוין האָט זיך געכאַפּט, אַז מען האָט אים אויסגע־פרייערט, אַז יקנה״ז באַטייט, לויט די ראשי תיבות: יין, קידוש, נר, הבדלה, זמן, און ער איז דעריבער אָנגעפאַלן אויף בענדעטן מיט אַ יעלה:

— איך ממית דיך שוין אויפן אָרט!

און אַז בענדעט האָט דעם שרייער אָפּגעשטופּט פון זיך, אַזוי האָט ער אויף ס׳ניי גענומען יעלהווען.

— דו האָסט מיך געשלאָגן, איך גיי שוין רופן פּאָליציי, וועט מען דיך איינזעצן.

ווי נאָר דער פאַרשוין האָט זיך געקליבן צו רופן פּאָליציי, איז באותו רגע אָנגעלאָפן דער באַלעבאָס, דער בעל גוף און האָט דעם פאַרשוין אָוועקגעפירט אין אַ ווינקל און מיט אים דאָרטן אַזוי לאַנג איינגעטענהט, ביז דער פאַרשוין האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, אַזוי ווי איינער זאָגט:

— גוט, כ׳וועל אייך האַרגן, זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט.

אויף די אַלטע יאָרן...

בערנאַרדן, דעם געוועזענעם פּאַרפומעריע־סוחר, האָט דער רבונו של עולם געבענטשט מיט אַריכת ימים, מיט געלט אַ סך און מיט אַ ליבן שמייכל, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

טראָץ דעם, וואָס בערנאַרד איז שוין אויף דער עלטער, פאַרגעסט ער נישט צו פּאַרפומירן די גרייז־גראָע האָר אויפן קאָפּ, צו פּרעסן זיך די הויזן, זיי זאָלן האָבן אַ קאַנט, צו פּוצן זיך די שיך אויף אַ גלאַנץ און צו שמייכלען ליבלעך צו די יונגע ווייבלעך מיט די מיידלעך פון געסל.

ערגעץ אין די מרחקים, האָט בערנאַרד אויסגעגעבענע זין און טעכ־טער, וועלכע שיקן אים פון צייט צו צייט טרייסט־בריוו נאָך זייער מאַמע באַלבינע, וועלכע איז דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן און געלאָזט בערנאַרדן אַליין אין דער דירה, וואָס געפינט זיך אין דעם אַלטן ירושה־הויז.

ויהי היום, האָט זיך דער אַלטער בערנאַרד אויסגעפּוצט אין די גע־פּרעסטע הויזן, מיט די גלאַנציקע שיך, און פאַרקעמענדיק זיך די פּאַרפו־מירטע גרייז־גראָע האָר. האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַהין צו די וויטע געסלעך אין דרום־תל־אביב. ווו ער האָט זיך געזוימט אַ גאַנצן טאָג און איז צוריקגעקומען מיט אַ מויד אַ ברען, וועלכע האָט גלייך גענומען באַלעבאַטעווען אין דער דירה.

די מויד, וועלכע האָט זיך גערופן הדסה, האָט געהאַט שוואַרצע פלאַם־פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט אַ געהיים פייערל און שוואַרצע געלאָקטע האָר, און אויפן לייב האָט זי געטראָגן אַן ענג אויסדעקאָלטירט קליידל.

פאַר די אַרומיקע שכנים, וואָס האָבן זיך מיט נייגיר צוגעקוקט צו בערנאַרדס לעבנס־שטייגער, האָט די מויד זיך באַרימט, אַז דער אַלטער גרייט זיך צו נעמען זי פאַר אַ ווייב און רעכנט איר אָפּצושרייבן זיין גאַנץ פאַרמעגן. דאַקעגן האָט בערנאַרד דערקלערט פאַר די זעלבע שכנים, אַז

הדסהן האָט ער אַריינגענומען אין שטוב אַריין, זי זאָל אים באַדינען אויף די אַלטע יאָרן. בינו לבינו, האָבן די שכנים דערזען באַשיימפּערלעך ווי דער אַלטער בערנאַרד, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן העל־דיש, איז זינט די מויד איז געקומען אין שטוב אַריין, געוואָרן אויס העלד, און אַז ער טוט זיך שוין נישט מער פּאַרפומירן די האָר, פּרעסן די הויזן, פּוצן די שיך און פון זיין פּנים, וואָס האָט באַקומען אַן אויסזען, ווי געלער צעקנייטשטער פּאַרמעט, איז אַוועק דער ליבער שמייכל.

און ווען עס האָט פּאַסירט דער פּאַל מיטן אַלטן בערנאַרד, וועלכער איז ראַפּטעם אַוועקגעפאַלן אין חלשות און האָט שיער נישט געמאַכט אַ שטאַרב, האָבן די שכנים פּאַרשטאַנען, אַז שולדיק אין דעם איז נישט קיינער, נאָר די מויד הדסה, מיט די פלאַם־פייערדיקע אויגן און מיטן ענג אויסדעקאָלטירטן קליידל אויפן לייב, וואָס דערוועקט תאווה און שע־דיקט דאָס לעצטע ביסל געזונט פון אַלטן בערנאַרד.

זענען זיי, די שכנים, געגאַנגען און האָבן דערפון צו וויסן געטאָן בערנאַרדס קרוב, משה־יאָסל דער אייזן־סוחר. און יענער האָט נישט געוואַרט און האָט אַוועקגעשיקט אַן עקסטרע בריוו צו בערנאַרדס עלטסטן זון מאַרקוס, וועלכער וווינט אין די מרחקים — און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז מאַרקוס געקומען צו פליען קיין ישראל מיטן עראָפּלאַן, וואָס פליט קרוב טויזנט קילאָמעטער אַ שעה און שוין איז ער געקומען צום טאַטן אין שטוב אַריין.

— וואָס מאַכסטו, טאַטע ?

— נישקשה, מיין זון.

— עפּעס זעסטו מיר אויס זייער שלעכט.

— עס דאַכט זיך דיר אויס, מיין זון.

— עס דאַכט זיך מיר נישט אויס.

און דאָס זעענדיק, איז מאַרקוס אָנגעפאַלן אויף דער מויד הדסה.

— שוין זאָל איך דיך דאָ נישט זען.

האָט זיך הדסה אַוועקגעשטעלט אַקעגן מאַרקוסן מיט חוצפה :

— מיך וועט קיינער נישט פאַרטרייבן פון דאַנען.

— ווער ביסטו דאָס, וואָס דו רעדסט אַזוי שיין ?

— איך בין דיך טאַטנס געליבטע.

— דו ביסט זיין דינסט און נישט מער.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט הדסה גענומען שרייען מיט קולי קולות — אַז מענטשן האָבן גענומען זיך אַנלויפן פון אַלע זייטן.

האָט זיך געעפנט די טיר פון בערנאַרדס דירה — און אַלע שטייענדיקע אַרום האָבן דערזען די סצענע, ווי אַזוי הדסה ווערט מיט כוח אַרויסגעשטופּט פון שטוב און ווי אַזוי דער טאַטע מיטן זון פאַרלאָזן אין איילעניש די וווינונג, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר און אַריינזעצנדיק זיך אויף דער גיך אין אַ פאַרבייפאַרנדיקער טעקסי, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט אין די ווייטערע גאַסן פון תל־אביב.

פון טויט לעבעדיק

אַזאַ פאַל ווי עס איז געווען מיט די חברים בערל און לייזער, האָט נאָר געקענט טרעפן אין דער ביטערער מלחמה־צייט אין די ווייטע אַזיאַטישע מקומות, ווו עס באַלעבאַטעוועט ראַטנפאַרבאַנד.

שטעלט אייך פאָר אַזאַ מעשה — בער און לייזער זענען מיט סכנות נפשות אַנטלאָפן פון די בלוטדורשטיקע נאַציס, דורכברעכנדיק זיך אַ וועג פון פוילנס שטאָט רעמבערטאָוו, ביז דער טורקמענישער שטאָט מאַרי, אַ מהלך, ווי למשל, פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

בערל און לייזער, וואָס האָבן זיך געכאָוועט אויף איין גאַס, האָבן באַשלאָסן עוקר צו זיין פון טורקמעניע קיין פערסיע, וואָס שטעקט דער־לעבן. נאָר אַריבערצוגיין דעם הויכן באַרג, און שוין איז מען אין אַחש־ורושס מדינה, פון וואַנען מען קען גיין ווייטער — ממדינה למדינה, ביז קיין ארץ־ישראל.

און בערל מיט לייזערן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט מאַרי, ווו פון איין דער פרי ביז ביי נאַכט האָט מען רק געטראַכט ווי אַזוי צו שטילן דעם הונגער און דערצו האָט מען געמוזט לייגן אַ פינגער אין מויל אַריין, חס וחלילה, נישט אויסרעדן קיין איבעריק וואָרט, וואָרעם מען האָט געקענט דערפאַר באַצאָלן מיט דער פרייהייט.

ביידע חברים האָבן זיך געלאָזט צום הויכן באַרג, וואָס פירט אַריבער קיין פערסיע, ווי צופוסנס געפינט זיך דאָס טורקמענישע מקום טע־דזשען און ביי נאַכט, ווען הימל און ערד האָבן זיך איינגעהילט אין שוואַרצן האָבן בערל און לייזער געגנומען שוואַרצן די גרענעץ. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו ערשט באַרג־אַרויף איבער אַ קרומען באַרג־שטעג, וואָס האָט זיך געשלענגלט פאַרביי משופּעדיקע פעלדזן, טיפע תהומים און איבער אָנגע־שליידערטע קופּעס שטיינער, וואָס זענען דאָ געלעגן פון ששת ימי בראשית.

בער־ל און לייזער, גייענדיק אַזוי באַרג־אַרויף, האָבן זיך דערזען ווי רמשים אַקעגן דעם גיגאַנטישן באַרג, וואָס האָט זיך געהויבן אין די מרומים און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַרג, וואָס איז געווען געהילט אין נאַכט־פינצטערניש און געהויערט ווי עפּעס אַן אומגעהייערע מאַכט, וואָס געוועלטיקט אין דער שטילקייט.

און כאָטש בערל און לייזער זענען נישט געווען קיין פּחדנים, האָט זיי דאָך אָנגעכאַפּט אַ פּחד פאַר די באַרג־מאַסיוון, וואָס האָבן אָנגענומען פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, ווי כדומה חיות רעות מיט צעעפנטע מיילער, וואָס גרייטן זיך איינצושלינגען אַ וועלט, און ווי נאַרעס, היילן, פון וועל־כע עס לויערט אַרויס מיט נישט־גוטע, וואָס וועלן באותו רגע אַרויסשווען מיט יאָמערדיקן געהייל און וועלן פאַרשלעפּן בערלען און לייזערן אין שאול־תחתית אַריין.

דעריבער האָבן זיךביידע חברים אָנגענומען פאַר די הענט און אָנ־געהויבן קריכן באַרג־אַראָפּ אַלץ ווייטער פון טורקמעניע, אַלץ נענטער קיין פּערסיע, וואָס איז געלעגן נאָכן באַרג און געלאָקט מיט טויזנטער לאָקענישן, מיט עסן ברויט צו דער זעט, מיט פעטע זופּן מיט פלייש און מיט כל מיני ממתקים.

און ווי ביידע גייען אַזוי אַריבער די גרענעץ, פאַלט פּלוצלינג אַ שאָס ווי אַ דונער, און בערל, וואָס איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק, דערפילט באַשיימפּערלעך, ווי לייזער גליטשט זיך אַרויס פון זיין האַנט און נעמט זיך אַראָפּקייקלען באַרג־אַראָפּ ווי אַ טויטע זאַך. און איידער בער־ל איז צו זיך געקומען, זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן טונקעלע געשטאַלטן מיט אויטאָמאַטיש געווער, וואָס האָבן אים, בערלען, אַרומגע־רינגלט און אים אַוועקגעפירט טיף אין בערג, אין אַ גרענעץ־נעסט. דאָרט האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פינצטערער קאַמער צווישן עכברושים, וואָס האָבן געקוויטשעט ווי שדים און רוחות. פאַר טאָג האָבן די גרענעץ־לייט אַרויסגעפירט בערלען אונטער אַ שמירה און האָבן אים קודם־כל געהייסן אויסקערן דעם גרויסן הויף מיט די צימערן און געביידעס. נאָך דעם האָט מען אים גענומען אויף אַ פאַרהער, וואָס האָט געדויערט ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. ווייטער האָבן די גרענעץ־לייט בערלען צוריק

אַראָפּגעפירט פון באַרג און אים אָוועקגעפירט קיין אַשכאַבאַד, וואָס איז די הויפּטשטאָט פון טורקמעניע. און בערל איז דאָרטן איינגעזעצט געוואָרן אין תּפיסה און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר עבודת פּרך אין אַ קאַטאָרגע־לאַגער אין טורקמעניע.

און איצט צום עיקר המעשה.

בימים ההם, גייט זיך אַזוי בערל איבער די גאַסן פון תּל־אָביב און קומט צו צו דער הויפּט־פּאָסט, ווו עס זאַמלען זיך די נייע עולים אויף צו פאַרקויפן בשעת הדחק אַ געבראַכט חפץ, אויף צו טרעפן זיך מיט באַקאַנטע און צו דערציילן זיך מעשיות בנוגע שיכון, עבודה און אַזוי ווייטער.

גייט ער אַזוי, בערל, צווישן די געזעמלעך מענטשן, דערזעט ער מיט אַ מאָל לייזערן שטיין אַ לעבעדיקן און לוסטיקן און רעדן רעדט לייזער מיט היימישע מענטשן פון פּוילן.

לאָזט בערל אַרויס אַ געשריי: „לייזער!“ און לייזער פון זיין זייט לאָזט אַרויס אַ ווידערקול: „בערל!“. און ביידע חברים, וואָס האָבן זיך צוזאַמען געכאָוועט אויף איין גאַס, פאַלן זיך אין די אָרעמס און וויינען אַזש פון פרייד. ערשט, אַז ביידע זענען אַריבערגעקומען די גרויסע איבערראַשונג, האָט בערל כלאחר־יד אַ פרעג געטאָן לייזערן:

— לייזער, וואָס טוט זיך מיט דיר? סטייטש, דו ביסט דאָך דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן אַ טויטער פון באַרג.

— אַראָפּגעפאַלן פון באַרג בין איך טאַקע, נאָר לעבעדיקערהייט, און אַזוי ווי דו זעסט מיך, האָב איך מיך אַריינגעדרייט קיין פּערסיע מיט גאַנצע ביינער און האָב טורקמעניע געלאָזט פון הינטן.

— אָבער דו ביסט דאָך פאַרט געפאַלן ווי אַ קלאָץ, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל.

— זיי וויסן, בערל, אַז פון הוילער שרעק האָב איך זיך אַראָפּגעקייקלט פון באַרג און אַריינגעקייקלט קיין פּערסיע און פון דאָרט בין איך געקומען קיין ארץ־ישראל.

דעמאָלט האָט בערל, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין שום ספקות, דערציילט לייזערן זיינע ביטערע איבערלעבענישן, און דערביי זענען געשטאַנען אַרום אַלע היימישע יידן און האָבן אונטערגעהערט די גאַנצע

געשיכטע, וואָס האָט אַרויסגערופן חידוש, ווייל אַזאַ פאַל קען נאָר פּאַסירן בשעת אַ מלחמה.

אין איין וועגס האָט בערל איינגעלאַדנט לייזערן אויף אַ שבתדיקן מאָלצייט, און לייזער ווידער האָט איינגעלאַדנט בערלען צום שבתדיקן עסן, דערקלערנדיק דעם חבר, אַז ער, לייזער, איז שוין אַ שטיקל ותיק אין לאַנד, דאַקעגן איז בערל אַן עולה חדש, קומט דעריבער אים, לייזערן, די בכורה.

ביידע חברים האָבן זיך אַזוי לאַנג געשפּאַרט און געאַמפּערט, ביז זיי זענען דורכגעקומען מיטן מקח.

יאָקל דאַנדל

קוים זעט איר אויף די תל־אביבער גאַסן אַ נידעריק געפּאַקט יידל, אָנגעטאָן אין עטלעכע פאַרפעצטע קאַפּאָטעס און אין אַ פאַרשוואַרצטן פאַרשטויבטן קאַפּעלוש —— זאָלט איר ווילן זיין, אַז דאָס איז יאָקל דאַנדל, אַ מענטש מיט פיל מלאכות און ווייניק ברכות.

אין איינער פון די קאַפּאָטעס, וואָס איז אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל, האָט יאָקל שטעקן אין די טיפע קעשענעס די כל המינים בלאָק־ביכלעך אויף צו זאַמלען געלטער פאַר אָרעמע ישיבות, יתומים־הייזער, צדקה־חברות און פאַר ביליקע גאַרקיכן, ווו עס עסן די סאַמע אביונים פון דער שטאָט.

אין דער צווייטער קאַפּאָטע האַלט יאָקל די קלינגערס — די צענער־פּיאַסטערס און דאָס פּאַפּיר־געלט און אַ וועלט מיט צעקנייטשטע צעטלען מיט אַדרעסן פון חתנים און כלות, וואָס יאָקל, וועלכער פאַרנעמט זיך אויך מיט שדכנות, קלערט צונויפצופּאָרן באחד הימים.

צו דעם אַלעם טראָגט נאָך יאָקל אין האַנט אַן אַלטע צעריסענע לע־דערנע טעקע, וואָס איז אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך. אין דער טעקע האַלט ער זיין בעטגעוואַנט — אַ קישעלע און אַ קאָלדרע — דורכצושלאָפן די נאַכט אויף אַ באַנק אין דער שול.

יאָקל לויפט איבער די גאַסן, זיינע אויגן שיינען נחתדיק און דאָס רויט־געלבלעכע בערדל שטייפט זיך אַן און הייבט זיך אויף, און דערביי קנאַקן ביי אים די קינבאַקן. דאָס רעדט דעמאָלט יאָקל צו זיך אַליין. די מחשבות זיינע פּליִען אַרום אין מוח, זענען איין שטיק פּלאָנטער, מחמת די הונדערטער געשעפטלעך, וואָס יאָקל האָט אין קאָפּ.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה: יאָקל לויפט אין איין אָטעם איבער די גאַסן און פאַרטשעפּעט זיך מיט אַ קעשענע אין אַן אופניים, וואָס אַ פאַרבייגייער פירט ביי דער האַנט — און היוצא מזה גיט זיך די קעשענע

אַ צערייס און עס צעשיט זיך דאָס גאַנצע ניקל־געלט, וואָס ער האָט געהאַט אינעווייניק.

יאָקל וואַרפט זיך אויפן טראָטואַר קלויבן די מטבעות, וואָס האָבן זיך ווייט אַוועקגעקייקלט, און בעשת מעשה בעט ער זיך רחמים ביי די מענטשן, די פאַרבייגייער, — יידן, כ׳בעט אייך, זייטס ערלעכע לייט און גיטס מיר אָפּ ביז אַ גראָשן, וואָרעם דאָס איז צדקה־געלט.

און באַלד שאַפט זיך אַרום יאָקלען אַ רעדל מיט מענטשן, וועלכע באַטראַכטן מיט גרויס נייגעריקייט יאָקלס קאַפּאָטעס, וואָס ער טראָגט אין די הייסע טעג, ווי אויך דאָס רויט־געלבלעכע בערדל זיינס, וואָס שטייפט זיך און הייבט זיך צוגלייך מיט די קינבאַקן, בשעת דאָס מויל רעדט.

בינתיים ווערט דאָס רעדל מענטשן אַרום יאָקלען גרעסער און איינער פון צווישן די נייגעריקע שרייט פּלוצלינג אויס אויפן הויכן קול:

— זעטס נאָר, דאָס איז דאָך יאָקל דאַנדל.

— ווער איז ער אַזוינס? — פרעגט אַ צווייטער פאַרבייגייער.

נעמט דער ייד און הייבט אָן אויסרעכענען יאָקלס פּראָפעסיעס, אַז ער איז אַ גובה, אַ קאַסירער פון אַ טוץ צדקה־חברות און אַ שמש אין אַ שול און אַ שדכן דערצו.

דערהערט איינער, אַז יאָקל דאַנדל איז אַ שדכן, טרעט ער צו אים צו.

— ר׳ יאָקל דאַנדל, שדכנט מיר אַ שידוך.

— וואָס זענט איר? אַ בחור, אַ גרוש, אָדער אַן אלמן?

— כ׳בין אַ חתן־בחור — גיט אַ זאָג דער פרעגער, און אַלע אַרום ברעכן אויס אין אַ גרויס געלעכטער.

דערזעט יאָקל דאַנדל, אַז מען לאַכט פון אים, כאַפּט ער די פּאָלעס פון זיינע קאַפּאָטעס און אַנטלויפט אין דער גאַס אַריין, כדי ממשיך צו זיין זיינע צענדליקער מלאכות און צו פאַרדינען דערביי אַ שפע מיט מצוות...

אַ שוסטער־יונג

ווען לייב דער שוסטער האָט זיך באַזעצט אין הילצערנעםביידל, וואָס האָט געשטעקט אין עק געסל אין צפון תל־אביב, האָט ער אַרום שוסטער־בענקל געהאַט שטיין נישט מער ווי אין צעריסענע פאָר דאַמען־שיך צו פאַרריכטן, וואָס האָבן שוין געטויגט פאַרן מיסטקאַסטן. די דאַמען־שיך וואָס לייב האָט זיך נישט געאײַלט צו פאַרריכטן, האָבן געהערט צו דער פאַרעלטערטער פריילין פעסע, וועלכע האָט געוווינט אין געסל און האָט אין האַרצן באַגערט צו האָבן לייבן פאַר אַ מאַן.

זיצט די פריילין פעסע אין לייבס ווערקשטעל, וואָס האַלט זיך ווי אויף הינערישע פיסלעך און געפינט זיך אויפן זאַמדיקן פלאַץ, וואָס די בו־אונטערנעמער האָבן אָפּגעקויפט אויף צו בויען הייזער און דאָס פאַרעלטערטע פּנים, וואָס איז רוזשירט און פודרירט, פלאַמט איר פון אויפרעגונג צוליב געשפּרעך, וואָס זי פירט מיט לייבן אויף דער טעמע אין שייכות מיטן פאַמיליע־לעבן. די פריילין פעסע זיצט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און דאָס שיינע געבלימלטע קלייד, וואָס זי טראָגט און וואָס זי האָט זיך אַליין אויפגענייט, פאַרשאַרצט זי אַ ביסל העכער.

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, ווו שלאָפט איר און ווו עסט איר? — אַזוי זאָגט פעסע צו לייבן און זי קוקט אים בשעת מעשה אין די אויגן אַרײַן.

— שלאָפן שלאָף איך אין אַ בעט און עסן עס איך אין דער מסעדה.

דערקענט פעסע אין די רייד, אַז לייב שוסטער איז נאָך אַ בחור און זי ציט דערפאַר ווייטער דאָס געשפּרעך.

— זאָגט מיר, פאַר וואָס האָט איר נישט חתונה?

— חתונה־האָבן האָב איך נאָך צייט.

— אַזוי יונג זענט איר שוין נישט.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין נישט קיין יונגער?

— מען דערקענט אויפן פּנים.

פון אַזאַ זאָג וועט לייב שוסטער אויפגעקאָכט און ער דערלאַנגט פּעסען אַ זאָג:

— גברת, חתונה האָבן וועל איך דעמאָלט, ווען כ'וועל זיין אַ גביר.

און אַזוי ווי לייב שוסטער האָט זיך געוווּנטשן, איז געוואָרן:

מיט אַ מאָל זענען אויפן גרויסן זאַמדיקן פּלאַץ אַרום לייבס שוסטער־ווערקשטעל אָנגעקומען בוי־אַרבעטער מיט מכשירים און האָבן קודם־כל אויפגעשטעלט אַ הייזל פון ברעטער, אין וועלכן עס האָבן זיך באַזעצט די בוי־קבלנים מיט די אינזשענירן און עס איז אַוועק אַ גאַנג מיט מעסטן און מיט מאַכן בוי־פּלענער. און גלייך זענען אויפן אָרט אָנגעקומען גראָב־מאַשינען מיט הייבערס אַזעלכע, וואָס האָבן צעגראָבן די ערד און זי אויפגעהויבן און געוואָרפן אין די לאַסט־אויטאָס, און האָבן פריי געמאַכט אָרט אויף צו לייגן די פונדאַמענטן. און איידער וואָס און איידער ווען, האָבן זיך שוין צום הימל געהויבן הויכע רושטאָוואַניעס און עס איז ווי מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן אַ שורה הייזער, וואָס האָבן פאַרשטעלט לייבס הילצערנעם שוסטער־ווערקשטעל.

און אין די הייזער, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט אין געסל אַריין מיט נייע טירן און פענצטער און ברייטע באַלקאָנען, האָבן זיך אַריינגעצויגן סוחרים און פאַבריקאַנטן און סתם רייכע לייט — און לייב איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט אַרבעט און ער האָט דאָס געלט געשאַרט קאָפּעסווייז צו זיך אין די קעשענעס אַריין.

האָט נישט געדויערט לאַנג, און לייב האָט זיך אַריינגעצויגן אין איינעם אַזאַ שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אין פאַרטער פון די נייע הייזער און דאָרטן אַהין האָט ער געבראַכט צו פירן די נייטיקסטע מאַשי־נען צו פוצן און צו פאַרנייען די גרויסע צאָל שיך, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ תיקון.

זיצט זיך אַזוי לייב אויף זיין באַקוועמען שוסטער־בענקל און קלאַפּט די טשוועקעס, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין די אַלט־באַקאַנטע פריילין פּעסע מיט אַ פּאָר שיך צו פאַרריכטן, וואָס אויפן ערשטן קוק האָט לייב שוסטער באַלד געפּסקנט, אַז זיי טויגן שוין אויף כפרות.

די פריילין פּעסע האָט זיך נישט אָנפרעגנדיק ביי קיינעם געזעצט

אויף אַ שטול און האָט פאַרפירט מיט לײבן אַ געשפּרעך אין שײכות מיטן פאַמיליע־לעבן.

— יונגערמאַן, איר קלערט נאָך אַלץ נישט חתונה צו האָבן?

— פון װאַנען װײסט איר, אַז איך קלער נישט חתונה צו האָבן?

— אויב יאָ, טאָ האָט זשע חתונה.

— מיט װעמען?

— קאָן זײן מיט מיר.

— מיט אַזאַ אַלטער מויד זאָל איך חתונה האָבן?

פעסע װערט טיף באַלײדיקט און נעמט שרײען:

— שוסטער־יונג!

— גברת, שרײט נישט און גײט אײך פון דאַנען.

— יונגערמאַן, מיך װאַרפט מען נישט.

— אָט שױן די מינוט װאַרף איך אײך אַרויס פון דאַנען!

און לײב האָט די פרײלין פעסע אָנגענומען בײ דער טאַליע און זי אַרויסגעשטופּט אין דרויסן, נאָכװאַרפנדיק איר די צעריסענע שיך.

— גײט, און מער זאָל איך אײך דאָ נישט זען.

איז די פרײלין פעסע שטאַרק אין כעס געװאָרן און זי האָט גענומען זידלען:

— דו לאַטוטניק אײנער! דו זעסט דאָך אויס װי מײן פּאַדעשװע!

פעסע האָט געזידלט און געשריגן, אַזש עס האָבן זיך געעפנט די טירן און פענצטער פון די נײע הײזער, און די אײנװױנער האָבן לאַנג, לאַנג זיך צוגעהערט צו די זידלערײען פון דער פאַרעלטערטער פרײלין פעסע, װאָס זענען געפאַלן אויפן קאָפּ פון לײב שוסטער.

אין אַ כאַמסין־טאָג

כאַפּסטו זיך אויף מיטן טאָג צוגלייך, דערפילסטו באַלד דעם כאַמסין, וואָס האָט זיך ביי נאַכט ווי אַ גנב אַריינגעכאַפּט אין דער שטאָט און זיך צעלייגט איבער הייזער, גאַסן און וועגן. זעסט, ווי דער ים־פלאַך האָט זיך פלוצלינג באַדעקט מיט אַ נעפּל־שיכט, און כאַפּסט אַ קוק אויבן צום הימל, טאַנצן דיר גלייך אַנטקעגן זון־שטראַלן, דערפילסטו באַלד, אַז די נאַטור גרייט דיר צו אַ הייס געקעכץ, און אויפן סמך פון דערפאַרונגען, וואַרפסטו אַראָפּ פון זיך דעם אויבערשטן בגד און לאָזסט זיך אויף גאַטס באַראָט.

דער טאָג־האַרמידער, מיט זיינע שותפים, די דאגות און קווענקלעניש, כאַפּן דיך גלייך אָן, ווי נאָר דו טרעטסט אַריבער די שוועל. גייסטו אַזוי איבער די גאַסן פון דער שטאָט, ביז דער כאַמסין טוט זיך אַ שפּאַר, ווי אַ לאַווע, פאַרגיסט די לופט, די גאַסן, די הייזער און אַלץ אַרום, און באַלד פילסטו, אַז ער לעקט דיין גאַנצן קערפּער מיט זיין פייערדיקער צונג. פילסט אויך, ווי אַרום דיר האָבן זיך צעגליט אַספאַלט־שאָסייען, הייזער־ווענט, טראָטואַרן און אויך דאָס פסולת, וואָס וואַלגערט זיך אויפן וועג.

וואָס ווייטער אין טאָג אַריין, אַלץ מער כאַפּט אויף דיין אויג די כאַמסין־קאַטאַסטראָפע. דערזעסט פלוצלינג ווי די ערד האָט זיך צעשרומפּן און צעשפּאָלטן און דער זאַמדיקער שטויב האָט באַקומען אַ צעמענטקאָליר. טרעטסט אויף פאַרטריקנטע גראָזן און פילסט ווי זיי רייכערן און ברענען אונטער דיינע טריט, דערפילסט אויך ראַפּטעם אַ גוואַלדיקע מידקייט אין די ביינער און ווי אַ פליסנדיקער בליי צעגיסט זיך אין דיינע אָדערן. דער אָטעם שפּאַרט שווער דורכן מויל און נאָזלעכער און אַרום דיר זעסטו די מענטשן־מאַסע זיך לאַנגזאַם באַוועגן. מיט זייערע

שװײסיקע גופים. און גײסט צװישן בײמער, הערסטו נישט קײן פֿױגל־געזאַנג צװישן די צװײַגן, נאָר עפּעס אַ מין אָטעמען פֿון די לופֿט־געװעבן. דאָס אָטעמט אַזױ די אַטמאָספֿער אונטערן דרוק פֿון שװערן כאַמסין.

די טאָג־שעהען רוקן זיך פֿױל און צעצױגן. עס דאַכט זיך אױס, אַז דער גלי װעט אַלץ אַרום פֿאַרצערן און עס װעט מער נישט בלײַבן װי אַ נאַקעטע הױלקײט.

און דאָך, טראָץ אַלעמען, גײט אָן אין דער אומדערטרעגלעכער היץ אַ לעבן פֿול מיט מי און שעפֿערישקײט. זעסט שלעפּן אַ װאָגן אין סאַמע מיטן פֿון היציקן גלי. אױטאָס, לאַסט־װאַגאָנעס און פֿערדישער געשפּאַן טראָגן זיך מיט רעש פֿאַרבײַ גאַסן און װעגן. מענטשן יאָגן, טרײַבן מיט הענט און אבֿרים, מאַשינען און שװערע סחורות־באַלן. שװאַכע רוקן זיך בײַ שאָטנדיקע װענט און שטאַרקע גײען אינעם גלי אַרײַן און װערן באַ־שטראַלט מיט אַ שפֿע פֿון זון־שטראַלן. אָט צעגיסט זיך פֿון ערגעץ אַ הױז אַ דורכזיכטיקער װאַסער־שנור און צעשפּרײט זיך איבערן אָנגעגליטן טראָטואַר. דאָס װאַסער בלעזלט־אױף און קאָכט אַזש פֿון הײס־זידיקײט. מענטשן קוקן זיך זשעדנע צו און זענען מקנא די נאַסקײט.

אַן אױגנבליק פֿאַרדעקט זיך דער געל־גאָלדענער הימל מיט בלײַ־װאָלקנס און עס דאַכט זיך אױס, אַז אָט־אָט, באַלד, װעט רעגענען. די גאַסן, מענטשן און אַלץ אַרום, נעמען אָן כּהרף עין אַ צװײט געשטאַלט, די באַװעגונגען װערן האַסטיקער, און דער פּאַרקער — שנעלער. ליפּן שעפּטשען אין דער שטיל, אַז שױן, אױס מיטן כאַמסין.

נאָר באַלד פֿאַרשװינדט מיט אַ מאָל דער בלײַ־װאָלקן פֿון הימלישן פּלאַך און עס װערט צוריק גליִיק, הײס, נאָך הײסער װי פֿריִער. און די הײסקײט, װאָס האַלט אַזױ אָן ביזן בין־השמשות, פֿאַרשװינדט ערשט אין שפּעטן אָװנט װען קילע װינטלעך טראָגן זיך אָן פֿון ים און דער כאַמסין, אַן אױסגעװעפּטער, צעשװימט זיך ערגעץ אין די װײַטע װײַטקײטן.

דעמאָלט ערשט, צעאָטעמט זיך מענטש און חיה און װאַכן אױף פֿונעם היציקן גליװער. דער כאַמסין איז אַװעק. און עס קען געמאָלט זײַן, אַז אַ צװײטער כאַמסין שפּאַרט זיך שױן דורך אַ װעג פֿאַרבײַ מדבריות און אײַלט זיך אָנצוקומען אין שטאָט אַרײַן באַצײַטנס.

דאָס פערד פילט נישט די בייטש

ליפּע יאַמפּאָלער, איז נאָך פון די אַמאָליקע באַלעגאָלעס, וועלכער האָט מיט פערד־און־וואָגן געפירט פּאַסאַזשירן מיט פּעק סחורות איבער די שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן פּוילן.

איינער פון ליפּעס שמייסער־יונגען איז געווען עלי דאַמב, וועלכער האָט זיך איינער אַליין אָקעגנגעשטעלט די שטאַרקסטע שקצים, בעת זיי זענען אָנגעפאַלן אויף יידן.

ליפּע יאַמפּאָלער און עלי דאַמב זענען מגולגל געוואָרן קיין ישראל, ווו זיי האָבן אַ צייט לאַנג נישט געוווּסט איינער פון אַנדערן, און ערשט דאָ נישט לאַנג האָבן זיי זיך באַגעגנט ביים בנין פון נייעם גרויסן הויז, וואָס האַלט זיך אין בויען אין ישראלס גרעסטער שטאָט, אין תל־אביב.

והמעשה שהיה כך היה.

ליפּע יאַמפּאָלער, וואָס האָט זיך אין תל־אביב צוריקגענומען צום אַלטן פאַך, צום פערד־און־וואָגן, מיט וועלכן ער פירט זאַמד פאַר די בנין־בויערס, האָט זיך אַ געוויסן טאָג אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט עלי דאַמבן.

— עלי דאַמב, וואָס מאַכסטו און ווען ביסטו דאָס געקומען אין לאַנד אַריין ?! — האָט ליפּע אויסגערופן מיט חידוש.

— פּונקט מיט פערצן יאָר צוריק, ווען ישראל איז געוואָרן אַ לאַנד מיט לענדער צוגלייך.

— און איצט זאָג מיר, וואָס אַזוינס עס הערט זיך ביי דיר.

— זעסט דאָך אַליין, אַז כ׳בין אַ באַלעגאָלע.

— שוין לאַנג פירסטו וועגעלעך מיט זאַמד ?

— גענוג לאַנג.

עלי דאַמב איז איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע רייד.

— אַזוי און אַזוי. זיי וויסן, ליפּע יאַמפּאָלער, אַז דאָס זאַמד גייט פאַר מיר, עלי קבלן.

— ביסטו, הייסט עס, פון די קבלנים... — האָט זיך ליפּע יאַמפּאָלער געוווּנדערט און זיך געקראַצט דאָס גראָע שיטערע בערדל מיטן שפּיץ פונעם בייטש־שטעקן, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט.

אחר הדברים האלה, איז ליפּע יאַמפּאָלער געוואָרן אַ זאַמד־פירער ביי עלי דאַמב, וואָס האָט געבויט אַ הויז נאָך אַ הויז און האָט זיך מהאי טעמא געניייטיקט אין פיל זאַמד, וואָס ליפּע האָט געוווּסט צו ברענגען פון די עקסטרע ערטער אַרום דער שטאָט.

און אַזוי פירנדיק די פורלעך מיט זאַמד, האָט ליפּע יאַמפּאָלער מיט אַ מאָל דערזען, אַז זיין גניאַדע פערדל, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געצויגן די לייצעס מיט פערדישער קראַפט און איז געלאָפן אַ גאַנג, בלייבט ווייט הינטערשטעליק און מאַכט זיך נישט וויסנדיק ווען ער, ליפּע יאַמ־פּאָלער, דערלאַנגט אים מיט דער בייטש. און דאָ, צו להכעיס, האָט זיך עלי דאַמב גענומען צו זיין געוועזענעם בעל־הבית:

— ליפּע, די פועלים זאָגן, אַז דו ברענגסט ווייניק זאַמד.

— דאָס איז נישט מיין שולד.

— וועמענס שולד איז עס?

— דעם פערדס שולד איז עס.

עלי דאַמב לאָזט זיך נישט איינרעדן און גיט אַ זאָג:

— אויב דאָס פערד וויל נישט שלעפּן גיך, דערלאַנגט מען אים מיט דער בייטש.

— און ווי איז דער דין, אַז דאָס פערד פילט נישט די בייטש?

— דאָס קאָן נישט זיין! — האָט עלי דאַמב אויסגערופן.

— וועל איך דיר אויפווייזן, אַז עס קאָן יאָ זיין.

און ליפּע יאַמפּאָלער האָט גענומען דערציילן אַ מעשה, באשר בכן — דאָס הייסט, דעריבער פילט נישט דאָס פערד די בייטש, מחמת די פיל האָר, וואָס זענען אָנגעוואַקסן און וואָס באַדעקן זיין לייב ווי אַ פּאַנצער.

— שערט מען דעם פערד אָפּ די האָר.

— דאַרף דאָך זיין אַ פערד־שערער.

— איז נישטאָ אין לאַנד קיין פערד־שערער? — רופט אויס עלי דאָמב מיט געבייזער.

אויף דערויף נעמט ליפע יאַמפּאָלער דערציילן אַ פרישע מעשה. געווען, זאָגט ער, איין פערד־שערער אין סאַכנע דערוויש אין יפו, האָט ער געהייסן אַלי כאַקים כוסייני, זענען צו אים געקומען אַלע באַלעגאָלעס פון לאַנד מיט זייערע פערד, און ווי אַן אמתער ספר האָט ער געשוירן די פערד מיטן עקסטרע שערל — ביז ער האָט איין מאָל אין מיטן שערן אַ הייס־בלוטיק אַראַביש פערד, באַקומען פון דעם פירפיסיקן קליענט אַזאַ קאָפּע, אַז ער איז אויפן אָרט געבליבן אַ טויטער.

אַזוי האָט דערציילט ליפע יאַמפּאָלער, דער אַמאָליקער באַלעבאָס, אַרום וועמען עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע פּועלים, די ציגל־לייגער, די זאַמד־מישער און די דאַך־דעקער, בכדי אויסצוהערן די רייד, וואָס זענען זיי גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן, וואָרעם זיי האָבן אים מטעם זה געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— ליפע יאַמפּאָלער, איר זענט פון די ריכטיקע באַלעגאָלעס.

און עלי דאָמב פון זיין זייט האָט צוגעגעבן:

— ליפע יאַמפּאָלער, אויב איר זענט יאָ אַזאַ מבין אויף פערד, נעמט מען און מען ווערט אַליין אַ פערד־שערער.

האָט אים ליפע אויפן אָרט אָפּגעענטפערט:

— און דיר, מיינסטו, וואָלט נישט געפּאַסט צו זיין קיין פערד־שערער?

דערהערט אַזוינע דיבורים, האָבן זיך די פּועלים אָנגערופן:

— ליפע, האָסט באַליידיקט דיין באַלעבאָס.

— ווי לאַנג איז דען ווען איך בין געווען זיין באַלעבאָס?

— יענע צייט רעכנט זיך נישט.

האָט ליפע דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט אויסגעדרייט דאָס פערד און וועגעלע אויף צוריק, און זיצנדיק אויף דער קעלניע האָט ער אַ נעם געטאָן דאָס בייטשל און אָנגעהויבן שמייסן:

— וויאָ, גניאַדע.

און דאָס פערדל, ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען דעם ווונק פונעם בעל־עגלה, האָט אָנגעהויבן לויפן אויף די פערדישע פיס ווי אין יענע אַלטע, גוטע צייטן.

דור הולך ודור בא

ווי נאָר עס שיינט אויף די זון אין הימל, אַזוי נעמט דער אַלטער אלחנן זיין בעטלער־טאָרבע מיט סענקעוואַטן שטעקן און הייבט אָן גיין איבער די הייזער בעטן נדבות.

אין דער צייט, ווען דער אַלטער אלחנן שטאָפּט אָן זיין בעטלער־טאָרבע מיט געשענקטע אַלטגעבאַקענע פּיטעס, מיט אָנגעריבט אויבסט און גרינ־צייג, צינדט אָן זיין עלטסטע טאָכטער חליפה די דריי פּטיליעס, אויף וועלכע זי נעמט קאָכן דער מרק מיט בעבעלעך מיט קירביס און מיט גרינעם אַוואָקאַדע, ווי אויך דעם טערקישן קאַווע־געטראַנק, וואָס איז אַזוי שטאַרק ווי משקה.

דער שאַרפער ריח פון דער טערקישער קאַווע, מיטן זיס־זויערן ריח פון דער זופּ צעגייט זיך איבער די ליימענע שטיבלעך פון אַלטן אלחננס הויף אין נווהה א׳ אין יפו, ווו עס שלאָפט אויף די שטרוי־געלעגערס דאָס הויזגעזינד, וואָס באַטרעפט דרייסיק נפשות.

די ערשטע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף די אַלטע זעירה, דאָס ווייב פון אלחנן, וועלכע קומט אַרויס פון שטיבל אַ צעשויבערטע און אַן אָנגעטוענע אין אַ פאַרלאַטעטן געבלימטן שלאַפראַק מיט די הילצערנע שטעקשיך אויף די פיס.

נאָך איר באַווייזן זיך חליפהס ביידע שוועסטערן, זליפה און סביחה, נאָך וועלכע עס שלעפט זיך נאָך אַ כאַפּטע קליינוואַרג, יינגלעך און מייד־לעך אין עלטער פון צוויי ביז פופצן יאָר.

צום סוף קומען צו גיין מיכאל, גבריאל און פלטיאל, די אויסדער־ווײלטע מענער פון חליפה, זליפה און סביחה, וואָס זעצן זיך אויס אין אַן עיגול אויפן אויסגעשפרייטן טעפּיך און הייבן אָן טרינקען איין טעפל קאַווע נאָכן צווייטן.

קוקנדיק אויף זיי הייבן די ווייבער אויכעט אָן צו טרינקען די שטאַרקע טערקישע קאַווע, רייכערנדיק דערביי די „נאַרגילע", וואָס גייט איבער פון מויל צו מויל.

אָנגעטרונקען זיך מיט דער טערקישער קאַווע, נעמען אַלע עסן דעם מרק פון בעבעלעך מיט קירביס און גרינער אַוואָקאַדע, צובייסנדיק נאָך יעדן לעפל געקעכץ שטיקלעך פּיטעס, וואָס זייער גרייס איז ווי דאָס ראָד פון קליינעם מאָטאָר־וועגעלע, אויף וועלכן מיכאל פּאָרט אַרום איבער דער שטאָט, צעפירנדיק סחורות אין די געוועלבער.

נאָך דעם ווי די פולע טעפּ מיט זופּ ווערן אויסגעליידיקט, נעמען פלטיאל און גבריאל די ליידיקע זעק אויף די פּלייצעס און גייען אַוועק איבער די גאַסן איינהאַנדלען אַלטע זאַכן, וואָס זיי פאַרקויפן צו די שמאַטע־סוחרים אויפן יפוער מאַרק.

גבריאל און פלטיאל זעצן זיך דעמאָלט אַריין אין איינעם פון די קאַפע־הייזלעך, וואָס שטעקן ביים אַריינגאַנג צום שטח הגדול, ווו זיי לאָזן זיך וווילגיין טרינקענדיק אַראַק און שפּילנדיק אין שעש־בעש. אַהיים קומען זיי אָנגעטרינקענע און פריילעכע, זייענדיק באַלאָדנט מיט פריש געבאַקענע פּיטעס און גרינע אַוואָקאַדעס, וואָס די ווייבער צעשניידן אויף קליינע שטיקלעך און לייגן זיי אין די טעפּ אויפן מאָרגנדיקן מרק.

גבריאל און פלטיאל, ביי וועמען דער אַראַק ברויזט אין די אברים, פאַרמאַכן זיך מיט די ווייבער אין די ליימענע שטיבלעך, פון וואַנען עס טראָגן זיך פאַרדומפּטע ריחות און וואָס זענען באַלייגט מיט פאַרביקע טעפּיכער, מיט שטרויזעק און מיט איינגעהאַנדלטע שמאַטעס.

בינתיים איז אַ גרויס געטומל אין הויף פון אַלטן אלחנן, וועלכער קומט צוריק פון שטאָט מיט אַ פולער טאַרבע בעטל־ברויט און קליינגעלט, וואָס ער נעמט ציילן און אויססדרן, האָבנדיק אַרום זיך די כאַפּטע קליינוואַרג, וועלכע שרייען מיט קולי קולות און יאָגן זיך נאָך די הינט מיט די קעץ.

דער אַלטער אלחנן, פאַרענדיקט דאָס געלט־ציילן און נעמט זיך צו דער טאַרבע, פון וועלכער ער שלעפּט אַרויס אַלט־געבאַקענע פּיטעס, אָפּ־געגריזשעטע אויבסטן און האַלב־צעפוילטע גרינצייגן. דאָס אַלץ לייגט ער אויס אויפן אָפּגענוצטן טעפּיכל אויף וואָס ער זעצט זיך אויפן טערקישן

שטייגער, מיט די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, און שוין הייבט ער אָן קייען איין שטיק פּיטע נאָך דער צווייטער, פאַרבייסנדיק מיט די צעגריזשעטע אויבסטן און מיטן צעפּוילטן גרינצייג.

ביי נאַכט, ווען אַלע זענען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, דערהערט זיך פּלוצלינג אַ גרויס געוואַלד, וואָס קומט אָן פון אלחננס שטיבל, ווהיז׳ עס לויפן אַריין אין איין אימפּעט מיכאל, גבריאל און פלטיאל מיט זייערע ווייבער און קליינע קינדער.

דאָס ענגע שטיבל ווערט אָנגעפּראָפּט מיט די משפחה־מיטגלידער, וואָס שטייען און קוקן מיט טעמפּע בליקן אויפן אַלטן אלחנן, וועלכער האָט זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן מיט די פאַרשימלטע אויסגעבעטלטע עסנס און גייט איצט אויס פון יסורים.

די אַלטע זעירה וויינט און קלאָגט, קוקנדיק אויפן קראַנקן מאַן, וועמענס לעבן עקט זיך אויס און וואָס לאָזט זי איבער אויפן באַראָט פון די היינ־טיקע קינדער, וועלכע האַלטן נישט בכבוד קיין אַלטע טאַטע־מאַמע.

און דאָ, ווי זי באַוויינט אַזוי איר אומגליק, געשעט, און דער אַלטער שטעלט זיך מיט אַ מאָל אויף די פיס און טוט זיך אַרויסשאַרן מיט די זקנישע טריט אין הויף אַריין, ווו ער נעמט שלינגען די קילע נאַכטיקע לופט און אָפּגעבן אויף צוריק דאָס פאַרדאַרבענע עסן.

און צו מאָרגנס, ווי נאָר עס שיינט אויף די זון אין הימל, אַזוי נעמט דער אַלטער אלחנן זיין בעטלער־טאָרבע מיט סענקעוואַטן שטעקן און לאָזט זיך גיין איבער די הייזער בעטן נדבות.

די קאַרטן־לייגערין

דאָס געסל, ווו עס וווינט די קאַרטן־לייגערין אַלבערטין מיט איר טאָכטער סביחה, שטעקט צווישן די באַקאַנטע שכונות שבזי, נוה צדק און חסן בעק ביי יפו. די הייזלעך אין געסל זענען נידעריקע און האַלב־חרובע פון אַלטקייט. און אַלט זענען אויך אירע איינוווינער, וואָס זיצן גאַנצע טעג אויף די שוועלן פון די שטובן און וואַרעמען זיך אויס אויף דער הייסער זון.

די קאַרטן־לייגערין אַלבערטין, וואָס קיינער פון געסל ווייסט נישט ווי אַלט זי איז, זיצט אויף דער שוועל פון איר שטוב אין דער הייסטער צייט פון טאָג. אַלבערטין איז אָנגעטאָן אין איר מזרח־טראַכט, מיטן בלאָען סאַמעטענעם געבלימטן קליידל, מיט דעם פרענדזן־שאַל אויף די אַקסלען און באַהאַנגען מיט די מעשענע רינגען אויפן האַלדז.

אין דער צייט ווען אַלבערטין וואַרעמט דעם גוף אויף דער זון, זיצט זיך איינעוויייניק אין טוכלען שטיבל סביחה, אויף וועמען אַלע אין געסל זאָגן, אַז זי פירט אַן אויסגעלאַסן לעבן און האָט אַן אַלפאַנס פאַר אַ „חתן״.

סביחה, אַן אויסגעפּוצטע אין אַן ענגער דורכזיכטיקער בלוזקע מיט געפּאַסטע, פאַרביקע הויזן און געפאַרבטע ברעמען, שטייט ביים קיך־טישל, ווו עס בראָט זיך אויף דער נאַפט־מאַשינקע דאָס באַליבטע מזרח־מאכל „קאַבאַב״. די ריחות פון דעם געבראָטענעם פלייש, מיטן שאַרפן פעפער פאַרבראָקט, צעגייען זיך איבערן געסל און קיצלען די נאָזלעכער פון דער קאַרטן־לייגערין, וואָס צעשרייט זיך הויך אויפן קול:

— סביחה, דערלאַנג אַהער דאָס עסן.

גלייך דערויף ברענגט סביחה צו טראָגן אויף אַ בלעכענעם טעלער אַ פּאַרציע „קאַבאַב״ מיט „קוסאַ״ און פּיטעס אַלס צולאָג, און שוין נעמט די קאַרטן־לייגערין פּראָווען אַ סעודה, זיצנדיק מיט פאַרלייגטע פיס

אויף אַ קליינעם אויסגעשפּרייטן טעפּיך, וואָס שעמערירט מיט כלערליי פאַרבן.

אין געסל באַווייזט זיך סביחהס „חתן״ גאַבי — אַ ברייטפּלייציקער יונג, מיט פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר, מיט שמאָלע געפּאַסטע הויזן און מיט אַ פּאָר גנבישע אויגן, וואָס ווינקען ממזריש און זאָגן נישט אָן קיין גוטס.

דער חתן זעצט זיך אַוועק נעבן דער קאָרטן־לייגערין, האַבנדיק די פיס פאַרוואָרפן אונטער זיך און האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פלעשל אַראַק, פון וואָס ער זופּט אָן אויפהער, פאַרבייסנדיק מיט „קאַבאַב״.

פון צווישן די פאַלדן פון איר קלייד שלעפּט אַלבערטין אַרויס אַ פּעקל פאַרשמאָלצענע קאָרטן, וועלכע זי לייגט אויס מיט אַ סדר אויפן אויסגע־שפּרייטן טעפּיך. די קאָרטן־לייגערין לייגט אַ קאָרט צו אַ קאָרט און בשעת מעשה לאָזט זי נישט אַראָפּ די אויגן פונעם יונג, וועלכער הערט נישט אויף צו זופּן דעם אַראַק.

פלוצלינג נעמט דער יונג און גיט אַ שליידער די אויסגעליידיקטע פלאַש אויפן שטיינערנעם טראָטואַר.

— אַלטע מכשפה, — נעמט ער שרייען אויף אַלבערטין, — אַ ביסל וויניקער געקוקט.

— ווילסט מיר אפשר פאַרווערן צו קוקן?

— דו רעדסט נאָך?

און דער יונג, אַ צעקאָכטער פון כעס און אַן אָנגעהיצטער פונעם אַראַק, גיט אַ כאַפּ די אויסגעלייגטע קאָרטן און צערייסט זיי אויף פּיץ־פּיצלעך — און איז דאָס וויניק פאַר אים, נעמט ער נאָך זי פּאַטשן אין ביידע באַקן.

— דאָס האָסטן פאַרן שיינעם רעדן.

די קאָרטן־לייגערין צעשרייט זיך מיט אַ מוראדיק געשריי, וואָס הילכט אָפּ אין דער לופטן און צעטראָגט זיך איבערן געסל צו די קליינע האַלב־איינגעפאַלענע הייזלעך, וו עס דרימלען די שכנים דעם נאָכמיטאָג־שלאָף.

— גנב־יונג, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען.

דער יונג ווערט נאָך די דאָזיקע ווערטער מלא חימה:

— גנב־יונג, זאָגסטו מיר?

און ער נעמט זי אויף ס׳ניי פּאַטשן איבער די באַקן.

פון טוכלען שטיבל לויפט אַרויס סביחה און קלאַמערט זיך איין מיט די נעגל אין שלעגערישן „חתן“.

— גאַבי, הער אויף צו שלאָגן דער מאַמען, זאָג איך דיר.

דאָס געסל, וואָס האָט געדרעמלט אונטער די הייסע טאָג־שטראַלן, וואַכט מיט אַ מאָל אויף. טירן און פענצטער עפענען זיך און עס באַווייזן זיך די קעפּ פון די שכנים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גערודער?

גלייך דערוויסן זיך די שכנים פונעם געשלעג און זיי נעמען רעדן איינער צום צווייטן, אָנווייזנדיק מיט די הענט אויף דער קאָרטן־לייגערין.

— אַזאַ נישט גוטס.

— און איר טאַכטער מיטן חתן זענען בעסער?

אַלע שכנים פון געסל פאַרמאַכן צוריק די פענצטער מיט די טירן, כדי נישט צו הערן די געמיינע זידלערייען, מיט וועלכע עס איז זיך מכבד דאָס קריגערישע געזינדל.

אַ לאַטע אויף אַ לאַטע...

כלערליי מאָדנע פּאַרשוינען זענען פאַראַן אין תל־אביב—יפו — און איינער פון זיי איז רזיאל בנבנשתי, וועמענס באַשעפטיקונג באַשטייט אין צעפירן פּעקלעך סחורה פון הורט־סוחרים צו די קליינהענדלער אויפן צוויי־רעדערדיקן וועגעלע, צו וועלכן עס איז איינגעשפּאַנט אַ חמור.

אַ שותף צום דאָזיקן וועגעלע, וואָס האַלט זיך קוים אויף די רעדער, איז אלימלך דער הויזבאַזיצער, וועמענס בית, וואָס איז געבויט פון ברעטער געמישט מיט ציגל, שטעקט אין דער שכונה הידועה שבזי — און ווו בנבנשתי איז איינער פון די לאָקאַטאָרן.

פון דער נאַטור אויס איז בנבנשתי קליינגעוויקסיק און אויסגעדאַרט ווי די גרוגרת של רבי צדוק, מיט אַ שיטער בערדל, דורכגעפלאָכטן ערטערווייז מיט גראָע האָר און מיט געקרייזלטע פּיאות, וואָס באַמבלען זיך צווישן די אויערן ווי צוויי הבדלות.

רזיאלס דאַרער גוף איז באַהאָנגען מיט בגדים — טראַנטעס אַזעלכע, באַלייגט מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע — און די פּאַרב אויף זיי איז שוין מחמת אָפּגעטראָגנקייט נישט צום דערקענען.

נאָך מיטאָג, ווען עס שטעלט זיך אָפּ דאָס לייזעכץ ביי די הורט־סוחרים, וועלכע שטעקן מיט די געשעפטן אויף די גאַסן אַרום ככר המושבות, קומט רזיאל בנבנשתי אַהיימצופאָרן מיט זיין וועגעלע — און דעם ערשטן מענטש, וואָס ער טרעפט אָן ביים הויז, איז דער שותף אלימלך, וועלכער נעמט זיך מיט אים אָפּחשבונען.

— רזיאל, וויפל לירות האָסטו היינט פאַרדינט?

— נישט מער ווי צען לירות.

— קוק מיר נאָר אין די אויגן אַריין און זאָג, מער האָסטו נישט פאַרדינט?

— בחיי, אַ פּרוטה נישט מער.

— כ׳וועל דיר באַלד אויפווייזן.

און אלימלך נעמט באַטאַפּן דעם חמור פון קאָפּ ביז די פיס, כדי צו זען צי זיינע באַקעס זענען נישט איינגעפאַלן פון צו פיל שלעפּן זיך איבער די גאַסן — און דערנאָך, ווען דער חמור צעשרייט זיך הויך, אַז מען הערט זיינע קולות איבער גאַנץ שבזי, נעמט אלימלך פון רזיאלן זיין חלק געלט און דער חשבון איז געענדיקט.

רזיאל בנבנשתי לאָזט זיך דעמאָלט אַריינגיין אין זיין שטיבל, וואָס איז גרויס דלת על דלת און ווו ער זעצט זיך אָפּעסן דאָס מיטאָג מיט זיין בני בית, וואָס באַשטייט פון זיין ווייב צפּורה מיט די אַכט קינדער, יינגלעך און מיידלעך אין עלטער ביז פופצן יאָר.

רזיאל עסט אויף אַן אויסגעוועלגערטע פּיטע און פאַרבייסט מיט גע־פעפערטע און געזאַלצענע זיתים און פאַרענדיקט דאָס עסן מיט אַ מרק ירקות, אין וועלכער עס שווימען אַרום געלע דרייקאַנטיקע אַרבעסלעך, וואָס וואַקסן בלויז אין די הייסע מזרח־לענדער. אָפּגעגעסן, לאָזט ער זיך גיין צו זיין צווייטער באַשעפטיקונג, צו היטן אַלס שומר־לילה דעם מחסן מיט די כל המינים סחורות, וואָס געהערט צו די הורט־סוחרים, ווֹעמענס פעקלעך ער צעפירט אויף זיין וועגעלע צו די קליינהענדלער.

דער מחסן ליגט אין צווייטן עק שטאָט — און רזיאל בנבנשתי איילט זיך נישט אַהינצוקומען אַזוי גיך, נאָר גייט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט גאַס־איין, גאַס־אויס און פון געוועלב צו געוועלב און בעט נדבות.

אין מחסן צווישן די פעק סחורות ציילט ער איבער דאָס געלט פון די נדבות — און כדי די נאַכט זאָל אים אַדורכגיין וואָס גיכער, נעמט ער אַרויס פון זיין זעקל אַ נאָדל מיט פאָדעם און הייבט אָן לייגן אויף זיינע בגדים אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

איין מאָל, נאָך מיטאָג, ווען רזיאל בנבנשתי איז אַהיימגעקומען מיטן וועגעלע איינגעשפּאַנט מיטן חמור, איז אים, ווי תמיד, אַקעגנגעקומען אלי־מלך און זיך גענומען מיט אים אָפּחשבונען.

— רזיאל, וויפל לירות האָסטו היינט פאַרדינט?

— נישט מער ווי צען לירות.

— נישט מער?

— בחיי, נישט מער.

— לאָמיר נאָר זען.

און אלימלך האָט גענומען, ווי זיין שטייגער איז, באַטאַפּן דעם חמור פון קאָפּ ביז פיס און האָט צו זיין פאַרגעניגן דערזען, אַז די באָקעס ביים חמור זענען איינגעפאלן פון צו פיל שלעפּן דאָס װעגעלע מיט די סחורות איבער די גאַסן — און נאָך מער, דער חמור, וואָס האָט אין דער צייט אַרויסגעלאָזט זיין גרויסן געשריי, האָט דאָס מאָל געשוויגן, האָבנדיק אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע אויערן צו דער ערד.

דעמאָלט האָט אלימלך זיך געגעבן אַ נעם צו רזיאלן.

— האָסט מיך באַשווינדלט.

פון גרויס גרימצאָרן האָט ער גענומען רייסן פון רזיאלן די געלאַטעטע בגדים, און אַזוי רייסנדיק האָט ער אויפגעריסן אַ קעשענע, פון וואַנען עס האָבן זיך געגעבן אַ שיט אויס נייע קנאַקעדיקע פּופּציקער־פונטן און צענער און פינפער לרוב, פון וואָס ער, אלימלך, וואָלט זיך געקענט קויפן צען חמורים.

און גלייך האָט זיך אויף בייז ווונדער געגעבן אַ פּאַרזאָמל אַן עולם נייגעריקע, וועלכע זענען געקומען צו לויפן פון אַלע געסלעך פון שבזי און האָבן זיך מיט גרויס נייגער צוגעקוקט, ווי אַזוי רזיאל בנבנשתי קלויבט אויף פון דער ערד איין באַנקנאָט נאָכן צווייטן, וועלכע ער באַהאַלט אין די טיפע קעשענעס פון זיינע בגדים, וואָס זענען באַלייגט מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

די זעכציקסטע גאַס

קומענדיק אַנומלט ביי נאַכט קיין יפו, האָב איך דאָרטן, צום גרויסן חידוש, געטראָפן האַלב אויסגעליידיקטע גאַסן פון מענטשן, טראָץ דעם, וואָס עס איז נאָך געווען ווייט פון האַלבער נאַכט.

נישט קוקנדיק דערויף, בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן און האָב באַגעגנט אַ ייד פון בוקאַווינע, וועלכער איז געזעסן אויף אַ בענקל אויף דער גאַס און האָט פאַרקויפט געווינ־צעטלען פון מפעל הפיס. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַר וואָס איז עפּעס אַזוי פּוסט ביי אייך אין יפו?

דער געפרעגטער איז, ווייזט אויס, געווען פון די יידן, וועמען עס ליגט בלוז אין זינען די פרנסה, מחמת ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיין בליק פון אונטער די ברילן אַפּער:

— אַדוני, איידער צו פרעגן אַזאַ זאַך, אויף וואָס איר ווייסט נישט צו ענטפערן, איז שוין בעסער כדאי איר זאָלט ביי מיר קויפן אַ צעטל, וועט איר וויסן, אַז עס שטייט אייך פאַר צו געווינען געלט.

האָב איך מיר געטראַכט, אַז דער ייד איז גריילעך גערעכט, אַז איך באַדאַרף טאַקע פּראָבירן דאָס מזל און אולי ירחם און וועל באַגליקט ווערן מיטן גרויסן געווינס. און דער פאַרקויפער פון מפעל הפיס דערלאַנגט מיר אַ צעטל פון זיינע צעטלען און נאָכן איינקאַסירן דאָס געלט, זאָגט ער צו מיר:

— איר ווילט דאָך אַוודאי וויסן, פאַר וואָס עס איז איצט אין יפו ליידיק פון מענטשן?

— אַדרבא, זאָגט פאַר וואָס.

— דערפאַר, וואָס די יפוער איינוווינער לויפן שפּאַצירן קיין תל־אביב, ווען עס קומט נאָר אָן די נאַכט.

דערנאָך גיט ער מיך אַ פרעג:

— און וואָס זוכט איר אין יפו?

— איך בין אַהערגעקומען, כדי זיך צו דערוויסן וועגן אַ מאָרד.

מיין מיטשמועסער ווערט מלא בייגיר.

— וואָס פאַר אַ מאָרד?

— איינער איז דערשאָסן געוואָרן אויף טויט, אויף דער זעכציקסטער גאַס אין יפו.

— אויב אַזוי, זאָגט זשע מיר, צי זענט איר נישט אַ מאָל אַ בלש (געהיים־אַגענט)?

— איך בין אַ ציַיטונגס־רעפּאָרטער.

דער מפעל־הפּיס־פאַרקויפער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון בענקל.

— איר זעט דאָרט די שמאָלע לאַנגע גאַס? דאָס איז זי, די זעכציקסטע גאַס אין אַדזשאַמי, און דאָ ווו מיר שטייען, איז דזשעבעליע.

גיי איך איבער דער זעכציקסטער גאַס, ווו עס וווינען יידן און אַראַבער צוגלייך אין נידעריקע אַלטע הייזלעך, מזרח־געביידעס מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער און פאַרריגלטע טירן, און ווו עס ציִען זיך באַרג־אַראָפּ צום ים שמאָלע געדרייטע געסלעך מיט שטיינערנע שטיגן, אַרום וועלכע עס שטייען אַנגעשטעלטע איינע אויף די אַנדערע חורבות־שטיבלעך און מיט הוילע לעכער, וואָס אין זיי שטעקן אַלערליי פאַרדעכטיקע קנייפּעס, אַזעלכע מינים רעסטאָראַנדלעך און קאַפע־הייזלעך, מיט מיטזיצער קרימינעלע פאַרשוינען, וואָס זענען רק אַריינגעטאָן אין שיכרות און אין שעש־בעש־שפּיל.

די זעכציקסטע גאַס איז אָן טראָטואַרן און אָן ביימער, וואָס זאָלן וואַרפן אַ קילן שאָטן אין די הייסע טעג און נעכט. אויף דער גאַס, ווו עס ראַיעט מיט קליינע געוועלבלעך פון שפּייז, קאָנפעקציע, געפעס און אַראַבישע קאַפעען, ווו די געסט זיצן אויף שטרויענע בענקלעך נידעריק צו דער ערד און רייכערן די נאַרגילעס, לויפן אַרום באָרוועסע אָפּגעריסענע פאַרשוינען, באַוואַקסענע און באַדעקטע מיט קויט, און קלייבן אויף פון דער

ערד די פארפוילטע גרינצייגן, וואס דינט זיי אלס דאס טאג־טעגלעכע שפייז.

דעריבער האב איך זיך שטארק דערפרייט, ווען איך בין, גייענדיק אזוי לענג־אויס דער גאס מיט די משונהדיקע פארשוינען אריין אין א סאדע־וואסער־געוועלבל און האב דארטן געטראפן א היימיש יידיש פארפאלק, וועלכע האבן מיר אנגעוויזן א פלאץ ביי א טישל און מיר דערלאנגט א דערפרישנדיקן קאלטן געטראנק.

— שלום עליכם א ייד, — האט דער אייגנטימער פון סאדעוואסער־געוועלבל, א דארער יונגערמאן מיט א היטל אויפן קאפ און מיט גרויסע טונקעלע ברילן מיך באגריסט, אויסשטרעקנדיק צו מיר זיין האנט.

— עליכם שלום.

— פון וואנען איז א ייד?

— פון תל־אביב.

— אהער פארבלאנדזשעט.

— נישט פארבלאנדזשעט, נאר אהערגעקומען זיך צו דערוויסן מכוח דעם פארגעקומענעם מארד.

— צו וואס טויג אייך צו וויסן?

— עס טויג מיר צו באשרייבן אין דער צייטונג.

— אזוי, הייסט עס.

און עס ווייזט זיך ארויס, אז דער דאזיקער ייד ווייסט גענוי, וואס עס האט פאסירט צווישן דעם אראבער מיטן ייד, וועמען ער האט דערשטאכן אויף טויט בעת א שארפער קריגעריי, וואס איז געקומען פון באנוצן זיך מיט נארקאטיק.

און נאך ווייזט זיך ארויס, אז דאס סאדעוואסער־געוועלבל, אין וועלכן איך זיץ איז נישט ווייט פון שטיבל, וווּ עס האט געוווינט דער מעסער־שטעכער, פאר וועמענס טיר עס איז אוועקגעשטעלט געווארן א שוטר.

און ערשט נאך דעם, ווען איך דערוויס זיך דאס אלץ, וואס איך באַ־דארף וויסן, באמערק איך ווי דער בעל־הבית פון סאדעוואסער־געוועלבל זעצט זיך צום טישל, אויף וואס עס איז נאך געווען פארבליבענע שיריים פונעם נאר וואס אפגעגעסענעם אונטערברויט, און ווי ער נעמט א פולן

אָנגעגאָסענעם כוס מיט װײַן אין דער האַנט אַרײַן אויף צו בענטשן ברכת המזון.

רוף איך זיך אָן צו אים:

— ר׳ ייִד, אויף צו בענטשן מזומן מוזן זײַ שלשה שאכלו.

ענטפערט ער:

— װער זאָגט אײַך, אַז איך גײ בענטשן מיט מזומן?

— װאָס דען גײט איר טאָן?

— טרינקען לחיים!

און ער נעמט און טרינקט אויס דאָס גלאָז װײַן מיט אײן אָטעם און דערצײלט מיר אַזאַ מעשה:

— איך האָב געהאַט אַ רבין, אין בעסאַראַביע, איז ער געװען אַ ליב־האָבער פון טרינקען װײַן, האָט ער אָבער געהאַט אַ װײַב, האָט זי אים נישט געלאָזט טרינקען מער װי אײן גלעזל, מחמת דער רבי איז נישט געװען בקו הבריאות. װאָס זשע האָט דער רבי געטאָן? ער האָט זיך גאַנץ שײן צו יעדן עסן אָנגעגאָסן אַ גרויס גלאָז װײַן און צום װײַב האָט ער געזאָגט, אַז ער מאַכט קידוש.

— און די רביצין האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן?

— זי האָט דען געהאַט אַ ברירה?

אַזאַ מעשה האָט מיר דערצײלט דער ייִד פון סאָדעװאַסער־געװעלבל, װאָס אויף דער זעכציקסטער גאַס אין יפו, װעלכע איך האָב אין אײלעניש פאַרלאָזט, מחמת עס האָט אָנגעהויבן צן װערן שפּעט בײַ נאַכט.

בילדלעך פון צפת

דער „לכה דודי"

צו קבלת שבת אין בית המדרש פון אר"י הקדוש, קומען יידן יראי שמים, מיט דער ריינסטער כוונה אָקעגנצוגיין די מלאכי שבת וואָס שוועבן אַרום אין אַלע ווינקעלעך פון מקום קדוש. די מתפללים אין די בגדי שבת, פון זייד און אַטלאַס, מיט די רייך־געוואַשענע ווייסע העמדער אויף די לייבער און מיט די שטריימלעך אויף די קעפּ, זענען זיך מכין צום דאַווע־נען — און מיט אַ מאָל גיט עס זיך אַ צעפּלייץ מיט אַ תפילה־געזאַנג, וואָס רייסט זיך אַרויס פון פיל העלדזער — לכו נרננו.

און דער זמר של שבת צעגייט זיך שנעל איבער די שמאָלע גע־שלענגלטע שטיגן־געסלעך און ליקלעך פון שטיין, אויף וועלכע עס רוט די שבתדיקע מנוחה און גרייכט אַזש אַהין צו די גרינע בערג און טאָלן, וואָס זענען איינגעהילט מיט חשכות פון דער נאַכט.

און באַלד דערהערט זיך צווישן די דאַווענער די קלינגענדיקע שטימע פון צדוקל, דעם אַלטן רבינס אייניקל, וועלכער וואַרט נישט אויפן חזן און נעמט זינגען:

— לכה דודי.

און דער עולם מתפללים כאַפּט אונטער צדוקלס לכה דודי־געזאַנג און צעזינגט זיך יעדער אויף זיין אופן און דערביי ווערט אין בית־המדרש אַ תנועה: הענט פאַרשטעקן זיך אין גאַרטלען, אויגן שליסן זיך פון גרויס דביקות, און אַלע ווי איינער נעמען זיך שאָקלען מיט ברען און התלהבות און אַזוי לאַנג ביז די שבת־תפילה איז פאַרענדיקט און עס הייבט זיך אָן דאָס ווינטשן:

— שלום עליכם.

— גוט שבת.

צדוקל, דעם אַלטן רבינס אייניקל, קלערט גאַרנישט אַזוי שנעל

צו פאַרלאָזן דעם בית המדרש פון אר״י הקדוש און אַהיימצוגיין צום ווייב מיט די קינדער, וועלכע וואַרטן אויף אים מיטן עסן. דער „לכה דודי״, ווי מען רופט אים צווישן אַלע דאַוועגער פוןביידע בתי מדרשים, וואָס בסך הכל זענען זיי אָפּגערוקט פון זיך אויף אַן אייל די ברייט, שטייט אַרומגערינגלט מיט אַ רעדל מענטשן — דאַטשע־געסט, וואָס זענען געקומען באַוווּנדערן די שיינקייטן פון דאָזיקן אַלטן פּאַרצייטישן מקום־קדוש. ער דערציילט זיי די אגדה, וואָס וועבט זיך אַרום דעם קינסטלעריש־געשניצטן אָרון־קודש.

דערציילט צדוקל אַזוי:

דער פּאַרצייטישער ייד, דער מומחה, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן דעם אָרון הקודש, האָט באַקומען אַזאַ מין ברכה פון רבין, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט דער עדה יידן אין צפת:

„איך בענטש דיך מיט דער ברכה, אַז דו זאָלסט מאריך ימים זיין אַזוי לאַנג, כל־זמן דו וועסט נישט האָבן אויסגעפּאַרטיקט דעם אָרון קודש״.

האָט דער מומחה, ראשית, אַזוי געטאָן: ער האָט לאַנג־לאַנג געזוכט דאָס מין פימסנהאָלץ, ביז ער האָט עס געפונען. און דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו דער מלאכה אויסצושניצן דעם אָרון־הקודש מיט די שענסטע שניצערייען. האָט ער אַזוי געשניצט פּערציק יאָר דורכאַנאַנד, ביז עס זענען געקומען צו גיין די נכבדי העיר און געזאָגט צו אים אַזוי:

„עד מתי, ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו אַזוי שניצן דעם ארון־קודש, וואָס איז אונדז נייטיק, וואָרעם מיר האָבן נישט וווּ אַריינצושטעלן די ספרי תורה?״

דערהערט אַזאַ זאַך, האָט דער מומחה, דער שניצער, גלייך פאַרענדיקט דעם ארון הקודש און איז אין זעלבן טאָג נפטר געוואָרן.

נאָכן דערציילן די געשיכטע מיטן געשניצטן ארון הקודש, פאַרקאַטשעט צדוקל די פּאָלעס פון זיין שבתדיקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און וויל אַהיימגיין פּראַווען דעם שבת, לאָזט מען אים נישט פון אויבן, וואָרעם באותו רגע קומט אָן צו לויפן דער אָרעמער אורח אויף שבת, מנשה, וואָס איז אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און האָט אַ טענה צו צדוקלען:

— ווער וועט מיך אַהיימנעמען אויף שבת?

— מנשה, פאַר וואָס ביסטו פריִער נישט געקומען?

— פרעג נישט.

— פאַר וואָס זאָל איך נישט פרעגן?

— ווייל כ׳וועל דיר נישט זאָגן.

און אַז צדוקל נעמט אַהיימפירן דעם אָרעמען אורח מנשה, ווערט ער פאַרהאַלטן דורך אַ פרישער אָרעמער אורחטע, די אַלטע שרה, וועלכע שטאַמט אַפּ פון אַ שטעטל נעבן מונקאַטש:

— צדוקל, פאַר וואָס באַזאָרגסטו מיך נישט מיט אַ ביסל שבתדיק געקעכץ?

ענטפערט צדוקל:

— שרה, גייט אַהין צו דער רביצן, וועט מען דאָרט אייך געבן צו עסן.

— איך גיי נישט צו דער רביצן.

— פאַר וואָס?

— מען גיט דאָרט ווייניק עסן.

און אַז די אַלטע שרה נעמט וויינען און קלאָגן אויף איר ביטערן גורל, אַזוי ווערט צדוקל, דעם אַלטן רבינס אייניקל, גערירט דערפון, און ער טוט אַ זאָג:

— מילא, קומט אַהיים צו מיר, וועלן זיין צוויי אורחים אויף שבת.

דער מדינה־גייער

צווישן די הונדערטער דאַטשע־געסט, וועלכע פילן אויס די צפתער שמאָלע שטיין־געסלעך, זעט זיך אָן דאָס געשטאַלט פון בענציק דער מדינה־גייער, וועלכער איז מפרנס זיך און זיין הויזגעזינט פון די שיינע נדבות, וואָס ער קריגט פון די פרומע גבירים אין די שטעט פון ישראל.

בענציק, וועלכער איז שוין אַ בן שבעים, איז אויסגעקאָכט מיט די צפתער גבאים, וועלכע פירן אָן מיט די שולן, בתי־מדרשים, חסידים־

שטיבלעך און מנין־שטיבלעך, ווו עס דאַווענען די רייכע דאַטשניקעס.

בענציקס הילוך באַשטייט פון אַ שוואַרצער געהאַקטער קאַפּאָטע, אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל, אַ סאַמעטענער קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, וואָס איז פאַרפּעצט און פאַרשטויבט און אַ פּאָר שטיבעלעטן מיט „אויערן" צום אַרויפציען אויף די פיס.

אַליין איז בענציק אַ גמרא־קענער און ווייסט צו זאָגן די גלייכווערטלעך פון די גרויסע קענער, די תלמידי חכמים, וואָס זענען מלא חכמה און בינה און מיט דעם געווינט ער די הערצער פון די פרומע עשירים.

אַ טבע האָט בענציק אָוועקצופאָרן פון דער היים אין בני־ברק, ווו ער וווינט מיט זיין ווייב, די פרומע שרה־רייזל פון סאַטמאַר, און דריי דערוואַקסענע טעכטער, וועמען עס וואָלט געווען אַ יושר חתונה צו מאַכן.

פאָרט בענציק פון בני־ברק קיין תל־אביב, ווו ער נישטערט אין די נייע גרויסע האָטעלן, די פרומע, רייכע טוריסטן, פון וועמען עס איז לייכט צו באַקומען אַ שיינע נדבה.

פון בני־ברק פאָרט בענציק קיין ירושלים, ווו ער שטייט אין אין מאה שערים און ווי ער פאַרהערט זיך אין לערנען מיט די דאָרטיקע למדנים, וועלכע באַצאָלן פאַר די אַלע הצטרכותן, וואָס בענציק האָט בעתן אויפהאַלט אין דער עיר הבירה.

אַזוי אַרום קומט בענציק קיין צפת אין סאַמע מיטן פונעם דאַטשע־סעזאָן. נאָך דעם ווי ער איז שוין אויסגעווען ווו נאָר אַן אָרט. ער ווערט באַלד היימיש מיט די באַלעבאַטים פון די צפתער כשרע רעסטאָראַנען, ווו ער עסט אָפּ צו דער זעט על חשבון הגביר, דעם פרומען פאַבריקאַנט, וואָס איז אַהערגעקומען שעפּן די פרישע ריינע באַרג־לופט.

שפּרייזט זיך בענציק מיט געלאַסענע טריט איבער די געסלעך, וואָס ציען זיך אַראָפּ און אַרויף דורך שטיינערנע שטיגן, און אַז ער באַגעגנט בעתן גאַנג אַ ייד חסידיש געקליידט, שטעלט ער אים גלייך אָפּ.

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

— וואָס מאַכט אַ ייד?

— נישקשה, אַבי מען איז געזונט.

— און וואָס טוט אַ ייד?

— מען האַנדלט צו ביסלעך.

דערהערט בענציק, אַז ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ ייד אַ סוחר. אַזוי ווערט ער מיט אים אַ גוטער ברודער און נעמט שיטן מיט די קלוגע ווערטלעך פון דער גמרא.

דער דאַטשע־גאַסט, וועלכער איז אויך בקי אין די קליינע גמרא־אותיות, נעמט ענטפערן מיט אַנדערע ווערטלעך. און עס גייט אַוועק אַ גאַנג מיט זאָגן פסוקים און פלפלן זיך און שפּאַרן זיך איבער אַ פלוגתא.

לסוף גייט בענציק אַריבער פון ווערטער צו מעשים און נעמט אויס־גיסן פאַרן דאַטשע־גאַסט זיין ביטער האַרץ, וואָס ער האָט צוליב די דריי דערוואַקסענע טעכטער, וועלכע ער קען נישט חתונה מאַכן און צו געבן זיי נדן. און דער דאַטשע־גאַסט פאַרשטייט אין וואָס עס גייט און כאַפּט זיך גלייך צו דער קעשענע און ציילט אַריין אין בענציקס האַנט אַ שיינע נדבה.

דער דאַטשע־סעזאָן איז אין פולן ברען — און די דאַטשניקעס לאָזן זיך ווילגיין, ליגנדיק אויסגעצויגן אויפן גרינעם גראָז, וואָס וואַקסט בשפע אויף דער מצודה, דער פאַרק הידוע אין צפת.

איז דאָרטן אויף דער מצודה אַ רעש און אַ טומל פון די קליינע קינדער, וואָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש און פון די דערוואַקסענע נשים וגברים, וועלכע שפּילן אין קאָרטן און רעדן בקול רם וועגן דער פּאָליטיק פון טאָג.

און צווישן אַלע, זעט זיך אַרויס בענציק, וועלכער ליגט זיך בנעי־מותדיק אויסגעצויגן אויפן ווייכן גראָז, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט די אנשי יראת שמים פון צפת, מיט וועלכע בענציק טוט זיך שפּאַרן אין דברי־תורה.

די הייסע זון, וואָס איז אַרויס פון פוטערפאַס, שיקט אירע גליענדיקע שטראַלן אויף דער מצודה און בענציק, וועמען עס ווערט הייס אין די אברים, לאָזט זיך באַדינען פון די ישיבה־בחורים, וועלכע ברענגען אים

צו טראָגן זיסע קאַלטע געטראַנקען און צייטיקע פּרוכטן, מיט וואָס ער דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ.

דערפאַר נעמט בענציק זאָגן קלוגע גלייכווערטלעך פון דער גמרא און פון אירע מפרשים און צו די יונגעלייטלעך, וועלכע האָבן אים מהנה געווען מיט די גוטע זאַכן טוט ער אַזוי אַ מאַך:

— חנה, זייט וויסן, אַז איר האָט אייך פאַרדינט עולם הבא. וואָרעם די גמרא זאָגט: ווער עס איז משמש תלמידי חכמים איז זוכה עולם הבא.

בענציק פאַרגעסט אויך נישט אין די זקנים פון צפת, וועלכע געפינען זיך דאָ אַרום אים און אין די אַלע רייכע און פרומע דאַטשע־געסט, צו וועלכע ער טוט אַ זאָג:

— רבותי, זייט וויסן, אַז קוים מאַך איך נאָר חתונה מיינע דריי טעכטער, אַזוי צי איך זיך אַריבער אַהער קיין צפת, ווו די לופט איז אַ סגולה צו אריכת ימים.

דער „נחש הקדמוני"

ויהי בימים ההם, ווען אין צפת האָט מען זיך שוין געהאַט צוגעגרייט צום דאַטשע־סעזאָן און מען האָט נאָר געוואַרט עס זאָלן קומען די דאַטשניקעס, איז אַקוראַט דעמאָלט פאַרגעקומען די פייערלעכע דערעפע־נונג פון צפתער נאַכט־לאָקאַל „קימרון", וואָס איז איבערגעניטשעוועט געוואָרן פון אַן אַלט חורבה־הייזל.

און עס האָבן די אייגנטימער פונעם נאַכט־לאָקאַל נישט געזשאַלעוועט קיין געלט און האָבן דעם מקום אויסגעפּוצט מיט באַמבוק־שטעקענעס, וואָס וואַקסן ביי די ברעגעס פון ירדן און עס האָט אַ קונסט־מאָלער, וועמענס זיצאָרט איז אין מאָלער־קוואַרטאַל אין צפת גענומען און אויסגעמאָלט אויף דער סאַמאָראָדנער וואַנט, דאָס בילד פון רויטן „נחש הקדמוני", ווי ער טוט זיך פאַרוויקלען אַרום חוהס שיינעם פרויען־קערפּער און טוט איר צורעדן צו פאַרזוכן פון עץ הדעת.

קומט פרייטיק אויפדערנאַכט, ווען די אַנשי יראת שמים פון צפת

טוען פאַרצוימעץ מיט אייזערנע קייטן דעם אַריינפאָר און די צוויי געסלעך אַריין, וואָס פירן צו די בתי־מדרשים און שולן, אַזוי נעמען דעמאָלט די פרייע דאַטשניקעס זייערע געלט־טייסטערס אין די קעשענעס און לאָזן זיך אַוועק אינעם נאַכט־לאָקאַל „קימרון״, צו פאַרווײַלן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

שפּילן די מוזיקאַנטן די היינטצייטיקע טאַנץ־מעלאָדיעס און דער עולם אין זאַל, וועלכע זיצן אויף נידעריקע שטרוי־בענקלעך און טרינקען משקה ביים שיין פון חלבנע ליכטלעך, וואָס שטעקן אין פלעשער, לאָזן זיך נישט בעטן און נעמען טאַנצן אויף וואָס די וועלט שטייט און זשאַלעווען נישט קיין אַפּלאָדיסמענטן דער יונגער שיינער שיקסל, די זינגערין פון דרום־אַמעריקע, וועלכע זינגט צו אַלעמענס שטוינונג אויך דאָס יידישע ליד פון איציק מאַנגער „אויפן וועג שטייט אַ בוים״.

דאָס שיקסל, וועלכע איז א האלבע נעגערין, זינגט איין ליד נאָכן צווייטן — און פון דער וואַנט ווינקט אַראָפּ פאַרשייט דאָס בילד פונעם רויטן „נחש הקדמוני״.

אבי געקריגט זיך

דער דאַטשניק מענדל פון תל־אביב, האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעגעסן אין פּענסיאָן הידוע דאָס נישקשהדיקע מיטאָג — און בכדי עס זאָל אים זיין גרינגער צו פאַרדייען די כל המינים געקעכצן, איז ער אַוועק שפּאַצירן אויף דער צפתער הויפּט־גאַס, ווו עס רעשט און טומלט מיט מענטשן און אויטאָס.

און גייענדיק אַזוי איבער דער גאַס דערמאָנט זיך מענדל, אַז ער דאַרף שרייבן אַ בריוו צו זיין שותף משה, אַז ער זאָל אים מענדלען, תיכף ומיד שיקן געלט אויף דאַטשע־צוועקן.

קומט מענדל אַריין אין פּאַפּיר־געשעפט און הייסט זיך געבן אַ קאָנווערט מיט אַ בייגעלע פּאַפּיר. און אַז דער געוועלבניק איילט זיך

נישט אַזוי גיך צו דערפילן מענדלס פּאַרלאַנג, באַקומט ער פון אים יענעם „מי שברך".

— ר׳ ייד, איר זענט אַזאַ סוחר ווי איך בין אַ רב.

ענטפערט דער געוועלבניק:

— כ׳בין אַ בעסערער סוחר פאַר אייך.

— איר זענט אַ גאָרנישט מיט גאָרנישט.

— און איר זענט נאָך ערגער ווי גאָרנישט.

רופט זיך אָן אַ דריטער, אויך אַ קונה:

— וואָס קאָן שוין זיין ערגער ווי גאָרנישט?

דער געוועלבניק, וועמען עס האַלט אין איין פאַרדריסן, נעמט זיך צום אַנדערן קונה:

— ר׳ ייד, ווער בעט אייך אַריינצומישן זיך?

און מי יודע וואָס אַזוינס עס וואָלט געוועזן אַרויסגעקומען פון דער מחלוקת, ווען נישט אַ שפּאָגל נייער קונה, וועלכער האָט אויסהערנדיק זייערע קריגערישע רייד, אויסגערופן:

— אַבי געקריגט זיך.

און דאָס האָט געווירקט אויף די אַרומקריגער, זיי זאָלן גלייך אויפהערן — און עס איז אַריינגעטראָטן „אַ וואָפנשטילשטאַנד".

דער כנעני ואמורי

מיטאַמאָל האָבן זיך אויף איינער פון די צפתער גאַסן באַוויזן צוויי הויכע שלאַנקע רייטער, אויף שוואַרצע פייערדיקע פערד, וועלכע זענען געקומען צו רייטן פון באַרג „כנען" און האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן גרויסאַרטיקן קליידער-געשעפט. ביידע רייטער זענען געווען אָנגעטאָן ווי די בעדווינער אין שוואַרצע, ברייטע כאַלאַטן מיט אָן אַ שיעור פאַלדן און אויפן קאָפּ האָבן זיי געהאַט אַרומגעוויקלטע ווייסע פאַטשיילעס, באַפּוצט מיט שוואַרצע בענדער.

באַלד האָט זיך אַרום זיי פאַרזאַמלט אַן עולם נייגעריקע, וועלכע האָבן גענומען זיך שפאַרן.

איינער האָט געזאָגט: „דאָס זענען פשוטע בעדוי:נער, פון שבט אבו־עוזיאל, וואָס געפינט זיך אין די געצעלטן אין ישראל".

זאָגט דער צווייטער: „עס קאָן נישט זיין, וואָרעם ווי אַזוי זענען זיי עפּעס געקומען פון נגב אַהער" ?

רופט זיך אָן אַ דריטער:

„אין גליל העליון זענען אויך פאַראַן בעדוי:נער".

אין דעם מישט זיך אַריין אין די רייד, איינער פון די צפתער בטל־נים, וואָס דרייען זיך אַרום גאַנצע טעג פוסט און פּאַס און גיט אַזאַ זאָג:

— יידן, דאָס איז דער „כנעני ואמורי", וועלכע האָלטן מלחמה מיט די יידן.

אַלע אַרומיקע נייגעריקע לייט, נעמען זיך בעסער צוקוקן צו די רייטער, וועלכע דערנענטערן זיך צום סוחר פון קליידער־געשעפט, צו וועמען זיי נעמען רעדן עברית.

— אדוני הסוחר, מה המחיר.

און זיי ווייזן אָן אויף אַ ניי היינטמאָדיש אַנצוג, וואָס הענגט אַרויס אין דער וויטראַווע.

אַלע נייגעריקע לייט וווּנדערן זיך:

— וואָס פאַר אַ פאַרשוינען זענען דאָס ?

די „ראָטאָנדע"

די אַלטיטשקע שרה־הינדע האָט אין דער וואָכן מער גאָרנישט צו טאָן, ווי צו זיצן אָנגעלענט אין אַלטמאָדישן פאָטעל מיטן געשניצטן קאָפּשטיק, וואָס שטייט ביי דער טיר פון קליינעם הייזעלע. אַרום הייזעלע שפּרייט זיך אויס דאָס אַלט־פאַרצייטישע צפת מיט אירע שמאָלע, געשלענגלטע שטיגן־געסלעך און ליקלעך.

די אַלטיטשקע שרה־הינדע, מיטן געל־צעקנייטשן פנים, ווי פאַרמעט

און מיטן צעקנאָדערטן בגד אויפֿן אויסגעדאַרטן גוף, לאָזט אויף זיך פֿאַלן די הייס גליִענדיקע זון־שטראַלן פֿון טאָג. די הייסע זון וועקט אויף אין איר דאָס אָפּגעשטאַנענע בלוט און זי באַקומט דעם רצון צו דער אַכילה.

דעמאָלט נעמט זי אַריינשרייען אינעווייניק, אין שטיבל אַריין, וווּ עס איז טונקל און קיל, אַזוי ווי אין אַ הייל.

— ציפּע, טאָכטער מיינע, טו מיר נאָר דערלאַנגען דאָס טעפּל מיטן ביסל געקעכץ, וואָס שטייט און וואַרעמט זיך אויף דער קיך!

קומט אַרויס ציפּע מיטן טעפּל געקעכץ. ציפּעס פּנים איז אַזוי געל און צעקנייטשט ווי ביי שרה־הינדע און אַ קול האָט זי, וואָס קלינגט אַלט און שוואַך. טוט זי אַ זאָג:

— עס, מאַמע, און זאָל דיר זיין צום געזונט.

שרה־הינדע קוויקט זיך מיט יעדן לעפּל געקעכץ, וואָס זי באַקומט אַרויס פֿון טעפּל און ציפּע, די טאָכטער, וואָס קוקט זיך צו מיט אַ שמייכעלע אויף די בלאַסע ליפּן, מונטערט זי אונטער:

— עס, מאַמע.

אין צווישנצייט נידערט די זון טיפֿער צו די גרינע בערג, וואָס רינגלען אַרום צפֿת און עס ווערט קילער אין דער שטאָט פֿון די מקובלים מיט אירע האָטעלן, פּענסיאָנען און סתם אַכסניות, פֿון וואַנען עס לאָזן זיך אַרויס אויף שפּאַציר די אָנגעקומענע דאַטשע־געסט פֿון תל־אביב, חיפֿה, רמת־גן, פּתח־תקוה און פֿון נאָך שטעט אין הייליקן לאַנד, צו געניסן פֿון דער פֿרישער לופֿט שאין כמוה.

און עס פֿאַרקריכן די דאַטשע־געסט אַהין צום אַלטן קליינעם הייזעלע, וווּ די אַלטיטשקע שרה־הינדע ווערט נישט מיד צו זיצן אָנגעלענט אין אַלטמאָדישן פֿאָטעל און צו לאָזן פֿאַלן אויף זיך די פֿאַרגייענדיקע זון־שטראַלן.

די דאַטשע־געסט, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אויך טוריסטן, שטעלן אָן זייערע פֿאָטאָגראַפֿיר־אַפּאַראַטן אויף דער אַלטיטשקער שרה־הינדע, און פֿאַרגעסן נישט צו פֿרעגן זי:

— באָבעשי, ווי אַלט ביסטו?

שרה־הינדעס אויסגעדאַרטער גוף דריקט זיך טיפער אַריין אין פאַטעל, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון די דאַטשע־געסט און זייערע פאָטאָגראַפּישע מכשירים, און פונעם אָנצייניקן מויל רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי:

— נישט אייער עסק ווי אַלט איך בין!

די דאַטשע־געסט ווערן נישט נתפעל און פאַרוואַרפן שרה־הינדען מיט פראַגן:

— באָבעשי, איר זענט אַ היגע צי נישט?

— כ׳בין נישט קיין היגע געבוירענע.

— פון וואַנען זענט איר?

— פון כערסאָנער גובערניע.

— ווי אַלט זענט איר געווען, ווען איר זענט אַהערגעקומען?

דערהערט שרה־הינדע, אַז עס גייט זיי בנפש צו וויסן ווי אַלט זי איז, נעמט זי זיך אַרויסדרייען פון די פראַגן — און במקום זה נעמט זי רופן די טאָכטער ציפּע:

— טאָכטער מיינע, זאָלסט מיר שוין איצט ברענגען די ראָטאָנדע זיך צוצודעקן, וואָרום עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין די איברים.

קומט ציפּע אַרויס מיט דער ראָטאָנדע — דאָס אַלטמאָדישע ווייבערישע בגד, וואָס איז געמאַכט פון בלאָען סאַמעט, מיט שוואַרצע זיידענע בענדער באַנייט, מיט הויכע אַרבל באַזעצט מיט שפּרינג־פעדערס. דערזען די דאַטשע־געסט דאָס משונה־מאָדנע בגד אויף שרה־הינדעס אויסגעדאַרטן גוף, אַזוי שטעלן זיי אויף ס׳ניי אָן די פאָטאָ־אַפּאַראַטן און נעמען ווייטער פרעגן:

— באָבעשי, ווי קומט צו אייך אַזאַ בגד?

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ציפּע:

— דאָס איז מיין מאַמעס חתונה־קלייד.

— ווען האָט זי זיך דאָס קלייד אויפגענייט?

— מיט זיבעציק יאָר צוריק.

— זענט איר, הייסט עס, אויך שוין קרוב צו די זיבעציק יאָר — האָבן די דאַטשע־געסט זיך גענומען צו ציפּען און האָבן גלייך באַקומען

אַ גאָב פון דער אַלטיטשקער שרה־הינדע, וועלכע האָט אַזוי זיך אָנגערופן:

— נישט אייער עסק צו וויסן ווי אַלט עס איז מיין טאָכטער.

און לסוף, ווען די דאַטשע־געסט זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען דער אַהין, דער אַהער, און דאָס געסל האָט זיך אָנגעפילט מיט פאַרנאַכ־טיקער טונקלקייט, איז דעמאָלט געקומען צוגיין אין קליינעם הייזל אַריין ציפּעס מאַן, יאָסל, דער שמש פונעם צפתער בית־מדרשל. יאָסל האָט זיך געשלייכט מיט זקנהשע טריט, און אַז ער האָט דערזען ביי דער שוועל די אַלטיטשקע שרה־הינדע אַ צוגעדעקטע מיט דער ראָטאָנדע, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר:

— שוויגער־לעבן, שוין צייט צו גיין שלאָפן.

האָט זיך די אַלטיטשקע שרה־הינדע צעוויגט אין פאָטעל, גלייך ווי זי וואָלט אַלס אַ קליין קינד געלעגן אין אַ וויג.

— קינדער, ווער פון אייך וועט מיר העלפן גיין שלאָפן?

— מאַמע, רעד נישט קיין סך. מיר וועלן דיר שוין העלפן.

און ציפּע מיט איר מאַן יאָסל דעם שמש האָבן מיט די לעצטע כוחות אַראָפּגענומען די אַלטיטשקע שרה־הינדען פון פאָטעל און זי בכבוד גדול געפירט שלאָפן אין קליינעם הייזעלע אַריין, ווו עס האָט געברענט אַ ליכטל שוואַך און טונקל און געוואָרפן אויף די ווענט צעקרימטע שאָטנס.

אַ נסיעה אין נגב

אַז זימרה איז געקומען אין באר־שבע האָט דעמאָלט דער סטעפּ אַרום די לייוונט־געצעלטן געווילדעוועט מיט עזות.

ווינטן, בייזע רוחות האָבן געפּייפט און געיאָמערט, האָבן געכאַפּט דעם זאַמד פון דער ערד און אים געשאָטן און געמישט אין אַ געווירבל.

דער שטורעם האָט זיך אַריינגעריסן אין די געצעלטן אַריין און זימרה, דעמאָלט נאָך אַ קליין באַשעפעניש‏ל, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, האָט פון פחד זיך צעוויינט און זיך באַהאַלטן אין ווינקל פון געצעלט, אין צווישן די ליימענע קרוגן און וואַטענע געבלימטע קאָלדרעס.

ווען דער סטעפּ האָט זיך אויסגעלייטערט, האָט אַ הייסע זון זיך צעגליט. זימרה האָט זיך אַרויסגעגראַבלט פון געצעלט און האָט דערזען דעם סטעפּ לויכטן מיט העלן זון־ליכט.

זינט דעמאָלט האָט זימרה געבליקט אין סטעפּ אַריין און געזען פון דער ווייטנס בערגלען זיך געהארבעטע בערג איינגעהילטע אין בלויען נעפּל. זימרה האָט געזען, ווי צופוסנס די פאַרנעפּלטע בערג וויגט זיך אַ מדבר מיט ווייסן זאַמד, מיט נידעריקע דאַרע ביימעלעך, קוסטעס פון גרויער פאַרב, בעדווינער אין שוואַרצער הלבשה האָבן אין דאָזיקן מדבר געריטן אויף קעמלען, געפּאַשעט טשערעדעס שאָף, געפּויזעט אַרום לאַנגע געצעלטן אַרום אַ שטייענדיקן וואַסער.

זימרה האָט זיך געהאָדעוועט אין לייוונטענעם געצעלט, האָט זיך צעבליט, ווי די געלע פעלד־בלומען אין פרילינג, וואָס זענען געוואקסן געדיכטעווהייט אינעם גראָז ארום באר־שבע. איין מאָל האָט סעדיה, דער טאַטע פון זימרהן געזען, אַז זיין טאָכטער איז אויפגעוואַקסן, איז שוין

ראוי צו אַרבעט. האָט ער זימרהן ווי אַן עוזרת אָפּגעגעבן צו אַ רייכער גברת אין דער שטאָט באר־שבע. זימרה האָט געוואַשן די וועש מיט די געפעסן ביי דער גברת און אַליין איז זי מיט יעדן טאָג אונטערגעוואַקסן, שענער געוואָרן — להיפך צום פאָטער סעדיה און דער מוטער רוחמה, וואָס זענען ביידע געווען דאַר, נידעריק און צעקנייטשט, ווי אַ סך יידן פון תימן. זימרה איז געוואַקסן הויך, שלאַנק. זי האָט פאַרמאָגט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ דינע פיגור, וואָס האָט זיך געבויגן מאַיעס־טעטיש, ווי עס בויגט זיך דער שלאַנקער ציטרוס־בוימל אונטערן הייס־צעגליטן מזרח־ווינט.

זימרה איז געוואַקסן, האָט זיך צעבליט און אַזוי אויך די שטאָט באר־שבע. נייע הייזער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. נייע איינוווינער זענען צוגעקומען אין דער שטאָט. די ניי־געקומענע האָבן זיך באַזעצט אין די הייזער, האָבן אָנגעהויבן האַנדלען און פּראָדוצירן. זימרה האָט געזען ווי מענטשן אַרבעטן מיט שוויס אויף די קערפּערס, מיט מאַזאָליעס אויף די הענט. פאַר נאַכט לאָזן זיי זיך וווּלגיין, זיצן אין די קאַפעען, טרינקען קאַלטע געטראַנקען, לאָזן זיך אויך שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. האָט זימרה געטאָן דאָס זעלבע. זי האָט נאָך דער אַרבעט זיך געלאָזט גיין הינטער דער שטאָט.

געווען איז דעמאָלט פרילינג־צייט. די גראָזפעלדער אַרום באר־שבע האָבן אויפגעשפּראָצט מיט געלע פעלד־בלומען. זימרה האָט געשפּרייזט איבער די טיפע גראָזן, האָט פאַרבלאָנדזשעט, אַוועק אַהין אין די אַלטע ליימענע הייזלעך אַריין, געוועזענע אַראַבישע דערפלעך, וואָס זענען מיט דער צייט זיך צעפאַלן אין חורבות. אין די חורבות האָט זמרה געזען שלאַנגען מיט עקדישן. אַ ריזיקער אָדלער, מיט ברייט צעשפּרייטע פליגלען, איז געפלויגן איבער די חורבות און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף זימרהן. אַן איבערגעשראָקענע האָט זי זיך געלאָזט לויפן פון די חורבות אַרויס. זי איז שטיין געבליבן אויפן שאָסיי. אַ יונג, אַ געלער דזשינדזשע, מיט פאַרקאַטשערטע העמד־אַרבל, מיט ברענענדיקע אויגן איז געזעסן אין דזשיפּ און געלאַכט מיט אַ יונגן געלעכטער. עס האָט אים געווילט זימרהס פּחד־געשרייען. עס האָט אים פאַרכאַפּט זימרהס שלאַנקער

קערפּער מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן און ער האָט זי העפלעך איינגעלאַדן אין דזשיפּ.

דער דזשיפּ איז געפלויגן איבערן גלאַטן שאָסיי. אין מיטן פאָרן האָט דער יונג אָנגענומען זימרהן ביי אַ האַנט און ליבלעך איר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין. דערנאָך האָט ער זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט: יהושוע הייסט ער. ער איז אַ היטער ביי די גרענעצן. ער האָט געאָטעמט מיט מדבר־אָטעם, מיט גבורה. און זימרה האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערפילט דעם זיסן ציטער אין די יונגע איברים.

זימרה איז געוואָרן דאָס געליבטע מיידל פון יהושוע. אַלע מיידלעך פון באר־שבע און סביבה האָבן מקנא געווען זימרהן.

מיט איין מאָל האָט זימרה זיך באַוויזן אין באר־שבע. זי איז דערשינען אויף די גאַסן אין גאַנצן אַ פאַרענדערטע, איז געווען אָנגעטאָן אין שמאָלע געפּאסטע הויזן אין אַ געפּאַסטן סוועטער אויפן שלאַנקן גוף. איר שוואַרצע האָר זענען געווען פאַרשוירן לויט דער היינטיקער מאָדע און די גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן האָבן געבלישטשעט ווי צוויי פּערל. זי איז געגאַנגען מיט יהושוען איבער די גאַסן און געלויכטן מיט שיינקייט. אונטער די קנאה־בליקן פון די יונגע מיידלעך, האָט דאָס פּאָרל זיך אַריינגעזעצט אין דזשיפּ. דער דזשיפּ האָט זיך צערוישט ווי אַן עראָפּלאַן און איז שנעל אַוועק אויסער דער שטאָט. זיך געריסן פאָרויס איבער ברייטן סטעפּ. זימרה האָט זיך געטוליעט צו יהושוען און אים געבעטן: „נעם מיך אַהין אין די ווייטקייטן אַריין, צו די בערג, צו די נידעריקע קוסטעס".

האָט יהושוע געגלעט זימרהס פּעך־שוואַרבע האָר, געזאָגט: „טוב" און דער דזשיפּ האָט גענומען פליען איבער די שמאָלע שטעגן, איבער די סטעזשקעס פון נגב.

פאַר זימרהס אויגן האָבן געמיניעט די נידעריקע קוסטעס, די זאַמד־בערגלעך זענען ווי אנטקעגנגעלאָפן און אויף זימרהן האָט געווייעט דער סטעפּ־ווינט, האָט צעבלאָזן אירע האָר און פאַרטרערט די בלישטשענדיקע אויגן. זי האָט דערזען, ווי אָט־אָט, און די איינגעהילטע אין נעפּל בערג קומען אָן, ווי עס שיילן זיך אויס די בערג־שיפּועים, דערנאָך די ראַנדן

און די בערג־שפּיצן. דער דזשיפּ איז געלאָפן מיט געוואַלדיקער שנעלקייט אַהין, דאָרטן ווו זימרה האָט באַגערט און פּלוצלינג האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. דערנאָך — אַ צווייטער. — „מסתננים״! — האָט יהושוע ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן און מאָמענטאַל פאַרקערעוועט דעם דזשיפּ אויף צוריק. יהושוע האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער פון שייד און אָפּגעגעבן עטלעכע שאָסן אין דער ריכטונג פון וואַנען עס איז געקומען די שיסעריי.

נאָך די דאָזיקע שאָסן, וואָס יהושוע האָט אָפּגעגעבן, איז שטיל געוואָרן אין סטעפּ. בלויז די קוסטעס האָבן גערוישט מיט סודות, בלויז די געהאָרבטע זאַמדיקע בערגלעך האָבן געוואָרפן סכנה. יהושוע האָט אַ טרייב געטאָן דעם דזשיפּ און דער מאָטאָר האָט זיך צערוישט, האָט געשניטן די סטעפּ־לופט...

דער פּחד, וואָס האָט אַזש אָפּגענומען דאָס לשון ביי זימרהן האָט אָפּגעטראָטן אין מאָמענט, ווען דער דזשיפּ האָט זיך וואָס מער דערווייטערט פון סכנהדיקן אָרט. פון ווייטנס האָט זימרה געהערט אָפּהילכן פון שאָסן. זימרה האָט געזען, ווי אויף יהושועס פּנים פּערלט זיך אַ געדיכטער שוייס. יהושוע האָט געיאָגט דעם דזשיפּ, האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. בלויז דאָס דזשינדזשע־פּנים האָט זיך צעשמייכלט ווען די טויט־סכנה איז געווען פאַריבער.

און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשיילן די הייזער־קאָנטורן פון באר־שבע, האָט זימרה אַרומגענומען יהושוען מיט אירעביידע הענטלעך און אים אָפּגעמאָסטן אַ פלאַם־פייערדיקן קוש אין באַק. יהושוע האָט זיך אויף ס׳ניי צעשמייכלט און אָפּגעענטפערט אויף צוריק מיט אַ הייסן קוש. נאָך דעם איז דער דזשיפּ פאַרפאָרן קיין באר־שבע און איז שטיין געבליבן פאַר אַ גזוז־בודקע. ביידע האָבן גיריק אויסגעטרונקען פולע גלעזער מיט קאַלטן אָפּפרישנדיקן געטראַנק.

אינהאַלט

פון געריכט

אין פּרוזדור 7
חתונה געמאַכט... 10
וואָס לצים קענען... 13
אויף אַ קאַטאָוועס 16
טויזנט און איין נאַכט... 19
מיטן שענסטן פאַרגעניגן 23
מלכהלע „סאָלדאַט״ 26
צוויי „קאַלקוטסקע״ הענער 29
דער כישופמאַכער פון שעריה 31
ווען אַ ייד גיט אַ נאָס אין ת״א, ענטפערט מען אים אין האָנאָלולו: „צום געזונט״ 34
אַבו־מוסאַ האָט אַרויסגעטריבן דעם „פליענדיקן שד״ 38
אַ קשיה אויף אַ מעשה 40
קרעפּל־פלייש 43
די הויזן צו פאַרזעצן 46
דער קידנעפּער 50
„געהאַט האָב איך אַ כלה, גוטשע״ 52
„זיין באָבעס עסק״ 56
פּעטער, מ׳קען אייך 60
„מידה כנגד לאָקשן״ 64
נישט דערקענט די אייגענע סוסים 68
אַז ברײַנדל וויל, שיסט אַ בעזעם אויך 71
אדם און חוה אין תל־אביבער גן־עדן 73
די אַלמנה מיטן געלט־קניפּל 75
ווי אַזוי ווייכע־מירל פון אבו־כביר האָט געכאַפּט אַ נאַכט־סאַטיר 78
עלי־וועלוול דער היטלמאַכער 82
אַ שטעקן האָט צוויי עקן 85
אַ פרייער מענטש... 88
פאַרביטן די יוצרות 91
ווי אַ פיש אין וואַסער 94
אַ פאָרציע איידלקייט 97
אַ גאַנצער מאַכער... 100
וווּ זיינען די דאָלאַרן? 103
אויס קנאַקער 106
דער שטרויענער אַלמן... 109
אַ ליבע אויף אַראַביש 112
„אַ סך מיט נאָך״ 115
אימת המלכות 117
שטיוול מיט אויערן 120
דעם אַלטן קענערס אַן אייניקל 123
אלה ברכב ואלה בסוסים 126
גוטע־ברידער זענען זיי געווען 129
ווי בוימל אויפן פּייער 131
ווען די ימען זאָלן זיין טינט 134
מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל 137
אויפן גלייכן וועג 140
זיי האָבן געמאַכט פון שניי גאָמול־קעס 143
„יהיה טוב״ 145
ויצא יאַנקל מבאר־שבע 149
די ווייבער פון „שלמה המלך״ 152
לקונה עבדיו בדין... 156
ווען אויפן הימל באַווייזט זיך אַ האַלבע לבנה 160

ווייטער גייט אַ באַן... 163
אַ בשותפותדיקע קיך 167
אַ מזל פון אַ לאַקשנבערעט... 169

פון ראַבינאַט

די שוואַרצע דאַמע 175
לא תחמוד... 179
אַ מענטש צום טיש 182
דאָס געסל פון רחמים 185
דער פייפנדיקער טשייניק 188
פרייטיק אויף דער נאַכט 191
אַ יפהפיה פון תל־אביב 194
אַ כלב שבכלבים 198
קישקע־געלט 201
אַ נאַר אויפן מאַרק... 204
ווען פרייט זיך אַ הויקער.. 207
בין איך מיר געפאָרן קיין אַדעס... 211
אַ גליק האָט אים געטראָפן 215
מוינע פון בלוינע 219
קול קורא במדבר 223
אלה תולדות נח 228
אויס מענטש... 231
סודות פון שלאָפצימער 234
אַז מען האָט זיבן טעכטער... 237
געקומען צום גרייטן 240
דאָס טעלערל פון הימל 243
שניים אוחזין בטלית... 246
מבין כל בשר... 250
האָט אַ יאָלד אַ קאַפּעלוש 252
נחת און פרייד 255
געגעט זיך און צוריק חתונה געהאַט 258
נאַר בלייבט נאַר און מקח בלייבט מקח 260
פּייגע ביילע וויל נישט קיין שוסטער 263

פון גאַס

רויטע רויזן 269
דאָס קופּערטל פון ששת ימי בראשית 271
אַ טאַטעס אַ קינד 273
אין מעקלערישן קאַפעהויז 276
אויף די אַלטע יאָרן... 279
פון טויט לעבעדיק 282
יאָקל דאַנדל 286
אַ שוסטער־יונג 288
אין אַ כאַמסין־טאָג 291
דאָס פערד פילט נישט די בייטש 293
דור הולך ודור בא 296
די קאַרטן־לייגערין 299
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע... 302
די זעכציקסטע גאַס 305

בילדלעך פון צפת

דער „לכה דודי״ 311
דער מדינה־גייער 313
דער „נחש הקדמוני״ 316
אַבי געקריגט זיך 317
דער כנעני ואמורי 318
די „ראַטאַנדע״ 319
אַ נסיעה אין נגב 323

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה":

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן)

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעווינ־לעכן מענטש).

מיכאל ווייכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **יידישע אַליינהילף.**

מיכאל ווייכערט — **מלחמה 1939—1945**, זכרונות 3טער באַנד.

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום**, לידער.

לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער**, מיט אַ פאָרוואָרט רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פרעזידענטס פרוי (פרעמירט פון דיאַנאַ־בלומענפעלד־פאָנד).

אבא גאָרדין — **שלמה המלך**, היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה**, זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור). — העברעיש.

יוסף פאַפיערניקאָוו — **פרי גני (פירות פון מיין גאָרטן)**, (לידער אין העברעיש).

ד"ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ**, אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער. (פרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** (עברית־יידיש), (פרעמירט פון קעסל־פאָנד אין מעקסיקע).

יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פערזן. 2־טער **באַנד.**

פּיאַטער ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).

ד״ר ר. בן־שם — **אני והוא.** פסיכולוגיה פרוידיאנית (העברעיש).

רחל אוירבך — **מרד גיטו וארשה** (העברעיש).

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן** (ענגליש).

הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.

י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.

א. בוסתן — **חיים ווייצמאַן, לעבן און ווערק** (פּרעמירט פון קעסל־פאָנד).

יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס,** ראָמאַן.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.

ד״ר ח. שאָשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**

ד״ר ח. שאָשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאָשקעס** (העברעיש)

א. גאָפּלאַט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פריילעך.

יוסף זשעמיאַן — **די פּאַפּיראָסן־הענדלער פון פּלאַץ דריי קרייצן.**

ש. ראָזענבערג — **שבתי צבי.** היסטאָרישער ראָמאַן.

ב. אפשטיין — **בערבות הפאמפה** (העברעיש)

ד״ר י. הרציג — **נדודי במלחמה ויאסלו עירי** (העברעיש)

ספר יזכור — **קוסוב** (הוצולסקי).

ז. בונין — **פון פרילינג ביז האַרבסט.** לידער און פּאָעמען.

מלכה חפץ טוזמאַן — **שאָטנס פון געדענקען.** לידער.

ל. קוסמאַן — **בלעטער רוישן.** לידער.

י. כהן — **אין פלאַם פון דאָרן.** לידער.

אפרים קאַגאַנאָווסקי — **די טונקעלע דירה** (מיין קינדהייט).

בערטאַ פערדערבער־זאַלץ — **און די זון האָט געשיינט.**

מיכאל וויכרט — **מסילת־חיים ומשעוליה** (העברעיש).

י. א. גלבוע — **העברעישער ביכער־שאַנק.**

מ. ח. רוטבלאט — **פכים קטנים.** ביקורת ספרותית ובעיות החנוך העברי באמריקה.

י. איידלמאַן — **פון געריכט, פון ראַבינאַט, פון גאַס.** רעפּאָרטאַזשן.

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן.** 7 סיפורים און נאָך איינער.

א. בייזער — **פיר זענען זיי געווען.** ראָמאַן.

מ. ש. גשורי — **ירושלים עיר המוסיקה** (העברעיש).

מ. באַלבערישסקי — **שטאַרקער פון אייזן.**

הרב שמעון הובערבאַנד — **קידוש השם.**

הרב שמעון הובערבאַנד — **קידוש השם** (העברעיש)

י. ד. בערקאָוויטש — **אונדזערע ראשונים** (5 בענדער).

י. פּאַפּיערניקאָוו — **מיין שיר־השירים** (צווייטע אויפלאַגע).

מ. ריינעס־מעלצער — **זון דורך וואָלקנס.**

פנקס פלוצק — **עיר ואם בישראל שנכחדה** (עברית יידיש)

י. זילבערבערג־כאַלעוואַ — **מענטש און פאַלק.**

ד״ר עמנואל פּאַט — **האַרץ־קראַנקהייטן.**

י. כהן — **בין השמשות.** לידער.

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

ש. אַש — **דער נביא.**

מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך.** (2 בענדער).

מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועסן.**

יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**

יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**

יצחק פּערלאָוו — **מיינע 7 גוטע יאָר.**

לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**

ז. שניאור — **די משומדתטע.**

אַלמאַנאַך **פון די יידישע שרייבער אין ישראל,** 1963.

יוסף שטשאָווינסקי — **אונטער איין דאַך.** דערציילונגען.

"Hamenora" Publishing House
24, Zangwill Str.
Tel-Aviv, Israel